NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13443

DERTSEYLUNGEN UN

Itzik Kipnis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ערציילונגען

שול־ביבליאָטעק

פריוואטע ביבליאטעק
משה אדאנער
ניו-יאדק

איציק קיפניס

דערציילונגען און מייסעס

צענטראלע יודישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

מעלוכע-פארלאג פאר די נאציאָנאלע מינדערהייטן אין אוססר
קיעוו — 1940 — לחאוו

Printed in Soviet Union

Художник: Р. Мельничук
Художн. ред.: Ю. Яхніс.
Редактор: Р. Баляєна
Техредактор: Г. Вортман
Коректор: Ш. Мейдман.

„Укрдержнацменвидав". Рукопис № 536/248. БФ. 2169. Зам. № 463/1. Друк. арк. 11. Папер. арк. 5,5. Обл.-авт. арк. 8,44. Формат паперу 70×92. Здано на виробництво 16. IX. 1940 р. Підписано до друку 27. XI. 1940 р.

III. Друкарня У. П. Т. — Львів, Ліндего 4. Тираж 2500.

Якщо в цій книжці будуть дефекти, просимо повернути її для заміни на адрес: 3-тя Друкарня УПТ — Львів, вул. Ліндего 4.

טאָראָנטער ייִדישע ביבליאָטעק
אַרכיוו



צי ס׳קעדיי זיך הענגען אַף טראַמווייען

א כאַכמע א גרויסע זיך אַנכאַפּן פאַרן אונטערשטן אָדער מיטלסטן הענטל פון טראַמוויי און זיך דורכפאָרן א ביסל! דאָס איז גאָר ניט קיין כאַכמע, ווייל אַזעלכס קאָן יעדער יאַט! צי קאָן אָבער ווער פון די כעוורע מאַכן, אַז ס׳זאָלן אים צוּוואַקסן די פיס, ווען דער טראַמוויי שנײַדט זיי אָפּ, אָדער צוריק צושרויפן דעם קאָפּ, ווען א ראָד טיילט אים אָפּ פונעם קערפּער? אהא, אָט דאָס קאָן קיינער ניט, און כעוורע, וואָס ס׳האָט מיט זיי אַזעלכס געטראָפן, זײַנען פאַראַן. די, וואָס זײַנען שוין אינגאַנצן געהאַרגעט אַף טויט, זע איך שוין ניט, אָבער די, וואָס אָן איין פוס אָדער אָן צוויי, זע איך. און זייער קלוג האָט א יאַטל איבערגעאַנדערשט אַף זיך אַליין דאָס רוסישע ווערטל „ליוביש קאַטאַטסיא". ער זאָגט: „ליוביש קאַטאַטסיא נא טראַמוואיאַכ, ליובי כאָדיט בעז נאָהי". טאַנצט ער, נעבעך, אַרום נאָך אַזא קליינינקער קאַדובטשיק אַף א מיליצע, איין קאַלאָשע איז בא אים אינגאַנצן א לידיקע, און די מיליצע אונטער דער לינקער האַנט איז בא אים זייער א נידעריקע.

ער הייסט מיכײַליק, הייסט ער. נאָר איצט וויל איך דערציילן ניט וועגן מיכײַליקן, נאָר אסאך א פראָסטערע געשיכטע, פון ליאָווקע ביסטריצקין, וויאַזוי ער האָט זיך געקאַטײַעט אפן טראַמוויי.

איינמאָל האָט די מאמע אָנגעזאָגט ליאָווקען, אז נאָך דער שול זאָל ער צוגיין צום טאַטן אף דער ארבעט און דאָרטן נעמען בײַם טאַטן דאָס געהאלט און ברענגען אהיים, ווײַל זי מיט אים גיין אין אוניווערמאַג אים נעמען א פאַלטאָ. ליאָווקע ביסטריצקי האָט דאָס גוט געדענקט, נאָר, אז ער איז ארויס פון גאַס „דריטער אינטערנאַציאָנאַל", וווּ די שול זײַנע געפינט זיך, און איז ארויף אף קאַראָלענקע גאַס, האָט ער דערזען, ווי דער טראַמוויי לויפט פונקט פון דאָרטן, פון יענער ריכטונג, וווּהין ער דאַרף גיין.

ליאָווקע טוט זיך א קראַץ מיט דער רעכטער האַנט אונטערן לינקן אויער.

— אַך, — טוט ער זיך א טראַכט, — כאָטשבי איין ביסעלע וועל איך זיך דורכקאַטײַען אפן טראַמוויי... מײַלע, איך וועל שוין צוריק אָנלייגן א ביסל וועג.

געזאָגט און געטאָן. דער טראַמוויי איז שוין פארבײַ אים דורכגעלאָפן, און ליאָווקע צעלאָזט זיך אים דעריאָגן. לויפן קאָן ער דאַפקע. די ביכער מיטן פענאַל טראַסקען אין רענצל. ווער הערט זיי! זע, זע, אָט־אָ האַלט זיך שוין ליאָווקע פאַר א הענטל און דאַפקע פונעם פאָדערשטן גאַנעקל, און ער פאָרט — נאָך א מין פאָרן, און ער קוועלט — נאָך א מין קוועלן, און די טשופרינקע פאָכעט זיך אפן ווינט שוין איינמאָל. יאָ, אָבער דער טראַמוויי איז נאָך ניט פארפאָרן ביזן קליניש אינסטיטוט, ווי א פענצטער מיט א דינער, גאָר דינער ראַם פונעם וואַגאָנפירערס קאַבינקע הייבט זיך פאַמעלעכקע אונטער, און א טונקעלע פעסטע האַנט נעמט אָן פארן אַקסל. אנו, טרעפט ווּעמען? טאַקע ליאָווקען, ליאָווקע ביסטריצקי. נאָר אָנגענומען פעסט, ווי ס'באַדאַרף צו זײַן, וואָרעם ליאָווקע, ווי ער האָט נאָר דערפילט א האַנט, האָט ער שוין געוואָלט, ווי זײַן געוווינשאַפט איז, מיט א זײַטל א שפרונג טון און שוין אויסוואַקסן אפן צווייטן טראָטואַר. אָבער ווי זאָגט מען עס? — ניע טוט־טאָ בילאָ! — ליאָווקע דריגעט מיט די פיסלעך, טעלעפּעט מיט די הענט, נאָר דער אַקסל איז ווי צוגעשמידט. אז דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט אף אַרויסלאָזן און אָנעמען

פארשוינענ, האָט דער באלעבאָס פונ דער טונקעלער פעסטער האנט ארויסגעשטעקט די צווייטע האנט פונ דער טיר אונ אריינגענומענ ליאָוקעלע ביסטריצקינ צו זיכ אינ קאבינע אריינ. די מענטשנ לאכנ, נאָר דער טראמוויי האָט קיינ צייט ניט שטיינ דאָ אונ לאכנ מיט זיי. דער טראמוויי קלינגט — די רעדער הרימענ איבער די רעלסנ, ליאָוקע רייסט זיכ פונ די הענט, ליאָוקע איז שוינ ניט ליאָוקע, ער איז שוינ א צעקראָכענער, איז ער שוינ. ער קרימט פיסקעס אונ וויינט, פריער שטיל, דערנאָכ הויכ, דערנאָכ רעוועט ער שוינ, ווי א ביק.

— שטילער א ביסל, — מאכט צו אימ דער וואגאָנפירער, — דו ווילסט דאָכ פאָרנ — פאָר!

ליאָוקענ איז דאפקע געפעלנ געוואָרנ, וואָס מע רעדט צו אימ אזעלכע פראָסטע, ניט קיינ בייזע, ניט קיינ באַרויגעזע רייד. אָבער ס'אימ ניט געפעלנ געוואָרנ דער שמייכל אינעמ וואגאָנפירערס שטעכיקער באָרד אונ אינ די גרויסע אויגנ. דאפקע א גוטער שמייכל, נאָר ווענ ער רייצט זיכ ניט מיט אימ.

— יאָ, פאָרנ, — האָט זיכ שוינ ליאָוקע אָנגערופנ נאָכ אלצ מיט א וויינענדיקנ קאָל, — וווהינ וועל איכ פאָרנ???

— ניט וויט, — האָט אימ דער וואגאָנפירער געענטפערט, — דו ווייסט דענ גיט, ווו די מיליציע איז? מיר שטעלנ זיכ דאָרטנ אָפ.

אז ליאָוקע האָט דערהערט מיליציע, האָט ער זיכ ערשט צערעוועט גאָר אָפ אנ אנדער אויפנ:

— לאָזט אָפ... איכ וועל שוינ מער ניט... די מאמע וועט וואַרטנ... איכ דארפ נאָכ גיינ צומ טאטנ אפ דער ארבעט... אוי — אוי — אוי, לאָזט מיכ שוינ אָפ...

— ביסט א מיזונ, ווי ס'רעוועט? — אזויווי עמעצער וואָלט פונ אימ געשניטנ פאסנ! וויאזוי רופט מענ דיכ?

— ליאָווע־ע־ע...

— אהא, ליאָווע. טאָ סלינע ניט אזוי, ליאָווע. זינט איכ האָב געזענ ליאָוועס, האָב איכ נאָכ ניט געזענ, אז אבי־וועלכער ליאָווע זאָל איבער אזא נישטיקייט פארגיסנ אזא יאמ מיט טרערנ... נאָכלויפנ אונ זיכ אָנהענגענ פאר די הענטלעכ פונ טראמוויי קאָנסטו — דרינג, דרינג — דרינג — דרינג טשוהא — טש־ש־ש־ש, — פארשטייסטו שוינ, ליאָווע? איכ וועל דיר גאָרניט טונ, אינ מיליציע וועט מענ דיר

אויך גאָרניט טון. מ׳וועט נאָר פֿאַרשרײַבן דײַן אַדרעס, וווּ דו וווינסט, און דײַן אַדרעס, וווּ דו לערנסט, אַז ס׳זאָל דיר זײַן, — דרינג — דרינג — דרינג טשוהאַ—טשוהאַ—טש־ש־ש־אַ, — אַ נאָוקע, אַז אויב דו ווילסט האָבן גאַנצע פֿיס, ווילסט האָבן אַ גאַנצן קאָפּ, טאָ הענג זיך ניט אָפּ די טראַמוויַיען.

אַ מאָדנער „דיאַדיע״ אָט דער וואָגאָנפֿירער. קיין שלעכטער איז ער ניט, ריידן רעדט ער מיט גוטן און גיט אַזוי פֿײַן צו פֿאַרשטיין, נאָר אַז ס׳קומט צום אָפּלאָזן, זאָגט ער: „מעט דיר דאָרט גאָרנישט ניט טון״. ער גלייבט שוין דאַפֿקע, ליאָווע, אַז מע וועט אים דאָרט גאָרנישט ניט טון, נאָר אָפּ וואָס דאַרף ער עס? און אָנאָ גייט נאָך אַזוינע אָפּצולאָכעס פֿון זײַן קלאַס אַ מיידעלע, ריוועלע שיף. ליאָווע האָט אָפּגעקערט די אויגן. ס׳איז אים געווען ערגער פֿון אַלץ, וואָס זי וועט אים דאָ־אָ זען אַ פֿאַרוויינטן... ער האָט זיך אָנגעבויגן אַ ביסל נידעריקער און אַרײַנגענומען אַלע פֿיר פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט אין מויל אַרײַן און האָט פֿאַרקוועטשט מיט זיי די אונטערשטע ציין מיט דער יאַסלע. אַך, ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער עס איצט אַ ביסל געוויינט!

און דאָס איז שוין קימאַט אַלץ. ס׳גאָרניט, וואָס די מאַמע האָט אים געזוכט דענסטמאָל גאַנצע צוויי שאָ אין שול, אין באָם טאַטן אָפּ דער אַרבעט. ס׳איז אויך גאָרניט, וואָס ריוועלע האָט אים אָפּמאָרגן אומעטיק געקוקט גלײַך אין די אויגן און האָט געשוויגן. ריווע איז אַ גוטער כאַווער. ריוועס טוט באַנג, טאַמער האָט עמעצער פֿון איר׳ע פֿרײַנט אומאַנגענעמלעכקײַטן. אָבער דאָס איז שוין אַלץ גאָרניט... ס׳האָט זיך שוין אַלץ פֿאַרגעסן. נאָר וואָס יאָ? איצט, אַז ליאָווקע דער־זעט, אַ טראַמווײַ לויפֿט אין גאַס, איז אָט־אָט טוט זיך, דוכט זיך, ליאָווקע אַ יאָג און הענגט זיך אָן. אָבער ניין. ער דערמאָנט זיך אין יענעם באַטאָג און בלײַבט שטיין. ער שרײַט נאָר אויס צו אַ צווייטן יאָט:

— כאַימקע, לויף, לויף, וועסט שוין האָבן מאָרגן אין שול!

און צו די קינדער, וואָס גייען לעבן אים, פֿאַרענדיקט ער:

— ראַז מע זאָגט, אַז מע טאָר זיך ניט הענגען אָפּ די טראַמווײַען, טאָר מען ניט.

אמאָל איז געווענ, אָדער די וועלט איז היילעכדיק

דאָ ווערט דערציילט וועגנ דעמ נײַעמ אײַזנ־באנ, וועגנ דער באבע סאָרע־קיילע, וויאזוי זי פאָרט אויסקוקנ א וועלט, וויאזוי די באבע קיילע מאכט אנ אנטדעקונג און פארשאפט זיכ אסאכ פרייד מיט דעמ.

פונ קיינ אעראָפלאנענ האָט מענ נאָכ ניט געהערט, קיינ אוטאָמאָבילנ האָט מענ נאָכ אינ די אויגנ ניט געזענ און אפילע מיט קיינ באנ איז נאָכ ניט יעדערער געפאָרנ, — אָט דעמלט האָט זיכ עס געטאָנ.

דורכ דעמ שטעטעלע כניטקאָווקע האָט אָנגעהויבנ גיינ דער נײַער אײַזנבאנ. אלט און יונג זײַנענ געלאָפנ קוקנ אפ די „וווּנדער", וויאזוי מע זעצט זיכ עס ארײַנ — אסאכ־אסאכ מענטשנ אינ א שטוב, און סע פאָרט זיכ, מע פארשפאָרט נאָר אָקסנ און מע פארשפאָרט נאָר פערד. פונפאָרנט שטייט צונעשפאנט א שווארצע

„שקאפע" מיט רעדערדיקע פיס און מיט אײַזערנע גערעמ, וואס הוסט מיט רויכ און אטעמט מיט פײַער. יעדער גיס, וואס זי גיט, דערהערט מענ פאר א ווערסט, און אז זי טוט א רעווע, ציטערט אונטער איר די ערד. אזא מינ שקאפע גייט עס דארט געשפאנט. זײַנענ טאקע די סניטקאווקער לײַט געקומענ און זיכ ניט געקאנט זאט אנקוקנ און זיכ אנבידעשנ צו זעט.

אנדערע, די מערער גליקלעכע, האבנ טאקע אײַנגעשטעלט. זיי האבנ געקויפט ניט קיינ טײַערע באנ־בילעטנ און זײַנענ זיכ דורכגעפארנ: ווער ס'איז געפארנ צוליב האנדל, ווער ס'איז געפארנ דינענ און זיכ זוכנ ארבעט אינ דער פרעמד, און אנדערע זײַנענ גלאט געפארנ אויסקוקנ א וועלט.

און דא האט זיכ דער באבע קיילענ, דער אלטער סניטקאווקער בייגל־בעקערנ, אויכעט פארגלוסט זיכ אופזעצנ אפנ באנ און מאכנ א נעסיע. ווער ווייסט, וויפל ס'איז נאכ איר באשערט צו לעבנ. און גלאט אזוי אוועקשטארבנ און קיינ איינ מאל ניט פארנ מיט דער באנ, דאס האט זי ניט געוואלט.

ווהינ צו פארנ האט זי פארשפארט לאנג טראכטנ. אינ גרינשפוליע, פאר דרײַ שטעט פונדאנענ, ווינט א זייגערמאכער מיטנ נאמענ פישל. איז דער דאזיקער פישל אקוראט אירער — סארע־קיילעס — אנ אײגענער ברודער.

קיינ סאכ ברידער האט זי ניט, די באבע קיילע, און זי האט זיי, דעמ עמעס געזאגט, קיינמאל ניט געהאט — ער איז טאקע בא איר אנ איינ און איינציקער, און זינט זי האט זיכ מיט אימ געזעגנ, איז, פארשטייט איר מיכ, דורכגעגאנגענ ניט קיינ סאכ און ניט קיינ ביסל, אבער פיר און צוואנציק יאר איז שוינ דא אינ דערינענ. וויל זי ניט הערנ, וויאזוי די אייניקלעכ מיט די טעכטער רעדנ זי אפ פונעמ פארנ. וויבאלד די באבע קיילע זאגט פארנ, וועט עס שוינ זײַנ געפארנ.

זי האט זיכ דערפרעגט בא לײַטנ, וויאזוי מע פארט קיינ גרינשפוליע, צי דארפ מענ מיט זיכ ניט מיטנעמענ אזעלכע כאלאשעסטראפנ, קעדיי דאס פארעכצ זאל איר ניט פארשאטנ, און וויפל מאל דארפ זיכ דער נײַער אײַזנבאנ אפשטעלנ, ביז ער וועט קומענ קיינ גרינשפוליע. הענגנ אלצ האט די באבע־קיילע אויסגעפרעגט.

און אזויוי דער טאג דינסטיק איז געווענ פארעכנט פאר א גוטנ

טאָג, האָט זיך די באָבע קיילע אויסגעקליבן דעם ערשטן דינסטיק און איז אין א גוטער שאָ ארויסגעפאָרן.

זי האָט אָפּגעציילט, וויפל מאָל דער באַן האָט זיך געדאַרפט אָפּ־שטעלן ביז גרינשפּוליע, און איז אַראָפּ אין שטאָט אַרײַן. באַלד האָט די באָבע קיילע געפרעגט בא די מענטשן, ווו ס׳וווינט דאָ דער זייגער־מאַכער. האָט מען זי אַהין אוועקגעפירט, וואָרעם דעם זייגערמאַכער האָט מען דאָ אַלע אין שטאָט גוט געקענט, און יעדערער האָט גע־ווּסט, ווו ער וווינט.

די באָבע קיילע איז שוין געגאַנגען נישט אַליין, ס׳האָבן זי גע־פירט מענטשן אַסאַך. און ווײַט זי פירן האָט מען פאַרשפּאָרט, וואָרעם אָט איז דאָך שוין די שטוב.

אַז די באָבע קיילע איז אַהין אַרײַן, האָט זי דערזען, ווי דער אַלטער זייגערמאַכער זיצט באַם ווערקשטאַטל מיט א ווײַבערשער שאַל אַף די פּלייצעס. ס׳איז שוין אַוודאי ניט יענער פישל, וואָס איז אַמאָל געווען — נעבעך אַלט און געבויגן. נישקאָשע, די אַלטקײַט מאַכט א גוטן טעל פון א מענטשן. עפּעס א קלייניקײַט — פיר און צוואַנציק יאָר זיך ניט געזען! און זי איז אים אַרופגעפאַלן אַפן האַלדז, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזא מין פײַערלעכער שאָ. אָבער דער אַלטער זייגער־מאַכער האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון דער באָבע קיילעס הענט, און ער איז געוואָרן אַזוי בייז, אַז ער האָט זיך אויש פאַרהוסט.

— זע נאָר, — מאַכט די באָבע קיילע, — אַזוי באַגעגנט מען עס א שוועסטער, מיט וועלכער מע האָט זיך פיר און צוואַנציק יאָר ניט געזען?

אָבער דער אַלטער זייגערמאַכער איז געוואָרן נאָך בייזער און האָט זיך צעשריגן פאַר איטלעכן אין די אויגן, אַז ער בעט, זי זאָל ניט מאַכן קיין שטיק. ער האָט קיין מאָל אַף זײַן לעבן ניט געהאַט קיין שוועסטער און ניט געוואָלט קיין שוועסטער, און ער וויל זי איצט אויך ניט!

— אַהאַ, פּישעלע, גאָר אַזוי די מײַסע? — האָט שוין סאָרע־קיילע אָנגעהויבן גאָר אַף אַן אַנדער אויפן.

דערהערט דעם נאָמען „פּישל”, איז דער אַלטער אויש אונטער־געשפּרונגען:

— וואָס? — זאָגט ער. — פישל איז אײַער ברודער! אָט־אָט

יענער אָ, דער באַנדער פונ גרינשפוליע ??? אָט אזוי־זשע רעדט !..
טאָ פּאָרט־זשע, זײַט מויכל, אהינ — קײנ גרינשפוליע !..

און די באָבע קײלע האָט זיך דערוווּסט אײנע קלײניקײט, אַז זי איז אַראָפּ אַ ביסל צו פֿרי... זי איז אַראָפּ קײן סאָראָקיווקע, און מע האָט זי פֿאַרפֿירט צום אַלטן און בײזן זישען, וואָס איז אין קאָס אויף דער גאַנצער וועלט זײגערמאַכערס און צווישן זײ אויך אויף דער באָבע קײלעס ברודער, אויף פֿישלען, און דערפֿאַר האָט ער אויף אים געזאָגט „באַנדער".

נו, אויב אַזוי, האָט די באָבע קײלע באַשלאָסן, וועט זי ניט מאַכן קײן סך טײנעס און וועט גיכער לויפֿן צוריק צו דער באַן... גאָר ניט קײן סך פֿאַרעכץ און ס'וועט שוין טאַקע זײן ניט סאָראָקיווקע, נאָר די עמעסע גרינשפּוליע.

די באָבע האָט אָפּגעצײלט דריבנע געלט פֿון דער פּאַטשײלע און האָט ווידער געקױפֿט אַ בילעט און זיך אַרײַנגעזעצט אין באַן.

וויאַזוי מע פֿאָרט מיטן נײַעם אײַזנבאַן, ווײסט זי שוין. און אַז דער באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז זי אַראָפּ שוין אין דער נײַער שטאָט, וווּהין זי האָט געדאַרפֿט, און די נײַע שטאָט איז איר, דעם עמעס געזאָגט, זײער געפֿעלן געוואָרן. דאָ איז איר אַלץ מיטאַנאַנד זײער שטאַרק געפֿעלן געוואָרן דערפֿאַר, ווײַל די נײַע שטאָט איז מיט אַלע פּישטשעווקעס געראָטן אין איר הײמישער שטאָט, אין סניטקאָווקע: די זעלבע פּלױטן, די זעלבע גערטנער, די זעלבע הײַזער, פּונקט ווי בײַ איר אין אײגענער שטאָט.

אַז זי האָט לעבן באַן אַ פֿרעג געטאָן בײַ די מענטשן, וויאַזוי גײט מען צום היגן זײגערמאַכער, האָט מען איר געענטפֿערט, אַז דאָ אין שטאָט איז קײן זײגערמאַכער ניטאָ... אַמאָל מיט אַ סך יאָרן צוריק איז דאָ דאַפֿקע געווען אַן אײגענער זײגערמאַכער, נאָר ער האָט כּאַסענע געהאַט אין אַן אַנדער שטאָט, און אַהער קומט ער מער ניט.

שוין ווײַטער עפּעס אַ צאָרע, האָט די באָבע קײלע אַ זאָג געטאָן צו זיך אַלײן. נאָר אַזוי ווי זי האָט פֿײַנט געהאַט זיך נעמען פֿון יעדער נאַרישקײט צום האַרצן, האָט זי ניט געמאַכט פֿון דעם קײן איבעריקן ראַש און איז אַוועק ווײַטער, טאָמער וועט איר אַ צווײטער עפּעס געבן בעסער צו דערקלערן.

— וואָס? איר זײַנט ניט קײן היגע? — האָבן זיך געוווּנדערט די איבעריקע מענטשן.

— אַ מאָשל אַ ביסל! — האָט די באָבע קײלע מיט שטאָלץ

געענטפֿערט. — אַ טאָג אַ יאָר, אַז איך פֿאָר מיט דעם נײַעם אײַזנבאַן, און איך זאָל נאָך אַלץ זײַן אַ היגע ?.. איך פֿאָר צו גאַסט, צו מײַנעם אַ ברודער פֿאָר איך.

און זי איז אַוועק ווײַטער.

אָבער וואָס ווײַטער זי גייט, איז אַלץ מער איר געפֿעלן די נײַע שטאָט. „ס'זאָל גאָר פֿעלן אַ האָר — סניטקאָווקע".

„צוויי לײַבלעכע שוועסטער זײַנען גאָר ניט אַזוי געראָטן איינע אין דער אַנדערער, ווי די דאָזיקע צוויי שטעט זײַנען געראָטן".

אָנאָ איז אַ גאַס, — איז עס פּונקט איר גאַס!.. אָנאָ איז אַ שטוב, איז עס פּונקט איר שטוב!

— אַנו, — קלערט די באָבע קיילע, — אַהער מוז איך אַרײַנגיין, איך זאָל אַפֿילע וויסן איך־ווייס־ניט־וואָס! איך מוז אַ קוק טון, וואָס פֿאַר אַ מינים מענטשן וווינען עס דאָ. מע וועט דאָך מיך, כאָלילע, פֿונדאַנעט ניט אַרויסטרײַבן...

און ווי די באָבע האָט נאָר אָן עפֿן געטאָן אַהין די טיר, אַזוי האָט איר אַ שלאָג געטאָן מיט באַקאַנטן בייגל־געבעקס, און ס'זײַנען איר אַרויסגעלאָפֿן אירע אייגענע טעכטער מיט די אייניקלעך אַנטקעגן.

— מאַמע, אַזוי גיך ? — האָבן זי די טעכטער אַ פֿרעג געטאָן.

— באָבע, אַזוי גיך ? — האָבן זי די אייניקלעך אַ פֿרעג געטאָן. — נו, וואָס מאַכט עפּעס דער פֿעטער פֿישעלע ???

די באָבע האָט אויפֿגעהויבן בײדע הענט אַרויף. טרערן פֿון פֿרייד האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן, און זי האָט אַזוי געזאָגט:

— אַך, מײַנע ליבע קינדער, ס'איז דאָך ווונדער איבער ווונדער. ווען ניט דער נײַער אײַזנבאַן, וואָלט איך דאָך קיינמאָל ניט געוווּסט, וויאַזוי די וועלט איז קײַלעכדיק. איצט וועל איך שוין, מירצעשעם, אַלע יאָר זען פֿאָרן מיט דעם נײַעם אײַזנבאַן נאָר צוליב פֿאַרגעניגן.

די קינדער האָבן גיכער גענומען גרייטן צום טיש פֿון זייער ליבן גאַסט וועגן, און די באָבע קיילע, וואָס האָט זיך שוין טאַקע זייער אויסגעהונגערט פֿאַרן טאָג, האָט זיך מיט גרויס כיישעק צוגעכאַפּט צו דער וועטשערע, אָבער זי האָט זיך נאָך לאַנג ניט געקאָנט אָפּ־לויבן פֿון דער וועלט מיט אירע כידושים און פֿון דער נײַער אײַזנבאַן, וויאַזוי מע פֿאָרט און מע טרעפֿט צוריק אָפֿן זעל־ביקן אָרט!!!

די נאשערנ

דאָס איז דער מומעס קאַץ. אַ שוואַרצע מיט ווײַסע פלעקן.

מיר האָבן זי הײַנט אַלע געטריבן פון שטוב. אונדזער האַס איז געווען אַזוי גרויס צו איר, אַז מיר האָבן זי אַפילו ניט געשלאָגן, נישט געשטופּט מיטן פוס, ווי סע מאַכט זיך אָפט. מיר פלעגן זיך נאָר אָפּקערן פון איר. און עפּשער האָבן מיר זי נישט געטשעפּעט דערפאַר, וואָס אָט דאָ־אָ פון יענער זײַט וואַנט (בײַ דער מומען אויפן אויוון אין זיפּ) האָט זי פיר קליינע קעצעלעך, שוואַרצע מיט ווײַסע פלעקן, אַזוי ווי זי אַליין, און דאַפקע שיינע — אויך ווי זי אַליין.

„נאַשערן" — האָט איר די מאַמע אונדזערע אַ נאָמען געגעבן. מיר אַלע אין שטוב האָבן פון איר קיין שלעכטס נישט אַרויסגעזען, נאָר די מאַמע, אַז זי זאָגט, ווערט זי אין דער וועלט אַרײַן נישט זאָגן.

בײַ אונדז אין פאָדער־הויף, עטוואָס נענטער, אַנטקעגן אונדזערע פענצטער, שטייט אַ שטיקל כורוועלע, וואָס איז אַמאָל געווען אַ גאַר־

באַרניע, נאָר איצט איז דאָס פון אַלטקייט אָפּגעלאָזן און ס'פּוסטע־
וועט מיט פאַרמאַכטע טירן אַן שלעסער, און דאָס הויפל, וואָס איז
פאַר דעם געווען, איז איצט אויסגעאַקערט, אַרומגעצוימט און פאַרזייט
מיט גאָרטנוואַרג.

אַקוראַט קעגן אונדזערע שטוב־פענצטער געפינען זיך צוויי־דריי
לאַנגע שמאָלע בייטלעך מיט מעזשעס בײַ די זײַטן. איך קום זעלטן
אַהין. דער טאַטע מיט זײַן אַלטער זילבערנער באָרד און מיט די
פאַרקאַטשעטע אַרבל פּאָרעט זיך דאָרט אָפּטער: ער באַגיסט פון
אַ קענדל די מערן, וואָס ווילן ניט אויפגיין (מע האָט זיי שפּעט גע־
זעצט), ער שטעקט אַרײַן טיטשקעס אין די פּאַסאָליעס. בײַ דעם
העלף איך אים אונטער. איך טראָג צו די פּאַראַיאָריקע טיטשקעס
פון שטאַל. און די שטעקנס, בײַ וועלכע די שפּיצן זײַנען צוגעטעמפּט
אָדער אונטערגעפוילט, טעסעט הערשל צו מיטן העקעלע אויף אַ קלעצל.
מײַן עלטערער ברודער הערשל איז אַ הויך, דאַר ייִנגל. ער האָט
שוואַרצע אויגן, שטאַרק שוואַרצע האָר און קרעפּטיקע מוסקולן אויף
כידושים. אײַ, קלעטערט ער גוט! ער דאַרף הײַנטיקס יאָר אָנקומען
אין טעכניקום. די זיבניאָריקע שול האָט ער נאָך פאַראַיאָרן געענדיקט.

אַז ער האָט געענדיקט טעסען די טיטשקעס, האָט ער זיך מײַסע־
גרויסער אָנגעשפּאַרט אין שטאַל־טויער און עפּעס גענומען אַכטונג
געבן מיט זײַן בליק. ער האָט אַ טעווע, הערשל, פלינק צו באַמערקן
זאַכן, וואָס טוען זיך אַרום אונדז. בײַ אים זײַנען אי דאָס אויג, אי דער
געהער שאַרפערע, ווי בײַ מיר.

— ביסט אַ מיוון, — מאַכט ער צו מיר, — אָט אויף דעם־אָ פייג־
געלע? עפּעס אַזוווי ס'קריכט אַליינ אין די הענט אַרײַן.

איך האָב לאַנג געזוכט מיטן אויג, וואָס פאַר אַ פייגעלע ער מיינט.
דאָ פליִען אַרום פייגעלעך אַסאַך. ערשט — ס'טאַקע ריכטיק! נאָענט
לעבן אונדז, אויף אַ גאָרוואָס אַרײַנגעשטעקטער טיטשקע מיט אַ צווײַ־
געלע פונויבן, שטעלט זיך אַלעמאָל אוועק אַ פייגעלע, טוט זיך
אַ הוידע — צי ס'ווילט זיך מיט אונדז רייצן, צי שפּילן, און עפּשער
פאַרשטייט עס ניט, אַז פאַר מענטשן מעג מען זיך אַמאָל צוהיטן.

פון דער טיטשקע איז עס איבערגעפלויגן אויפן דעמבענעם טשאַס־
טאָקאַל, וואָס צו דער מומעס הויף צו, און דערנאָך צוריק אויף דער
זעלבער טיטשקע. און ס'פילט זיך, אַז דאָס אומפליִען הין און

צוריק האָט א ספּעציעלע שײַכעס צו אונדז, אירע צווייפיסיקע שכיינים, אזויווי ס'וויל אונדז עפּעס זאָגנ, אונ ס'קאָנ נישט.

— — — — — — — — — — — —

אנומלטנ זײַנענ געקומענ צוויי ייִנגלעכ, הערשלס כאווירים, מיט זעק אפ די פּלייצעס, מיר זאָלנ זיי דערלויבנ ארויפקלײַבנ דאָס אלט־ווארג פונ אונדזער בוידעמ.

ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ שטעטל די קאמפּאניע פונ קלײַבנ אלטווארג צומ אוטיליזירנ. איכ האָב שוינ געוווּסט, נאָכ וואָס זיי זײַנענ געקומענ, ווײַל מיט א שאָ צוריק איז מײַנ ברודער אויכ אוועק מיט א פּאָר כעוורע, אויכ איבער די בוידעמער זוכנ אלטווארג.

— קומט, — זאָג איכ צו די כעוורע, — איכ וועל אײַכ ארײַנפירנ אינ אונדזער פּוסטקעלע ארײַנ, דאָרט קאָנ זיכ וואלגערנ אלטע אײַ־זערנע רייפנ אונ נאָכ ברוכווארג.

מיר זײַנענ אריבערגעקראָכנ אינ גערטל ארײַנ, אופגעעפנט די טיר אָנ דעמ שלאָס, וואָס האָט זיכ שווער געעפנט, ווײַל די זאוויסעס זײַנענ געווענ פארזשאווערט אונ פארנ שוועל איז אָנגעוואקסנ אסאכ גראָז. דאָרטנ האָבנ מיר טאקע געטראָפנ עטלעכע פארזשאווערטע אײַזערנע רייפנ אונ אסאכ וואָלאָקע, אָדער אפ פּראָסט לאָשנ — האָר פונ בעהיימישע ווײדלענ. די ייִנגלעכ זײַנענ געוואָרנ פריילעכ: מעטאל אונ האָר זײַנענ גאָר גוטע מינימ.

איינ כעווערמאנ אינ הערשלס יאָרנ טוט א וועג דעמ זאק אינ ביידע הענט אונ רופט אויס מיט א סימכע:

— איכ האָב אָבער געזאָגט, אז מיר זאָלנ נעמענ די בוידעמער.

— אונ טאָמער איז עס נישט קיינ בוידעמ?.. — האָט דער צווייטער א שפּעט געטאָנ.

— ס'מאכט נישט אויס. א פּוסטקע אונ א בוידעמ איז אלציינס.

איכ האָב זיי ארויסגעלאָזנ, זיי פארגעבנ די זעק אפ די פּלייצעס. זיי זײַנענ שוינ אריבער דאָס פּלויטל אונ אוועק, ווי מיט א היפּשנ אויצער, אונ איכ מאכ צו די טירנ. פּלוצעמ טוט מיר א פּלי א פייגעלע אנטקעגנ אונ שטעלט זיכ אפ דער זעלבער טיטשקע, דערנאָכ אפּנ זעלבנ פּלויט, וואָס פריִער.

זע נאָר, ס'ניט דאָס זעלבע פייגעלע? ווארט נאָר, קלער איכ, פונוואנענ־זשע איז עס נאָרוואָס ארויסגעפלויגנ? מיר שײַנט, אז פונ

דעמ־אַ עק באַלקנ, וואָס שטעקט אַרויס פונ אונטערנ דאַכ אַהער צומ גערטל צו, פונקט איבער דער פוסטער טיר, דורכ וועלכער מיר זײַנענ ערשט געגאַנגענ.

איכ טו אַ קלעטער אַהינ. דאָס פייגעלע פליט נאָענט צו מיר, ס'וויל מיכ ערגעצ אָפּווענדנ. אָבער איכ הער זיכ שוינ נישט צו, איכ קלעטער אַפ די לײַסטנ פונ דער טיר.

ע, גוטער ברודער! איז דאָכ עס טאַקע נישט פּראָסט. נו, יאָ, איכ האָב דערזענ לעבעדיקע נעפּאַשעלעכ אינ אַזאַ אָרט, ווו איכ האָב זיכ אַפ דעמ קיינמאָל נישט געריכט.
וויפל?

פיר נאַקעטע העלדזעלעכ, דינע! גרויסע קעפּ מיט אָפענע פּיסקעס. ס'זיי היימ, זיי זײַנענ אָנ קראַפּט...

דאָס פייגעלע, די מוטער, ערגערט זיכ נעבעכ, זי פליט באַ מיר אַרומ מאַמעש איבערנ קאָפּ. איכ מוז אַוועק פונדאַנענ, לעמײַ זאָל איכ איר אָנטונ אומזיסטע יעסורימ? אָבער נאָכ איינ קוק.

איכ בינ אַראָפּגעקראָכנ, איז אָנגעלאָפנ בעבעלע אונ נאָכ קינדער.
— נאָכ וואָס ביסטו געקראָכנ אַהינצו, איציק? זאָג, נאָכ וואָס?

איכ וואָלט זיי גערנ אָנגעזאָגט, אַז גאָר נישט אַזוי הויכ געפינענ זיכ יונגע, פּיצעלעכ פייגעלעכ אינ אַ נעסטעלע. אַזעלכע יונגינקע, מיט גרויסע קעפּ אונ צעעפנטע פּיסקעס. ס'זיי היימ... אָבער טאָמער וועלנ זיי זײַנ ניט גענוג פאָרזיכטיק, איז אַ שאָד, ניט קעדײַ.

— דאָס בינ איכ געקראָכנ, — זאָג איכ, — אַ קוק טונ, צי ס'איז דאָ פונ די יינגלעכס וועגנ נאָכ אַלטוואַרג.

— אַהאַ, — זאָגט בעבקע, — איכ האָב זיי געזענ. ס'דאָכ הערשלס כאַווײרימ, זיי זײַנענ ערשט אַוועק דורכנ קלײנעמ געסל.

איכ האָב זיכ קאָמ דערוואַרט אַפ הערשלס קומענ. ער האָט זיכ באַרימט, אַז אינ שפּיטאָל אַפנ בוידעמ האָבנ זיי אָנגענומענ שטיקער בראָנדזע פונ אַ צעבראָכענעמ הענגלאָמפּ אונ נאָכ שמאַטעס זייער טײַערע. זיי האָבנ זיי קאָמ דערשלעפּט צומ „פונקט“.
אונ איכ דערצייל אימ פונ מײַנ געפינס.

— איצט פאַרשטייסטו שוינ, פאַרוואָס דאָס פייגעלע איז דעמלט אַרומגעפלויגנ לעבנ אונדזערע סאַמע הענט? דאָס האָט עס אונדז

געוואַלט אַפּוועגדן פּונדראַגען, מיר זאָלן זיך דאָ איבעריקס נישט ארומדרייען. ביסט א מיוון, ווי ס'האָט סייכל?

הערשל האָט זיך נאָר אײַנגעוואַשן נאָך דער בוידעם־אַרבעט און איז ארוים מיט מיר. איך ווייס אים, און מיר היטן זיך, קיין קינדער זאָלן דאַרטן נישט זײַן. פאר מענטשן, וואָס זײַנען נישט געוווינט עס זען, איז א וואונדער צו קוקן. אייעלעך פייגלשע אין א נעסט איז מיר שוין אויסגעקומען צו זען, נאָר לעבעדיקע פייגעלעך, פּיצינקע — קיינמאָל נישט.

איצט האָבן מיר באַמערקט, אז אָפּוועגדן פּונדראַגען ווילן אונדז צוויי פייגעלעך מיטאמאָל. ווער דאָס צווייטע פייגעלע איז, פארשפּאַרט מען זיך לאנג שטויסן. מיר ווילן פארגרינגערן די עלטערן אין דער שפּײַז־פראַגע און מיר טראָגן אהין אונטער פון מאָל צו מאָל אין א בלעכן דעקעלע וואסער און ברעקלעך ברויט מיט געקאָכטע שטיקלעך בולבע.

מיר זאָגן ביידע ארוים די האָפענונג, אז די פייגעלעך — די על־טערן וועלן זיך אײַנגיכן צוגעוווינען צו אונדז. זיי וועלן זען, אז מיר ווילן נישט זייער שאָדן.

איינמאָל האָב איך זיך נישט אײַנגעהאַלטן און אוועקגעפירט אהין בעבקען. בעבעלע גייט שוין אין צווייטן קלאַס. איר וועט ווערן אינגיכן נײַן יאָר, האָט זי מיר צוגעזאָגט, אז זי וועט קיין קינדער אהער נישט פירן און וועט קיינעם פון דעם קיין וואָרט ניט זאָגן.

איך הייב זי אונטער. זי ווייסט נישט פאר צעטראָגנקײַט, ווו צו זוכן.

— אוי, — שרײַט זי פּלוצעם אוים, — ס'אַרא פּיצינקע! ס'אַרא ברעקעלעך! — און אויך בא איר אין טאָג איז דאָ אי הארציקײַט, אי דערשרעק, אזוי ווי מיר קאָנען זיי נאָך מיטן איינעם קוק עפּעס קאַליע מאכן.

און דאָס נעסטעלע איז אזא קליינס, אזא גרינגס, אז איך וואונדער זיך, וויאזוי טראָגט עס דער ווינט ניט אוועק. כאָטש, אז מע וויל זאָגן, איז עס גוט פארטיידיקט. דער דאך פארשטעלט עס הארט פונויבן, פון איין זײַט איז דאָ א ווענטל פון א צופעליק קלעצעלע, היינט די וואנט גופא פון דער צווייטער זײַט און דער באַלקן. אייגנטלעך אָט

עס טאקע פאַרשטעלט פון אַלע זײַטן און אַפילע דער רעגן קאָן אהער נישט פאַרשמײַסן.

טאָג און טאָג כאַפּ איך אַ קוק צו מײַן באַהאַלטענעם פאַרמעגן. איך האַלט סאָד. איך האָב נאָר דערציילט דעם טאַטן מיט דער מאַמען. געפעלט זיי, וואָס פייגעלעך האָבן אַזאַ פאַרשטאַנד, וויאַזוי זיי פליִען עס אַרום נאָענט, קריכן מאַמעש אין די הענט אַרײַן. און אַז מיר דערנעענטערן זיך צו זיי, פליִען זיי אָפּ ווײַטער אַ ביסעלע, און דערנאָך נאָך ווײַטער, און ווידער נעענטער צו אונדז, און דערנאָך ווידער אין אַ זײַט. אַזוי פירן זיי אונדז אַרום פון גערטל, פון הויף, און ערשט דערנסטמאָל סטײַען זיי ניט. זיי טוען זיך מיטאַמאָל אַ הייב איבערן דאַך, כאַפּן אַ קוק פונדערווײַטנס, צי אַלץ איז אין אָרדענונג, באַרויִקן זיך, און איינס פון זיי פליט אַוועק נאָך שפּײַז.

אָט דאָס איז שיין.

איינמאָל אינדערפרי עסן מיר אָנבײַסן. דער טיש איז לעבן די סאַמע פענצטער. די פענצטער קוקן צעעפנט אין גערטל אַרײַן, צום שטיקל אַרויסגעשטעקטן באַלקן, כאָטש קיין פייגעלעך מיט קיין נעסטעלע זעט מען פונדאַנען ניט אַרויס, מע זאָל אַפילע קוקן אין אַ בינאָקל.

דער טאַטע פאַרעט זיך עפּעס אַקוראַט אין גערטל. ער שטייט אויף קעסיידער פריִער פון אונדז, און ביז דער צײַט, וואָס מע דאַרף אַוועקגיין אין אַרטעל, פאַרעט ער זיך אַרום די בייטן.

— טאַטע, טו זי נאָר אַ טרײַב! — האָט הערשל אויסגעשריגן ניט מיט זײַן קאָל.

— וואָס איז געשען? — איך טו אַ שפּרונג צום פענצטער, אָבער דער טאַטע האָט שוין דערזען, אַז וואָס הערשל ווײַזט אים, און האָט געגעבן אַ שמײַס מיט דעם שטעקן פון דער קאָסע. ער האָט פונקט גענויטן גראָז אָפּ דער מעזשע. און פון באַלקן איז פײַל־אויסן־בויגן אַראָפּגעשפּרונגען דער מומעס קעצל, דאָס שוואַרצע מיט די ווײַסע פלעקן — די נאַשערן.

דער טאַטע האָט אַ קלעטער געטאָן אָפּ דער טיר. איך מיט הערשלען זײַנען שוין ביידע געווען דאָרט לעם פּלויט, ביידע שטאַרק דערשראָקענע. מיר האָבן זיך אויסגעמאָלט, וואָס פאַר אַן אומגליק די קאַץ

האָט דאָרטן אָנגעטאָן. אָבער אין מויל האָט זי, דאַכט זיך, גאָרנישט ניט געטראָגן, בעשאַס זי איז אַראָפּגעשפּרונגען.

אָבער דער טאַטע זאָגט מיט ניט קיין פֿריילעכער שטים:

— שוין לאַנג דאָס אָרט פֿאַרקילט געוואָרן.

מיר איז געוואָרן פֿון די ווערטער ליידיק אין האַרצן. איך בין געקראָכן אַהין מיט דער זעלבער שרעק פֿון ליידיקייט:

יאָ, שוין. טאַקע דאָס אָרט פֿאַרקילט געוואָרן...

ניטאָ שוין אַפֿילע דאָס נעסטעלע.

מיר קריכן אַראָפּ. דאָס נעסטעלע וואַלגערט זיך אין גראָז אַ גאַנצס, אַן אויסגעפֿלאָכטנס, ווי אַ קליינטשיק היטעלע פֿון היי.

ווײַזט אויס, אַז די נאַשערן האָט זיך נאָך באַנאַכט דאָ אײַנגעפּאָרעט מיט אַלעמען, און איצט איז זי געקומען נאָכאַמאָל. ס'איז איר געווען זייער צום טאַם. בײַ איר זײַנען דאַפֿקע אויך דאָ פֿיר קינדער, פֿון הײַנטיקן פֿרילינג געבאָרענע, שוואַרצע מיט ווײַסע פֿלעקן, בייגעוודיקע אויעלכע. זיי האַלטן שוין אָפֿן די אויגן און קריכן אַרום איינס איבערן צווייטן אין זיפּ בײַ דער מומען אָפֿן אויוון.

מיר האָבן זי נישט געשלאָגן, אַז זי האָט זיך צו אונדז אַרײַנגעכאַפּט, זי נישט געשטורכעט מיט די נעזער פֿון די שיך. זי איז אונדז נאָר געווען איטלעכן זייער מיעס. אַפֿילע די קליינע בעבקע האָט זי דעם גאַנצן טאָג פֿײַנט געהאַט.

און די גרויסע פֿייגעלעך זײַנען, ווי אויף אַ סרייפֿע־פּלאַץ, אַ פּאָר מאָל צעטראָגענערהייט דורכגעפֿלויגן — און זיך מערער אַהער נישט געוויזן. ס'האָט שוין זיי ניט אויסגעמאַכט, צי מיר גייען אַרום אין גערטל צי ניט.

איך זאָל זאָגן, אַז זיי זײַנען אַוועק ערגעץ בויען אַ צווייט נעסטל און לייגן אַ צווייט מאָל אייעלעך? דער זומער איז נאָך גרויס!

— אָנאָ קריכט זי שוין אַהער, די וויסטע נאַשערן! — קאָן זיך הערשל נישט אײַנהאַלטן און רופֿט אויס מיט עקל: — שטופּ זי נאָר דאָרט אַראָפּ, בעבקע, און מאַך צו דאָס פֿענצטער.

שטעלמאהאָ

שטעלמאהאָ פּיאָטער איז אנ אלטער מאנ. אז מע גיט אימ א פרעג, זוויפל איז ער אלט, טוט ער א מאַכ מיט דער האנט, דאָס זאָל הייסנ: ווער קאָנ זיכ גאָר אָנגעדענקענ! שוינ בא די פופציק יאָר, אז ער איז פּאסטעכ אינ דאָרף צאָטשענ. פריִער אינ עקאָנאָמיע, באמ דידיטש, דערנאָכ — באמ דאָרף. ער קאָנ ניט לייענענ, ער קאָנ ניט שרײַבנ, נאָר אינ דער געגנט איז ער געניט. ער איז שוינ דאָ אויסגעגאנגענ דעמ וואלד אינדערלענג אונ אינדערברייט, ווייסט, ווו יעדעס שטיינדעלע געפינט זיכ, יעדער קוסט. איצט איז ער פּאסטעכ אינ צאָטשענער קאָלווירט.

— אלטע לײַט, — זאָגט ער, — האָבנ נאָכ אמאָל אויכ געזאָגט, אז ס'וועט ווערנ גוט אפ דער וועלט. אָבער ווער האָט זיכ געקאָנט ריכטנ, אז ער, שטעלמאהאָ, זאָל עס דערלעבנ זענ מיט זײַנע אויגנ.

— וווּנדער איבער וווּנדער, — מאַכט ער. — אכ, ווענ דער אמאָליקער דידיטש זאָל אופשטיינ פונ קייווער אונ א קוק טונ, וואָס דאָ טוט

זיך, וואָלט ער צעפּלאַצט און צעשפּרונגענע געוואָרן. מע וואָלט אים נאָכאַמאָל מוזן באַגראָבן... די קונדייסים מאַכן דאָך בא אים אין די פּאַ־לאַצן גומענאַסטיקע!

סע געפעלט אים גוואַלדיק, וויאַזוי די כעוורע מאַכן גימנאַסטיק. און אַז די שטאָטישע פּיאַנערן האַלטן לאַגער ניט ווייט פון צאַטשען, טרייבט ער אַהין נאָענט די טשערעדע, און ער איז מיט דער כעווירע א גאַנצער גוטער ברודער. ער הערט זיך צו, וואָס זיי לייענען, קוקט זיך צו, אין וואָס זיי שפּילן.

— זיידינקע שמועלמאַהאָ, — מאַכט איינמאָל צו אים דער קליינער זעלמל, — וואָס טוסטו ווינטער, ווען דאָס פי שטייט־אין די שטאַלן?

— ווינטער, — זאָגט ער, — היט איך באַנאַכט די קאָמפּעראַציע.

— אין א קאָאָפּעראַטיוו ביסטו א היטער?

—אָט־טאָ־טאָ! בא דער קאָמפּעראַטיווער קראָם גיי איך אַרום איבער די נעכט מיט א־פּעלץ און מיט א קאָלאָקאָטקע.

— נו, און באַטאָג וואָס טוסטו?

— באַטאָג? גאָרניט. א ביסל שלאָפט מען און א ביסל גלאַט אַזוי.

— נו, אויב גלאַט אַזוי, — מאַכט זעלמענקע, — איז גוט. זאָלסטו וויסן זיין, זיידינקע, אַז מירן דיר שיקן בריוו און מירן דיר שיקן אונ־דזער צייטונג, וואָס מיר לאָזן אַרויס אין שול. דאָרטן וועט זיך שרייבן פון דיר אויך — וויאַזוי דו האָסט אונדז דאָ אָנגעוויזן די בעסטע קוואַלן, האָסט אונדז געהאָלפן שניידן צווייגן און גייסט מיט אונדז איניינעם צום טייך...

דאָ האָט זיך שמועלמאַהאָ פאַרטראַכט. עפּעס אַזוינס א כמאַרע האָט זיך אַרופגעלייגט אַף זיין שטערן און אַף זיינע קנייטשן אַרום זיינע אויגן.

זעלמל קוקט אַפן אַלטינקן. ער וואַרט, דער אַלטער זאָל אים עפּעס זאָגן, און ס׳איז אים אויך געוואָרן אומעטיקלעך אַפן האַרצן, וואָס דער אַלטער שווייגט און איז אַזוי פאַרטראַכט.

— זיידע, א, זיידע?

— נו?

— וואָס איז דיר אַזעלעכס?

— מיר? גאָ... גאָרנישט.

— וואָס־זשע האָסטו זיך פּלוצעם פאַרטראַכט?

באמ אלטנ האָבנ זיכ אונטערגעבויגנ די קני, אזויווי זאוויסעס, וואָס מאכנ זיכ שווער צו, אונ ער האָט זיכ אראָפּגעלאָזט אפ דער ערד. די האנט איבערנ שטייענדיקנ גלאטנ שטעקנ האָט זיכ אראָפּגעגליטשט, אונ דער לאנגער שטעקנ איז געבליבנ שטיינ ווי פארשעמט. זעלמעלע איז אויכ געשטאנענ אונ האָט געוואַרט. ער האָט זייער געוואָלט העלפנ מיט עפּעס דעמ אלטנ, נאָר ער האָט ניט געוווּסט פונ וואָס אָנצוהייבנ.

— נו, זיידינקע, זאָג שוינ, — האָט זיכ זעלמעלע נאָכ א קלייִנער פּויזע אָנגערופנ.

— אָכ־אָ־אָכ, איכ וועל דאָכ שוינ שטארבנ אונ ניט קאָנענ אפילע זיכ אונטערכאסמענענ... ווילט איר נאָכ שרײַבנ בריוו צו אזא אלטנ נאַר, ווילט איר.

— ס'איז נאָכ ניט פארפאלנ, זיידינקע שטעלמאהאָ, — האָט זעלמל געזאָגט, — אויב דאָס איז גאָר, וועלנ מיר שוינ דערפונ ריידנ.

אונ פונ לאגער האָט מענ קאָמאנדירט זעלמעלענ מיט וויכנענ, זיי זאָלנ ליקווידירנ באמ אלטנ פאסטעכ די אמעראצעס. אזוי האָט זיכ געשריבנ אינ פּראָטאָקאָל. אפ פּראָסט לאָשנ הייסט עס: זיי זאָלנ לערנענ מיטנ אלטנ שטעלמאהאָ אונ אימ אויסלערנענ לייענענ אונ שרײַבנ. מע האָט זיי אפ דער צײַט באפרײַט פונ די דעזשורסטוועס אינ לאגער אונ פונ אלע אנדערע ארבעטנ.

זיי האָבנ געהאט מיט זיכ אלצ: אי פּאפּיר, אי בלײַערס. אונ אנ אלעפבייז א געשריבענעמ, מיט אנ אלעפבייז א געדרוקטנ.

אָבער א מאָדנע זאכ: דער אלטער נעמט אינ האנט ארײַנ דעמ בלײַער, איז אָדער דער בלײַער פאלט בא אימ ארויס פונ האנט, אָדער ער קוועטשט אימ אזוי צונויפ צווישנ די פינגער, אז ער גראָבט זיכ אײַנ אינ העפט אונ צערײַסט עטלעכע פערטל פּאפּיר מיטאמאָל.

אז די קינדער זײַנענ אוועק אינ לאגער, זײַנענ זיי געווענ ניט אינ־גאנצנ פרײלעכ.

— עפּעס גייט עס ניט, — זאָגט וויכנע, אונ זעלמל שווײַגט אינ־גאנצנ.

— מירנ שוינ זענ, וואָס מאָרגנ וועט זײַנ, — גיט וויכנע ווידער צו.

אפ מאָרגנ זײַנענ זיי געקומענ. זיי טוענ א קוק, די טשערעדע פּאַ־שעט זיכ, זי איז שוינ פארגאנגענ כ'ווייס וווּ, אונ דער אלטער זיצט נאָכ דאָרטנ גאנצ ווײַט אונ פּאָרקעט זיכ עפּעס מיט זאכנ.

די קינדער זײַנען צוגעגאנגענ נעענטער. ערשט זיי דערזעענ — לעבנ אלטנ ליגנ אסאך שטיקער בערעזעווע קאָרע אונ הובקע פונ ביימער. אפ דער פאָלע איז בא אימ דאָ אנ אָל, אינ האנט — א מעסערל. אונ ער קריצט אָנ מיטנ מעסערל אפ דער קאָרע אויסיעס, וואָס מע האָט אימ נעכטנ געלערגט. נאָר די אויסיעס זײַנען מערער ענלעך אפ פייגעלעך אונ אפ דריידעלעך, אפ ציגענע אונ שאָפענע פיסלעך, אייידער אפ אויסיעס. די קינדער זײַנען געוואָרנ זייער פריילעך, וואָס דער אלטער האָט זיי אליינ געוויזנ א וועג, וויאזוי צו לערנענ.

אונ אינ א וואָך ארום האָט שטעלמאהאָ שוינ געקאָנט, צו איטלעכנס פרייד, זיך אונטערשרײַבנ אונ דאפקע מיט א בלײַער, אונ דאפקע אפ פאפיר. טונ פלעגט ער עס אָט וויאזוי: ער פלעגט נעמענ דעם בלײַער צומ מויל, אימ גוט־גוט באנעצנ, אזוי אז אפ די ליפנ אונ אפ דער צונג איז בא אימ געוואָרנ א בלויער צייכנ, אונ אָט האלט ער שוינ דעם בלײַער איבערנ פאפיר אונ ער זאָגט זיך אליינ אונטער:

— דרײַ פלעקער מיט א פאָדוואלינע — III — ש.

אונ ווײַטער א טונק דעמ בלײַער:

— דרײַ סטויפעס מיט א נאשליאפניק — T — ט.

— דרײַ ווענט מיט א ציננעלע אינמיטנ — E — ע.

— א הויכע דוהע א שמאָלע — Π — ל.

— נאָך א העקעלע אזוי זיך, ווען זיך אויסריידנ ווייך — Ь.

— א קרוק, פארבויגנ פונ ביידע זײַטנ — M — מ.

— איינ קראָקווע איבערגעהאקט אינמיטנ מיט א פאָפערעטשקעלע — A — א.

— א בייגל פאר א צענער — O — אָ —

צוזאמענ מאכט עס:

„ש ט ע ל — מ א — ה אָ“.

— אונ „פיאָטער“ אויך אזוי.

אלע זײַנען געווענ פריילעך:

— פאר איינ וואָך! פאר איינ וואָך!

שטעלמאהאָ איז געווענ פריילעכער פונ איטלעכנ.

— באשערט מיר אפ דער עלטער, — זאָגט ער, — ווערנ א גראַ־

מאָטנער. איבעראַיאָר, אז איר וועט קומען, וועל איך צעטראָגן פאַפירן אין דער סעלראַדע, איך וועל שוין קאָנען איבערלייענען, און באַסמע־נען וועל איך זיך קאָנען. איי, די קליינע קונדייסים, די קליינע! זיי זאָגן, ס'נאָך ניט פאַרפאַלן, זאָגן זיי.

— וואָס זאָגט איר, קינדער, איך וועל זיך באַגיין אָן א בריל אויך, צי איך זאָל זיך אויסשרייבן אַפּ איבעראַיאָר, אז מירן דערלעבן, א פּאָר ברילן? הא — א — א?

אזא גאסט

(סקיצע)

איכ קענ אימ נאָכ פונ קלײנװײַז אופ. ס'איז א װילדער יאט. ער קומט ארױס פונ אונדזער שטעטל. אינדערהײמ האָט מענ אימ גערופנ יִצחאָק־יױנע. פונדעסטװעגנ האָב איכ אימ איצט ניט דערקענט. ס'האָט אָנגעקלונגענ צו מיר א יונגער אונ א שטאלטנער קאָמאנדיר, א לײטע־נאנט אונ עפשער א מאיאָר, אונ איכ הער, װי ער פרעגט: — זדיעס זשיװיאָט דער אונ דער (ער האָט אָנגערופנ מײַנ פאמיליע־נאָמענ).

„זדיעס" — ענטפער איכ אונ הײב ניט אָנ צו דערקענענ, װער דאָס איז.

לאָזט זיכ אױס, אז ס'איז יִצחאָק־יױנע סראָל־בערס. אינ שטעטל האָבנ מיר אמאָל געװױנט מיט זײ א שטוב לעבנ א שטוב. עפעס א קלײניקײַט סראָל־בערס זונ! זאָגנ, אז איכ האָב זיכ דערפרײט, איז װײניק. איכ האָב מאמעש אונטערגעטאנצט פאר פרײד. איכ האָב אימ גלײַכ באקענט מיט די קינדער אונ מיט דער פרױ, אונ מיר האָבנ גענומענ רײדנ פונ אלצ, װאָס ס'איז אונדז נאָר געקומענ אפנ זינענ.

מײַנ זונ איז ניט אָפגעטראָטנ פונ אימ אונ אימ געהאלטנ אינ

איינ אויספרעגנ: צי האָט ער א טאנק, צי האָט ער א פערד, וויפל ביקסנ האָט ער אונ וויפל שווערדנ?.. אונ מײַנ קאָמאנדיר שפּילט זיכ זייער הארציק מיטנ יאטל. ער ענטפערט אימ געטרײַ אפ אלע זײַנע פראגנ, אונ איכ זע, אז ער קאָנ זײַנ כאַווער מיט אזעלכע אויכ.

— זע נאָר, ייִצכאָק־יוינע, — רופ איכ זיכ פלוצעמ אָנ, — דײַנ טאטע האָט דאָכ אויכ געדינט אינ דער רויטער ארמיי. ער האָט דאָכ זיכ געשלאָגנ אינ יענע צײַטנ אזוי, אז א רויכ איז געגאנגענ?!

מײַנ קאָמאנדיר האָט זיכ צעלאכט אונ האָט מיר געוויזנ א שיינעמ מויל ציינ.

— דו געדענקסט דאָס כאָטש? — פרעג איכ אימ.

— שטעלט זיכ פאָר, אז יאָ, — האָט מיר ייִצכאָק־יוינע געענטפערט, אונ זײַנ צעשטראלטער שמייכל האָט נאָכ אלץ באַשײַנט זײַנ יונג, נאָר מענעריש געזיכט. איכ בינ דענסטמאָל געווענ אזא ווי ער, — ווײַזט ער אפ מײַנ יאטל, — אונ עפשער נאָכ קלענער. אונ מײַנ טאטע מיט דער לאנגער באָרד, כאָטש ער איז ניט געווענ אלט, האָט אָבער קיינער אפ אימ ניט געקאָנט זאָגנ, אז ער איז יונג — א ייִד מיט אזא־אָ באָרד... קיינ גוט לעבנ איז בא אונדז דענסטמאָל, ווייסט איר דאָכ, אינ שטוב ניט אײַנגעשטאנענ. די מאמע קריגט זיכ מיט די קינדער, זיי ווילנ ברויט, אונ זי לייגט זיי פאָר בולקע, אונ די קינדער וויסנ שוינ, אז דאָס איז א שלעכטער שפּאס. דאָס איז א סימענ, אז אינ שטוב איז אפילע קיינ סקאָרינקע אויכ ניטאָ... אינ איינעמ פונ אזעלכע שיינע טעג, אינדרויסנ איז דעמלט געווענ אזוינ איצטער — אינדערפרי צעגייט, באנאכט פאַר־פרירט, דער ווינטער האלט שוינ, דוכט זיכ, באמ אוועקגיינ, אונ פונ־דעסטוועגנ קריכט ער נאָכ גוט אינ די ביינער. פלוצעמ עפנט זיכ די טיר, אונ ס'קומענ ארײַנ אינ שטוב עטלעכע מענטשנ מיט ביקסנ אפ די אקסלענ. א טייל מענטשנ באקאנטע אונ א טייל — אומבאקאנטע. באמ טאטנ אפנ אקסל הענגט אויכ א ביקס. דער דאשעק אונ די לאנגע באָרד זײַנענ בא אימ פארדרייט אָנ א זײַט, די שפּיצנ פאָלעס פונ זײַנ צעקראָכענעמ וואטאָווע לײַבל זענענ אויס זייער מאָדנע אונטערנ ברייטנ לעדערנעמ פאס, מיט וועלכנ ער האָט זיכ ארומגעצויגנ... „וואָס איז דאָס?" — האָט אפ אימ די מאמע אָנגעשטעלט א פּאָר אויגנ.

— ס'איז א רעוואָליוציע! — האָט איר איינער פונ דעמ טאטנס כאַווירימ געענטפערט.

— פעסיע־קרוינ, ס'איז א רעוואָליוציע! — האָט איר אויכ דער צווייטער קאפצנ געענטפערט, אונ זייַנע אויגנ האָבנ זייער פריילעכ געשפילט בייכמייַסע.

— א גוטער אופשטאנד אפ אייַכ, — האָט זיי די מאמע געענט־פערט, אי איבעראשט, אי דערשראָקנ. — אונ וואָס וועט דאָ ווערנ מיט די קליינע פיסקליאַעג? — ווייַזט זי אפ אירע כעוורע פרעסערס.

— הערסט א כאָכמע! טאקע פונזייערטוועגנ גייענ מיר דאָכ! — האָט דער טאטע גענומענ האלטנ א רעדע. — ס'האלט שטארק דערבייַ, אז זיי וועלנ שוינ האָבנ א ביסל א בעסער לעבנ, ווי מיר האָבנ געהאט... א גוטנ טאָג...

פונ טיר האָט דער טאטע זיכ נאָכאמאָל אויסגעקערעוועט אונ צוגע־געבנ:

— האָרכסטו, פעסיע, אויב ס'וועט נאָכ זייַנ באשערט, וועלנ מיר, אלטע לייַט, נאָכ עפשער אויכ עפעס א לעק טונ פונעמ נייַעמ לעבנ! וואָס זאָגסטו!!? פארבלייַבט געזונט.

אנדערע שטיקלעכ רייד זייַנענ בא מיר געבליבנ אינ זיקאָרנ, אנ־דערע ווייס איכ פינ דעמ, וואָס מע האָט מיר שפעטער דערציילט. נאָר איינס, וואָס סע האָט זיכ בא מיר גוט אייַנגעקריצט אינ קאָפ, איז געווענ דאָס, וואָס ווי איכ פלעג נאָר דערזענ עטלעכע מענטשנ מיט ביקסנ אפ די אקסלענ, פלעג איכ נעמענ שרייַענ צו די שטוביקע מיט א סימ־כע: „זעט, זעט, אנאָ גייט די רעוואָליוציע!“... איינמאָל האָב איכ אפי־לע ארייַנגעכאפט פונ א באנדיט א געשמאקע פאָר קאנטשיקעס דער־פאר, וואָס איכ האָב זיכ דערפרייט אונ גענומענ טייַטלענ אפ זייַנע באנדיטנ, אז „אָטאָ גייט די רעוואָליוציע“. דאָס איז געווענ מייַנ ערשטער אונ לעצטער פסאָק, וואָס איכ האָב געכאפט פאר ניטריכטיקנ פאנאנ־דערקלייַבנ זיכ אינ דער פראגע, ווער ס'איז די רעוואָליוציע אונ ווער ס'זייַנענ די סאָנימ פונ דער רעוואָליוציע.

— איצט וואָלסטו שוינ אזא מינ טאָעס ניט געמאכט?! — פרעג איכ אימ אינ א שפאס.

— איכ מיינ, — האָט מיר יִצכאָק־יוינע געענטפערט צומ טאָנ.

דאָ האָט מייַנ טאָכטער דערלאנגט צומ טיש א ביסל ווישניאק מיט פארבייַסנ, אונ זיי האָבנ זיכ זייער פייַנ איבערגעקוקט צווישנ זיכ. האָב איכ א קוק געטאָנ אפנ יונגוואַרג אונ געגעבנ פאמעלעכנ א פיר מיטנ



געדאנק אפ דעם מעהאלעב, וואס מיר האבנ דורכגעמאכט זינט
יסראעל-בערס דינענ אינ דער רויטער ארמיי, ביז דעם יונגנ לייטע-

נאַנטס דינסט, און ס'האָט מיך מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט אַזאַ מין בענק־שאַפט ניט איבערצוגעבן...

— לאָמיר פאַרזוכן צו ביסלעך, — האָב איך זיך אָנגערופן צו מײַן יונגן גאַסט. — פּלעגסטו דענסטמאָל, הייסט עס, באַגעגענען אַ הײַפל רויטאַרמייער מיט ביקסן און אויסשרײַען מיט פרייד: „אָט אָ גייט די רעוואָלוציע" ?

איך האָב אַרומגענומען דעם יונגנמאַן, מײַן אַמאָליקן שאָכן. איך האָב אים צוגעדריקט פעסט צו מײַן ברוסט, און ס'האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן.

איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל: זיי זײַנען ווייער ווייַנדיקע, אָט די טרערן פון פרייד.

מע האָט אָנגעהויבן איבערגעבן דורך ראַדיאָ טענץ.

— טאַנצט עפּעס, — מאַך איך צו די יונגעלײַט.

זיי האָבן זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן, און מיר איז געווען גוט צו קוקן אויף זיי און צו קלערן, אַז מיר האָבן ניט אומזיסט געלעבט... און מיר האָבן שוין, ווער ס'זאָל אונדז פאַרבײַטן אויך.

דער ערשטער טראַט

ראבעלעס (די כאווערטעס רופנ זי רופ) ייִנגער ברודערל אונ שוועסטערל פארשטייענ נאָכ ניט אזאכ זאכנ. זיי ווייסנ נאָכ גאָרנישט ניט וועגנ די רויבערישע קאפיטאליסטנ אונ ניט וועגנ די בארויבטע ארבעטער־מאסנ.

סיימאָנ אונ ריטע פארשטייענ: פונ קליינוויַיז אופ דארפ מענ שפילנ אונ לערנענ. אָט ווי דעמ שאַכנס צוויי קינדער פעפע אונ עטי... אונ גרויסערהייט דארפ מענ ארבעטנ אונ מאכנ א לעבנ, פונקט אזוי ווי דער פא אונ די מא (טאטע אונ מאמע).

אז זיי זעענ, ווי צו זייער עלטערער שוועסטער, צו רופענ, קומענ צו גיינ מענטשנ אונ מע פארמאכט זיכ אינ א באזונדער צימער, אונ זיי הערנ, ווי די מא טוט א זאָג אומצופרידנ צומ פא:

„וויַטער די קאָמוניסטנ! וואָס וויל זי פונ מיר, דאָס מיידל? צי דענ וועלנ זיי שטעלנ די וועלט אפנ עמעס?!"

פארשטייענ זיי אויב ניט, די כעווריע, ווער זיַינענ דאָס די קאָמוניסטנ אונ וואָסער וועלט דארפ מענ עס שטעלנ אפנ עמעס.

רופ האָט א ביסעלע געגרײַזט מיט דעם, וואָס אינ איר פארנומענ־קײַט האָט זי ניט אָפּגעזוכט קײנ ביסל צײַט זיי דערציילנ, וואָס ווילנ אזעלעכס די קאָמוניסטנ, אונ אז קעדיי צו שטעלנ די וועלט אפנ עמעס, דארפ מענ נאָכ אסאכ קעמפנ, אָבער דער גרײַז ראָכעלעס האָט זיכ פאַ־ריכט, די קינדער האָבנ אָנגעהויבנ גײנ אינ שול ארײַנ. אדאנק ראָכע־לעס ארײַנמישונג, האָט מענ זיי אָפּגעגעבנ אינ אנ ארבעטער־שול. דאָרטנ גיבנ די לערער די קינדער א קאָמוניסטישע דערציִונג, אונ ערשט דאָ האָבנ זיי זיכ דערוווּסט, אז זיי פלעגנ זענ אסאכ זאכנ אונ ניט וויסנ, וואָס זיי זענענ.

אָבער איצט, בא א ריכטיקער דערקלערונג פונ די לערער, האָבנ זיי שוינ געוווּסט, וואָס די קאָמוניסטנ ווילנ, זיי האָבנ זיכ פארשריבנ אינ א פּיאָנערנ־מאכנע אונ האָבנ נאָכ מער אָפּשײַ געקריגנ פאר זייער ראָ־כעלענ אונ אויכ פאר אירע — כאווײרים, וואָס פארזאמלענ זיכ אָפט צו איר אונ באראטנ זיכ ביז שפעט אינ דער נאכט בא פארמאכטע טירנ.

אינ הארבסט 1931 הייבט מענ זיכ אָנ גרייטנ בא די רײמערס אינ שטוב צו א געזעגעניש: רופ פאָרט אָפּ מיט א קאנאדער ארבעטער־דעלעגאציע אפ א קורצער צײַט קײנ ראטנפארבאנד.

— וואָס וועל איכ דאָ טונ מיט די אלע שמארגאַלנ? — טוט דער מאמע אײנמאָל אינאָוונט א ווײַז אפ דער פּאָליצע פּאפירנ, צײַטונגענ, זשורנאלנ, וואָס אסאכ פונ זיי גײענ דאָ ארויס אומלעגאַל, אונ רופ האָט דאָרטנ ניט קײנ קלײנעם כײלעק.

די יונגע נײַנצנאָריקע רופ האָט זיכ א נעמ געטאָנ פאר איר שטערנ אונ פאר אירע שוואַרצע געקרײַזלטע לאָקנ, וואָס פאלנ איבער אימ אראָפּ. אינ די אויגנ האָט מענ בא איר געזענ א מידקײַט פארנ גאנצנ טאָג אומיאָגנ אונ גרייטנ זיכ אינ אזא ווײַטנ אונ געגארטנ וועג. א שמייכל איז געלעגנ אפ איר יונגנ פּאָנעם. די ערשטע רעגע האָט זי אוודוי ניט געהערט, וואָס דער מאמע רעדט צו איר, דערנאָכ האָט זי זיכ באראכטנ:

— הא? — זאָגט זי, — דו פרעגסט אפ די דאָזיקע אַלע פּאפירנ? איכ מײנ, אז מע דארפ זיכ אוועקשטעלנ אונ מאכנ א רײניקונג. דוכט זיכ, אז מע וואַרפט שוינ אפ אונדז אנ אויג. א טייל וועט מענ מוזנ פאר־ברענענ, אונ די ניטיקערע פּאפירנ, וואָס דארפנ בלײַבנ, וועלנ מיר

באַהאַלטן, אָדער איך וועל קאָנען בעטן אַ באַזוך, ער זאָל קומען און זיי פֿאַרנעמען פֿונדאַנען.

און ראָכעלע האָט זיך טאַקע טיכטיק גענומען צו דער אַרבעט: זי האָט אונטערגעהייצט די פּליטע, האָט אויפֿגעשטעלט אַ קאַנווייער

פונעם טאַטן, וואָס איז איצט פונקט געווען פרייַ, ריטען און סיימאָנען. ראַכעלע האָט צעעפנט יעדנס זשורנאַל באַזונדער, אייניקע האָט זי אָפּ־געלייגט אין א זייַט און די איבעריקע, וואָס זי האָט דערלאַנגט דעם טאַטן, זייַנען אוועק איבער די הענט גלייַך אין פּליטע אַרייַן.

העכער האַלב אַרבעט איז שוין געווען אָפּגעטאָן, ווי ס'איז אָנגע־קומען בערזאָן — זייער א גוטער קאָמוניסט און א גוטער באַוער. ער האָט אומרויִק אײַנגערוימט עפּעס ראַכעלען אַפן אויער, דערנאָך האָט ער זיך אויך צוגעשטעלט צו דער אַרבעט, און די אַרבעט האָט גענו־מען גיין פלינקער. נאָך א פּאָר מינוט, און מע איז שוין פאַרטיק. פּלו־צעם א קלונג. ריטע מיט סיימאָנען זייַנען אוועקגעלאָפן צו דער טיר.

— אויב ס'ניט די מאַ, — האָט זיך ראַכעלע אָנגערופן, — זאָלט איר זיך ניט אײַלן מיטן עפענען. איר וועט פריִער נעמען די טיר אַפן קיי־טעלע.

די קינדער האָבן מיט אומגעדולד גענומען די טיר אַפן קייטעלע. זיי האָבן דאַפקע געוואָלט גיכער אַרייַנלאָזן די מאַמע, אָבער מע מוז זייַן פאָרזיכטיק. זיי האָבן אופגעעפנט א קליינע שפּאַרונע. אָבער ווי פאַרוווּנדערט זייַנען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען פון יענער זייַט טיר פיר פּאָליציי־לייַט, וועלכע זייַנען אומגעדולדיק און שרייַען:

— עפנט.

ערשט איצט האָט סיימאָן פאַרשטאַנען, וואָס ראַכעלע האָט גע־מיינט מיט דעם, וואָס זי האָט געזאָגט, אז מע זאָל זיך ניט אײַלן מיטן עפענען.

— צו וועמען דאַרפט איר? — האָט דאָס יינגל א פרעג געטאָן.

— מיר ווייסן שוין, צו וועמען מיר דאַרפן. עפנט!

— ניין, — האָט סיימאָן געענטפערט מיט קלומערשט א זיכערער שטים, — די מאַ איז נאָך ניטאָ פון גאַס און זי ראַט אונדז ניט צו עפענען די טיר יעדנס איינעם, ווער עס וויל נאָר אַרייַנגיין.

— עפנט, מיר זייַנען פּאָליציי־לייַט, געשיקט פון דער רעגירונג.

— יאָ, אָבער צו וועמען דאַרפט איר?

— צו רייַמערן, — האָט שוין ניט אויסגעהאַלטן דער עלטסטער, וואָס איז די גאַנצע צייַט געשטאַנען בא דער זייַט און שטרענג אָנגע־קוקט די סצענע.

— א־הא... צו ריימערן ? צי מיינט איר ניט, הער פֿאָליסמען, אַז די פֿאַמיליע ריימער באַשטייט פֿון גאַנאַווים ?

— אָ, ניין, בוי (יינגל), מיר זיינען מער ניט געשיקט, ווי צו מאַכן באַ אייך אַן אונטערזוכונג.

— א־הא, אַן אונטערזוכונג ? איז וואָס אַזעלכעס ווילט איר באַ אונדז געפֿינען ?

— פֿאַפּירן, — האָט איינער מיט אַ טעמפּן פּאָנעם אַ זאָג געטאָן.

— אהא, דענקט איר עפּשער, אַז די פֿאַמיליע ריימער פֿעלשט דאָ־לאַרן ?

— גענוג, עפֿן אויף, דו נאַרישער בוי, אונדז טראָגט ניט די צייט צו שטיין דאָ און מיט דיר פֿאַרברענגען.

— אָ, הער פֿאָליסמען, איר זידלט זיך גאָר. נעמט גיכער אייער וואָרט אַפּצוריק... איך בין יונג און ווייס נאָך ניט אַף געוויס, ווער ס׳איז נאַריש... איר ווייסט גאָר וואָס ? שטייט צו איין ווייַלינקע, איך גיי אַ קוק טון. דוכט זיך, אַז דער פּאַ איז פֿונויבן, זאָל ער אייך גיין עפֿענען.

ריקע איז געבליבן באַ דער טיר, וואָס איז אָפֿן קייטעלע צוגע־שלאָסן, און סיימאָן איז אַוועקגעלאָפֿן אַפֿגיך צו דער קאַמער, וווּ זיי האָבן פֿריִער געאַרבעט באַם קאָנווייער. דאָרט איז שוין אַלץ געווען אָפּגעטאָן. פֿון בערזאָנען האָט סיימאָן דערזען נאָר אַ ברעג שליאַפּע, וואָס האָט דורכגעשווינדלט פֿון דער הינטער־טיר, און אַ ברעג פֿונעם טאַטנס פּאָרטפֿעל. ראָכעלע איז געווען שוין אינעם מאַנטל און אינעם שוואַרצן בערעטל, וואָס האָט איר אַזוי שיין געפּאַסט. דער טאַטע איז געווען בלייך, ווי די וואַנט, און ראָכעלע האָט פֿאַרן אַוועקגאַנג זיך אָנגערופֿן מיט אַ פֿריילעכן שמייכל צו סיימאָנען :

— ביסט אַ בוי.

און צום טאַטן האָט זי מוטיק אַ ווונק געטאָן מיטן פּאָנעם און מיט ביידע הענט, ווי איינער רעדט : האַלט זיך פֿעסט, וואָס קאָנען זיי דיר טון ?.. און זי איז אַוועק גלייך נאָך בערזאָנען.

דאָס גלעקל קלינגט דערווייל און קלינגט אָן אויפֿהער.

— עפֿן, — האָט זיך דער טאַטע אָנגערופֿן צו סיימאָנען, — איך בין עפּעס ניט געזונט, ליג איך אין בעט...

סיימאָן איז אַוועקגעגאַנגען צו די דערנערווירטע פּאָליציי־לייט.

— וואָס זיינט איר אַזוי אומגעדולדיק ? — מאַכט צו זיי סיימאָן באַם

עפענענ די טיר. — רוױקער, טופּעט ניט אזוי, פּא איז עפּעס ניט געזונט, פֿירט זיכ פֿײַנ.

די דרײַ פּאָליציי־לײַט האָבּנ געקוקט אפֿנ עלטסטנ, דער עלטסטער האָט געקנייטשט מיט די אקסלענ, ווי איינער רעדט: זינט איכ לעבּ, האָבּ איכ אזעלעכס ניט געזענ.

זיי האָבּנ דורכגעפֿירט די אונטערזוכונג אונ האָבּנ, פֿארשטייט זיכ, דאָרטנ גאָרנישט ניט געפֿונענ.

דאָס איז געווענ דער ערשטער פּאָליציייִשער אונטערזוכ, וואָס איז פֿאָרגעקומענ בּא די ריימערס אינ שטובּ, אונ ער האָט זיכ געענדיקט זייער גוט. דאָס איז אויכ געווענ דער ערשטער טראָט, וואָס סיימאָנ מיט ריטקענ האָבּנ געמאכט אפֿנ רעוואָליוציאָנערנ וועג, אונ ער האָט זיכ אויכ זייער גוט אײַנגעגעבּנ.

„דוואָסקע"

וער ווייסט, ווער ווייסט, ווי אונדזער קיעלע הייסט ? „דוואָסקע" הייסט עס.

געבוירן געוואָרן בא אונדז א קיעלע. הינדע האָט געזאָגט, עס זאָל הייסן „נעכאמקע", און איך האָב געזאָגט — „דוואָסקע". האָבן הינדעס כאַווערים עס גערופן „נעכאמקע", און מײַנע כאַווערים האָבן עס גערופן „דוואָסקע".

אז די מאמע איז אוועק רופן דעם שוױכעט, אים אָפּגעבן „דוואָסקען", האָב איך שוין מיט הינדען עפּעס אָפּגערעדט.

מיר האָבן גענומען „דוואָסקען", פארפירט שטילינקערהייט אין שטאַל, פאַרבאהאַלטן זי אין היי און אָנגעזאָגט אין אויער :

— ליג שטיל „דוואָסקע", אז ניט וועט זײַן שלעכט.

מיר זײַנען נאָר ארויס פון שטאַל, ערשט דער שוױכעט גייט שוין פון גאס מיט דער לאַנגער פארשמאָלצעוועטער קאַפּאָטע.

איך מיט הינדען זײַנען אינקאַס אפּן שוױכעט, מיר קאָנען אפּ אים ניט קוקן, און די מאמע שרײַט אפּ אונדז דערפאַר.

ליגט הינדע אפֿן גראָז לעבן גאָרטן און קוקט, וואָס וועט זײַן.

ליג איך אפֿן גראָז א ביסעלע ווײַטער און קוק, וואָס וועט זײַן.

די מאמע פֿירט דעם שויכעט צום קאלב אין קעמערל ארײַן — ניטאָ קיין קאלב. ווייסט שוין די מאמע: די מאזיקים האָבן ערגעץ באשטאט דאָס קעלבל. גייט די מאמע אוועק זוכן, און דער שויכעט זעצט זיך לעבן פּלויט אפֿ דעם קלאָץ און ווארט.

הינדע זאָגט: מע דארף אים באשפּריצן מיט וואסער פֿון אונדזער פּאָמפּע, וועט ער גיך אוועקגיין. און איך זאָג: פֿאראן א בעסערע אייצע — איך וועל אים צובינדן פֿאר די ציצעס צום פּלויט... שטריקלעך האָב איך אין קעשעניע גענוג.

גאנווע איך זיך אונטער ארוגטערן קלאָץ, און הינדע איז אוועק פֿארריידן דעם שויכעט.

— רעב שויכעט, — פֿרעגט זי, — פֿאראן בא אײַך אינדערהיים מיידלעך?

— פֿאראן.

— וויאזוי אין דער גרייס? אזויווי איך?

— אזויווי דו.

— וויאזוי הייסט די עלטערע?

— די עלטסטע הייסט צירל.

— וויאזוי הייסט די קלענערע?

— די קלענערע הייסט מירל.

— פֿארוואָס קומען זיי ניט צו מיר זיך שפּילן?

— איך וועל זיי זאָגן, וועלן זיי...

דערווײַל האָב איך פֿארבונדן און צוגעקניפּט די ציצעס צו די שטריקלעך און די שטריקלעך צום פּלויט. ערשט די מאמע פֿירט „דוואָסקען" פֿון שטאל.

— אָט מאזיקים, — זאָגט זי, — מ'פֿארשטעקט א קאלב אין היי ארײַן. ער קאָן דאָך זיך דערשטיקן אין היי! א שטומע צונג, נעבעך!

— און קוילען א שטומע צונג, נעבעך! — זאָגט הינדע און שיסט אויס א געוויין.

און איך זאָג:

— „דוואָסקען" וועט קיינער ניט קוילען!

— נארישע קינדער, — זאָגט די מאמע, — קומט, רעב שויכעט.



דער שוױכעט טוט זיכ א הײב פֿונ אָרט אונ — פֿליאכ איבער דעמ
קלאָצ. די מאמע לױפֿט ראטעװענ דעמ שוױכעט, אונ איכ מיט הינ־

דען — פאר „דוואָסקען״. אָפּגעלאָזט פון שטריקל און „קאַטיי״ מיט „רוואָסקען״ איבער דער גאַס. „דוואָסקע״ שפּרינגט, און מיר נאָך איר. קוים געכאַפּט זי ווײַט־ווײַט אין פעלד. איך האָב גענומען „דוואָסקען״ אַף מײַן פאַס און שטיי. מיר האָבן זיך אָפּגערוט, זאָגט הינדע:

— וווּהין וועלן מיר גיין?

— אהיים?

— די מאַמע וועט זיך בייזערן.

— צו דווירען?

— צו דווירען איז ניט שיין.

בלײַבן מיר אין פעלד נעכטיקן. דאָס פעלד איז אונדז באַקאַנט: מיר האָבן דאָ אַמאָל געקליבן בארן.

דערווײַל איז געוואָרן נאַכט, ס'איז געוואָרן פינצטער. זאָגט הינדע:

— דו האָסט מוירע?

— ניין, איך האָב ניט מוירע, און דו?

— איך אויך ניט.

„דוואָסקע״ טוט אַ מוקע. ווילן מיר, זי זאָל שווײַגן. מוקעט זי ווײַטער. מיר הערן פונדערווײַטנס, דאַכט זיך „כאַסקע״ ענטפערט. „דוואָסקע״ מוקעט, און „כאַסקע״ רופט זיך אָפּ. מיר גיבן אַ קוק — „כאַסקע״ לויפט מיט אויסגעשטרעקטע הערנער, ניט טויט און ניט לעבעדיק, גלײַך אַף אונדז. „דוואָסקע״ האָט געכאַפּט אַ הונגעריקע זויגן, און אונדז איז דערווײַל געוואָרן פרייליכער. דאָס שטריקעלע האָבן מיר צוגעבונדן צום בוים, מיר אַליין שטייען אונטערן בוים, און די נאַכט גייט זיך.

— ניטאָ דאָ קיין וועלף? — פרעגט הינדע.

(איך ווייס ניט, צי דאָ זײַנען פאַראַן וועלף!)

— ניטאָ, — זאָג איך.

— דו ווילסט עסן?

— ניין, און דו?

— איך וויל דאַפּקע.

הינדע קאָן מעלקן די בעהיימע. נאָר אין וואָס מעלקט מען?

געווען בא מיר אין האַנט אַן אײַזערן שיסעלע אַ קליינס, גאָר אַ קליינס.

הינדע קוקט און נעמט מעלקן. ס'פינצטער. נאָר איין

בוים שטייט לעבן אונדז. אָנגעמאָלקן א פול שיסעלע מילך, זאָגט הינדע: טרינק דו. איך זאָג: טרינק דו. שטילינקערהייט רעדן מיר. טרינק איך א ביסל, און הינדע א ביסל. הינדע וויל זיך צעלאַכן, האלט זי זיך אײַן, זי האָט מורע לאַכן הויך. אָנגעמאָלקן נאָך א שיסעלע מילך. די מילך איז ווארעם, — און מיר טרינקען.

— דו ווילסט שלאָפן? — פרעגט הינדע שטילינקערהייט.

— ניין, און דו?

— איך וויל אויך ניט.

שטייען מיר לעבן בוים אָנגעשפארט. כאַלעמט זיך מיר:

גאנאָווימ גייען ארום, טראָגן זעק אין די הענט און ווילן אונדז ארופּ־שלעפּן אפן בוידעם. מיר האלטן זיך אָן אין די פּיסלעך פון טיש און ווילן ניט אָפּלאָזן.

מיר כאַפּן זיך אוף, איז שוין טאָג. מיר שטייען לעבן א בוים אין־מיטן פעלד. דער טאטע מיט דער מאמען מיט נאָטען אונדזער שאָכן שטייען ארום אונדז.

די מאמע וויינט און לאַכט, און מיר האָבן מורע, אז מע וועט זיך באלד צו אונדז א נעם טון.

— אהיים, איר לײַדאקעס, — זאָגט דער טאטע. און די מאמע וויינט און לאַכט.

— ביסט א מיווּנג, — זאָגט זי, — אף דער קראסאוויצע (די מאמע רופט „כאסקען" קראסאוויצע).

גייען מיר אלע אהיים. נאָטע פירט „דוואָסקען" פארן שטריקל.

„כאסקע" האָט שוין פארשפּעטיקט צו דער טשערעדע. און די שכיינים זײַנען אונדז ארויס אנטקעגן. האָב איך זיך מיט הינדען גע־שעמט פאר זיי. און איך קלער, וויִאזוי קער דאָס בא אונדז זײַן איצט אין שטוב, אז מיר האָבן ניט גענעכטיקט אינדערהיים? הינדע זאָגט, אז ס'איז אלצדינג אזויווי געווען. צום סאָף איז אין אונדזערע בעטן טאקע קיינער ניט געשלאָפן, נאָר די קאַץ האָבן מיר געטראָפן ליגן.

און דער שויכעט איז שוין צו אונדז מער ניט געקומען.

„דוואָסקע" איז שוין איצט א גרויסע, זי איז שוין אלט א יאָר.

די מאמע האָט זי אָפּגעגעבן אין וואלד ארײַן צו א פאסטעך אפן גאנצן זומער, און מיר קלײַבן זיך שוין אהין צו גאסט.

— מיר וועלן פאָרן אהין, — זאָגט דער טאטע, — אף נעכטיקן,

וועלן מיר גאַנצפרי זוכן שוואָמען אין וואַלד, און באַטאָג וועלן מיר קלייַבן יאַגעדעס.

מירן געווירע ווערן „דוואָסקעג" און פירן אהיים א פולן וואָגן יאַגעדעס.

מייַנע כאַוויירים ווילן אויך פאָרן, וועלן מיר פאָרן אַלע, און צוריק וועלן מיר גיין צופוס, ווייַל אין וואָגן וועלן דאָך שטיין פולע קריגלעך מיט יאַגעדעס.



אינ זאָאָלאָגישנ גאָרטנ

איצטער איז גראדע ווינטער. נאָר דערמאָנענ ווילט זיכ וועגנ זומער. ווינטער פאַרמאָגט אויכ אסאכ פריילעכקײַט אינ זיכ, נאָר דעמ זומער זײַנענ מיר עפּעס געטרײַער, אונ אלעמאָל ווילט זיכ אימ דערמאָנענ מיט ליבשאפט.

דערמאָנ איכ זיכ טאקע, נאָר מיינט איר עפּשער, אז אינ זייער א וויכטיקער זאכ? ניינ, איכ דערמאָנ זיכ פּאָשעט, אז פאַריקנ זומער בינ איכ איינמאָל אינ א פרײַענ פרימאָרגנ געגאנגענ מיט מײַנ ייִנגערנ ברודער אינ זאָאָלאָגישנ גאָרטנ אפ א שפּאציר.

אינ זאָאָלאָגישנ גאָרטנ בינ איכ גרייט גיינ אלעמאָל, ווענ מע טוט מיכ נאָר א רופ, אונ אז איכ קומ פונדאָרטנ צוריק, ווילט זיכ מיר אלעמאָל דערציילנ פאַר עמעצנ, וואָס איכ האָב דאָרט געזענ.

דאָס־אָ מאָל, אז איכ בינ געקומענ, האָט זיכ מיר געוואָלט דערציילנ פאַר די אַקטיאבערלעכ וועגנ די כײַעס. אָבער ווײַבאלד ס'איז זומער אפ אונדזער שטיק וועלט, האָב איכ די אַקטיאבערלעכ קיינעמ ניט

געטראָפֿן אינדערהיים: דער איז אין לאגער, דער לעבן דניעפּער, די זײַנען אפֿן זומער־פּלאַץ, און יענע — אפֿן סטאַדיאָן!

— וואָס־זשע טוט מען מיט זיי? — קאָן איך זיך קיין אײַצע ניט געבן, — טאָמער וויל איך זיי שוין יאָ עפּעס דערציילן, זײַנען זיי ניטאָ אינדערהיים!

האָב איך באַשטימט פֿאַרשרײַבן אָט דאָס אַלץ, וואָס איך וויל דער־ציילן פֿאַר די כעוורע, און אָפּדרוקן עס אין א ביכעלע. דאָס ביכעלע וועט שוין אָפּזוכן די כעוורע, ווו איר ווילט נאָר אַליין. אין די שטעט־לעך און אין די שטעט, אין די דערפֿער און אין די יישוווים, סײַ אין שול, סײַ אין ביבליאָטעק, און טאָמער אפֿילע אינדערהיים איז אויך ניט שלעכט.

צום סאַמע ערשטן

טאָ הערט־זשע טאַקע:

צום סאַמע ערשטן האָבן מיר ניט באַגעגנט אין גאָרטן ניט קיין כײַעס און ניט קיין וועלף, נאָר מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט א ברייטער אַלייע, וואָס איז פֿון בײדע זײַטן באַוואַקסן מיט בלומען. מיר האָבן באַגעגנט שיינע צעוואַקסענעביימער און א לופֿט א גוטע.

בײדע, סײַ איך, סײַ מײַן ייִנגערער ברודער, זײַנען מיר געקומען אין דער רעגן צום באַשלוס, אז דאָ איז טאַקע זייער גוט, אַסאַך בעסער ווי אין שטאָט.

דערנאָך

דערנאָך זײַנען מיר אָנגעקומען צו הילצערנע פּלויטן, אַרומגע־צוימט, ווי פּירעקיקע גערטנער אַזעלכע, און דאָרטן האָבן מיר גע־טראָפֿן קעמלען און אייזלען, אָקסן און בופֿלאַקסן, יאַקן און זובּרעס, הירשן, הירשעלעך און ווילדע בעק.

אַלע מאָדנע, אַלע פֿאַר אונדז נײַע אַזעלכע, ניט געקוקט דערויף, וואָס מיר האָבן זיי אַלע, אויסער זייערע קליינע קעלבעלעך, געזען פֿאַראַיאָרן און פֿאַרצוווייאָרן אויך.

די הירשן האָבן בא מיר געגעסן ברויט פֿון די הענט, און דער ברודער האָט מוירע געהאַט, זיי זאָלן בא אים עסן פֿון דער האַנט. ער

מיינט, אַז זיי וועלנ אימ אַ ביס טונ... דאַפקע ניט... הירשנ זײַנענ ניט קיינ בייזע חײַעס. זיי זײַגנ זייער גוטע אונ צוגעלאָזטע. אינ די קאַלטע צאָפנ־לענדער שפאַנענ אײַנ די עסקימאָסנ זייערע הירשנ אינ שליטנס אונ זיי פאָרנ אומ מיט זיי. הירשנ רעכענענ זיכ דאָרטנ פאַר היימישע באַלעכײַמ.

אַביסעלע ווײַטער

אַ ביסעלע ווײַטער זײַנענ מיר צוגעקומענ צו די בערנ.

— אָר־וואַ! די־אָ זיצנ אינ פעסטע געמויערטע שטײַגנ, מיט אײַזערנע פרענטנ פונפאָרנט פאַר גראַטעס.

צו אונדז האָבנ זיכ פאַרייניקט נאָכ אַסאַכ מענטשנ, וואָס זײַנענ געקומענ קוקנ.

דערנאָכ איז געקומענ אַ דאָרפישע שול: שילער פונ יינגערע קלאַסנ צוזאַמענ מיט אַ לערער.

מיט די קינדער איז שוינ גאָר געווענ פריילעכ צו גיינ.

אַלעמאָל שטעלט זיכ אָפ אַנ אַנדער בער לעמ די אײַזערנע פרענטנ. ער בלײַבט שטיינ אָפ די הינטערשטע פיס, מיט די פעדערשטע נעמט ער אַרומ דאָס אײַזנ, אונ ער צעעפנט דאָס מויל, ווי איינער מיינט:

„איר האָט עפעס אַ געשמאַקנ ביסנ? וועל איכ זיכ ניט אָפזאָגנ...“

די כעוורע זײַנענ געוואָרנ זייער פריילעכ, וואָס די בערנ זײַנענ אַזעלכע פאַרשטאַנדיקע, אונ וואָס זיי האָבנ נאָר געהאַט אינ די קעשענעס פונ עסנוואַרג, האָבנ זיי עס אַלצ געוואָרפנ דורכ די פרענטנ.

אַ יאַטל מיט אַסאַכ קלײַנדלעכ אָפנ פּאָנעמ שרײַט אויס אַלע רעגע:

(מישקע, צעעפנ דאָס מויל!) Мишка, роззяв рота!

אונ אַז דער בער טוליעט זיכ צו מיט דער האָריקער ברוסט צו די אײַזערנע שטעקנס אונ צענעמט דאָס מויל גאָר־גאָר שטאַרק, אַז מע זעט אַרויס די צונג מיטנ גומענ מיט די יאַסלעס אונ אַלצ מיטאַנאַנדער, ווערט אָפ די קינדער אַ סימכע, אונ זיי זײַנענ צופרידנ מיטנ כאַווערל מיט זייערנ, וואָס עס קאָנ אַזוי גוט ריידנ מיטנ בער.

— וואַסיוק, זאָג אימ גאָכאַמאָל, — בעטנ אימ די כעווערע.

אונ וואַסיוק פאָלגט. ער טוט עטלעכע מאָל אַ פאָכע מיט דער פאַרמאַכטער האַנט, פונקט ווי ער וואָלט עפעס וועלנ אַרײַנוואַרפנ אינ שטײַג, אונ ער שרײַט אויס אָפ זײַנ קלינגענדיקנ קעלעכל:

— מישקא! א, מישקא! ראַזיאוו ראַטא!!
און דער טונקל־גרויער מישקע פוילט זיך ניט, ער פאָלגט וואסיוקן נאָכאמאָל און נאָכאמאָל.

און נאָך ווײַטער

נאָך ווײַטער זײַנען מיר אָנגעקומען צו א שטײַג א הויכער, א גרויסער, וואָס אינעווייניק איז פון צעמענט אויסגעגאָסן א באסיין.
דער באסיין איז פול מיט לויטערער וואסער, ווי א סאָזשלקע.
דאָרטן האָבן מיר דערזען, ווי צוויי ווײַסע בערן גייען ארום אף זייערע ווייכע לאַפּעס. בא זיי זײַנען שמאָלע קעפּ און פּאַרוואַקסענע אויערלעך. אָט די בערן קומען ארויס פונעם ווײַטסטן צאָפּן. זיי קאָנען שווימען, זיי קאָנען כאַפּן פיש, און זיי קאָנען הארגענען א מענטשן אויך.
מײַן ברודער זאָגט, אז א בער הארגעט ניט, א בער פאַרצוקט.
— בא אונדז איז פאַראַן, — זאָגט ער, — א ביכל, וואָס רופט זיך „אין נאכט און אין אײַז", און דאָרטן שרײַבט זיך אסאך וועגן די ווײַסע בערן, וויאַזוי זיי קריכן ארום אינעם צאָפּנדיקן אײַז־אָקעאַן איבער די גרויסע אײַז־שטיקער. דאָרטן איז זיי אסאך בעסער ווי דאָ, דאָרטן זײַנען זיי אינדערהיים.
— אוועלכע היים איז דען בא זיי? — פרעג איך איבער דעם ברודער.
אָבער ער ווערט בייז אף מיר פאר אזא מין מאָדנער פראגע, און ער ענטפערט, אז בא זיי איז „די היים" אינדרויסן.
— טאָ פאַרוואָס־זשע זאָגסטו, אז זיי וווינען אפן יאם?
— יאָ, טאקע אפן יאם, נאָר דער יאם איז דאָך נאָך מער אפן דרויסן, איידער די יאַבאָשע.
— און די אײַז־שטיקער?
— די אײַז־שטיקער, — מישט זיך שוין ארײַן איינער א זײַטיקער, — זײַנען ניט אזעלכע אײַז־שטיקער, וואָס יעדער בער האָט זיך זײַן אייגן אָנגעצייכנטן שטיקל אײַז. זיי קריכן זיך ארום, אף וועלכן ס'מאכט זיך, און זיי שווימען מיט אים. טאָמער הונגערן זיי זיך אויס, טוקן זיי זיך אונטער אין א פּאָלאָנקע, אָדער אזוי אין קאלטער וואסער.

זיי כאפּן אַן פיש, דערנאָך קלעטערן זיי ארויס צוריק אפ אן אײַז־שטיק און שווימען זיך ווײַטער.

— דאָרטן פארגייט די זון אין איינעם א ווינטער באַטאָג, — האָט זיך א צווייטער אָפּגערופן, — און אופגיין גייט זי צוריק אופ ערשט אין צוויי כאדאָשים ארום.

אז מיר האָבן אופגעהויבן די אויגן און האָבן דערזען, וויאַזוי דעם היטערס אויבסט־גאָרטן גרינט אנטקעגן, באשײַנט מיטן זומערדיקן פרימאָרגן, און מיר אליין גייען אזוי לײַכט אָנגעטאָן, איז איטלעכן געוואָרן מאָדנע.

— וויאַזוי־זשע האלטן זיי דאָ אויס פון אזא היץ? — האָט איינע אן אלטע פרוי א פרעג געטאָן.

— דערפאר האָט מען דאָך פון זייערטוועגן אָפּגעמאכט אינמיטן שטײַג א סאַזשאַלקע, טאָמער עפּעס, טאָ שפּרינגט, זײַט מויכל, ארײַן אהער און באָדט זיך אויס...

ווו־זשע איז ער?

מיר האָבן זיך אָפּגעטיילט פון אלע מענטשן און זײַנען אוועק מיט א באזונדער סטעזשקע.

פונפאָרנט פאר אונדז זײַנען געגאנגען דרײַ, וואָס זען אויס א ביסל אזויווי דאָרפישע, און פרעגן איינער באַם צווייטן:

„א־ווו־זשע איז ער?"

זײַנען מיר אוועק נאָך זיי. מיר האָבן פארשטאנען, אפ וועמען זיי פרעגן, און מיר האָבן געוואָלט פאר זיי ארויסווײַזן אונדזער געניטקײַט דאָ אין דעם דאָזיקן גאָרטן. אָבער אז מיר זײַנען צוגעגאנגען צו דעם אָרט, וואָס מיר ווייסן שוין פונלאנג, איז דאָרטן קיינער ניט געווען, פארקערט, דאָרטן איז אלץ געווען צעוואָרפן, צעבראָכן, און ס'האָבן זיך געוואַלגערט אָפּגעברענטע העלצער, ווי נאָך א סרייפע.

— טאָ ווו־זשע קער ער טאקע זײַן? — האָט שוין דער ברודער שטיל צו מיר א זאָג געטאָן.

איך האָב נאָר א קניטש געטאָן מיט די אקסל.

ערשט אין צוואנציק טריט ארום האָבן מיר דערזען א קײַלעכדיק,

פעסט מויערל מיט גראָבֿע טירנ אײַנגעפאסט, אונ לעבֿנ איינ טירל הענגט א שילד, ווו ס'שרײַבֿט זיכ אזוי:

די העלפאנדיכע מערי.

9 יאָר אלט, ווענט 140 פוד.

עסט אופ אלע טאָג:

3	קילאָגראַם	קלײַענ	15	קילאָגראַם	בֿורעקעס
8	,,	האָבֿער	5	,,	מערנ
15	,,	קארטאָפל	22	,,	היי
2	,,	שווארצ בֿרויט	0,5	,,	צוקער
3	,,	ווײַס בֿרויט	0,5	,,	זאלצ

אונ דרײַ בֿעזעמער.

אז די דרײַ מענטשנ זײַנענ צוריקגעקומענ אונ אלצ מיט דער איינער פראַגע: „ווו־זשע איז ער?" — האָבֿנ מיר בֿיידע געענטפֿערט, אז ס'ניט קיינ „ער", ס'איז א „זי".

די טיר זעט אויס ניט אזוי גרויס. ווײַזט אויס, אז זי איז אויסגערעכנט אפ ארײַנלאָזנ אהער מענטשנ.

אונ פארנ העלפאנד אליינ, פארנ נײַניאָריקנ קינד איז דאָ א בֿאזונ־דער טיר, וואָס איז אי גרויס, אי בֿרייט, אי הויכ.

די דרײַ האלבֿ־דאָרפֿישע, האלבֿ־שטאָטישע מענטשנ זײַנענ ארײַנ אונ האָבֿנ זיכ געהאלטנ וואָס נעענטער צו די ווענט אונ וואָס ווײַטער פונעם העלפאנד.

דער העלפאנד האָט זיכ אפילע אפ אונדז ניט אומגעקוקט. איינ פוס איז אימ געווענ אײַנגעשלאָסנ אינ א רינג פונ א גראָבֿער אײַזערנער קייט, אונ דער העלפאנד אליינ האָט זיכ אומגעטאָפטשעט קימאט אפ איינ אָרט.

— גיבֿ אהער א שטיקל בֿרויט, — האָט איינער פונ די דרײַ א זאָג געטאָנ צומ צווייטנ.

דער צווייטער האָט גענומענ זוכנ בֿא זיכ אינ זאק אונ האָט ענדלעכ ארויסגעשלעפט א גרויסנ שטיק בֿרויט.

איכ האָבֿ אימ געייצעט, ער זאָל עס ניט אָפגעבֿנ מיטאמאָל, ווײַל אָט דער־אָ גרויסער ריז קאָנ מיט זײַנ לאנגער ניאָניע אָפזוכנ דאָס קלענ־סטע בֿרעקעלע שפײַז פונ דער ערד, מעג עס זײַנ ניט גרעסער פונ א מאָנענ־זוימעלע.

סײַ דער ברודער, סײַ די פרעמדע דרײַ מענטשנ האָבנ זיכ פארוווּנ־דערט, וואָס איכ האָב ניט קיינ מורא אויסשטרעקנ מײַנ האנט צו זײַנ לאנגער אויסגעשטרעקטער ניאָניע. און איכ האָב ניט קיינ מורא דער־פאר, וואָס איכ האָב אימ שוינ פאראיאָרנ און פארצווייאָרנ אויכ געגעבנ פונ דער האנט עסנ, און ער האָט מיר גאָרנישט ניט געטאָנ. איינ זאַכ געדענק איכ נאָר ניט, צי פאראיאָרנ און פארצווייאָרנ איז ער אויכ אלט געווענ נײַנ יאָר, צי ניט.

— דוכט זיכ, אז אפ דעמ זעלבנ ברעטל איז ער פארצווייאָרנ אויכ אלט געווענ נײַנ יאָר, — זאָגט צו מיר דער ברודער. די פרעמדע האָבנ זיכ צעלאכט, אָבער ברויט האָבנ זיי אונדז אלעמאָל געגעבנ, און מיר האָבנ דאָס ברויט געגעבנ־מערינ.

— פארנייג זיכ! פארנייג זיכ! — האָבנ מיר דערהערט פונ דער זײַט א קלינגענדיקע יונגע שטימ.

דאָס האָט געזאָגט עפּעס א יאטל, וואָס איז נאָרוואָס אהער [illegible]רײַנ.

מיר האָבנ א קוק געטאָנ פריִער צומ יאטל און דערנאָכ צומ העל־פאנד. ערשט דער העלפאנד פאָלגט. ער פארנייגט זײַנ גרויסנ ברייטנ קאָפּ צווישנ מיט די שמאטעוואטע אויערנ, מיט די קליינע אייגעלעכ אפנ געקנייטשטנ שטערנ און מיט דער לאנגער נאָז, וואָס שלעפּט זיכ בא אימ ביז צו דער ערד, און עס קומט אויס, אז דאָס איז ניט קיינ נאָז, נאָר אז ער גייט אינ א קעגנגאז־מאסקע.

אָבער דאָס יאטל, זעט אויס, איז מיט אימ באקאנט, מיטנ העלפאנד, טאָ זאָל ער אונדז דערציילנ, פארוואָס ליגנ דאָרטנ אָפּגעברענטע שטי־קער האָלצ לעמ דעמ געוועזענעמ בײַדל.

און דאָס יאטל ענטפערט:

— דערפאר, וואָס דאָרטנ איז אויסגעבראָכנ א סרייפע.

— א סרייפע?

— יאָ. און דעמ העלפאנד, — דערציילט ער ווײַטער, — האָט מענ ניט געקאָנט ארויספירנ דערפאר, וואָס ער איז געווענ ארומגעצוימט מיט אײַזערנע רעלסנ, און צעזעגנ אפגיכ די רעלסנ איז ניט געווענ מיט וואָס. אז דעמ העלפאנד האָט גענומענ באקנ דאָס פײַער, האָט ער שוינ געוואָלט ארײַנלויפנ צוריק אינעמ ברענענדיקנ בײַדל, ס'איז גע־וואָרנ מיטאמאָל אזוי שלעכט, — אז ערגער קאָנ נישט זײַנ. די באדינערס לויפנ אומ אָנ קעפּ און קאָנענ זיכ קיינ אייצע ניט געבנ. אז די כײַעס

האָבן דערפילט פײַער, האָבן זײ זיך צערעוועט פֿון אַלע זײַטן. און דאָ איז נאָך אינמיטן באַנאַכט, צו די פֿײַערלעשערס איז ווײַט. ביז איינעם איז אײַנגעפֿאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק: פֿונדערווײַטנס איז געלעגן אַ יאַרוס לאַנגע ברעטער, האָט ער געהייסן, און מע האָט געכאַפּט טראָגן די ברעטער אַהער צו דער רעלסן־צוים און זײ אויסלייגן איין עק צו דער ערד און איינעם אַף דער צוים. איין ברעט אינעווייניק, און איינע אויסנווייניק. אַזוי האָט מען אינדערגיך אויסגעלייגט אַ גראָבן בריק פֿון ברעטער. דער העלפֿאַנד האָט זיך געלאָזט אײַנרײדן, און מע האָט אים אינדערגיך איבערגעפֿירט איבער דעם בריק.

מיר האָבן אַלע געקוקט אַפֿן העלפֿאַנד און זײַנען געווען דאַנקבאַר די באַדינער פֿונעם גאָרטן, וואָס האָבן אים סאָפּקאָלסאָפּ אָפּגעראַטעוועט. עפּעס אַ קלייניקייט — אַזאַ העלפֿאַנד!

אַזאַ מין אַנטוישונג

אַרויס פֿונעם העלפֿאַנד, הערן מיר, ווי צוויי יונגעלײַט, וואָס גייען פֿונפֿאַרנט (ווײַזט אויס, היגע, אינעווייניקסטע), רעדן צווישן זיך. איינער זאָגט:

— נאָך דעם, ווי איך האָב אים אײַנגעגעבן דעם פּראָשעק, איז אים געוואָרן אַסאַך גרינגער.

— און די מיקסטור האָסטו אים געגעבן פֿאַרן עסן, צי שפּעטער?

אונדז איז געוואָרן זייער מאָדנע פֿונעם שמועס... אינטערעסאַנט, וועמען האָבן זײ עס געקאָנט אײַנגעבן די רעפֿועס? אויב דעם העלפֿאַנד, איז ער דאָך אַזוי גרויס, אַז פֿונזײַנעטוועגן אַ פּראָשעק קען באַטרעפֿן ניט ווינציקער פֿון פֿינף קילאָ, אויב דעם לייב צי דעם טיגער, טאָ וויאַזוי קאָן מען זײ אײַנגעבן, אַז צו זײ איז אַ מוירע אַרײַנקריכן אין שטײַג אַרײַן.

— לאָמיר זײ בעסער אַ פֿרעג טון.

— גוט, לאָמיר.

בין איך צוגעגאַנגען צו די צוויי און זאָג:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, כאַווײרים, איר וועט זײַן אַזוי גוט און אונדז דערציילן, וועמען האָט איר עס אײַנגעגעבן דעם פּראָשעק מיט דער מיקסטור?

— מיר ארבעטנ דאָ אלס געהילפס־וועטערינארנ, — האָט דער יינגערער ערנסט געענטפערט, — בא אונדז איז א בוכארער באראנ די טעג פארשלאפט געוואָרנ, גיבנ מיר אימ איינ אזעלכע רעפועס, סע זאָל אימ א ביסל שטייפער ווערנ דער מאָגנ.

מיר זיינענ געוואָרנ א ביסל אנטוישט, וואָס דאָ רעדט זיכ ניט וועגנ קיינ טיגערס אונ אפילע ניט וועגנ קיינ מאלפעס, נאָר וועגנ א פראָסטנ באראנ.

— גאָ־אָר ?! אויב אזוי, וועט איר אונדז אָנווייזנ דעמ וועג צו די לייבנ.

— די שטייגנ זייערע זיינענ אָנ־אָ, אהינ אנטקעגנ, — האָט דער צווייטער באָכער געענטפערט. נאָר די נייע לייבנ זיינענ נאָכ נישט אָנגעקומענ. פונ מאָסקווע דארפנ אונדז אָנקומענ נייע צוויי לייבנ, יינגערע פונ די. דער דאָקטער אונדזערער איז אומיסטנ אוועקגעפאָרנ יענע וואָכ אהינ, אפ איבערנעמענ זיי.

— אָט דאָס איז טאקע א נייס!

דאָס ניט פארשטענדלעכע וואָרט

לעמ דעמ פאָפוגיי שטייענ אסאכ מענטשנ. בא אימ זיינענ שיינע, פארשיידנקאָלירענע פעדערנ. די לאפקעס שווארצע. דער פיסק א קרומער אונ ווי פונ שווארצנ האָלצ אויסגעטאָקט. אונ ער קאָנ איינ וואָרט פונ מענטשישנ לאָשנ — „אָרעוווּאר". איז עס אָבער אפ פראנצויזיש. האָט ער זיכ געריסנ, געריסנ דעמ האלדז, אונ ניט אלע האָבנ פארשטאנענ, וואָס דאָס איז.

מיר האָבנ זיכ פאר אימ אנטשולדיקט. אייניקע קינדער האָבנ צו אימ געשריגנ: „פאָפקא דוראק! אפ קיינ אנדער לאָשנ קאָנסטו ניט ריידנ ?" אונ אז מיר זיינענ אוועק, האָט ער נאָכ אלצ געשריגנ זיינ ניט פארשטענדלעכ וואָרט „אָרעוווּאר".

— צומ ווידערזענ, צומ ווידערזענ! — האָט אימ איינער, מיט גרויסע ברילנ, געענטפערט.

דערווייל האָט שוינ דער איבעריקער אוילעמ פארשטאנענ, וואָס דער פאָפוגיי האָט געמיינט.

לעמ די מאלפּעס

וועגנ זיי דאַרפ מענ דערציילנ אָדער גאָר אסאכ, אָדער גאָר ווינציק.

די קינדער קווענ דאָרטנ און פרייענ זיכ, אז מע קאָנ זיי גאָרניט אָפּרײַסנ.

קליינע מאלפּעלעכ מיט מענטשישע צורעלעכ. די פיסלעכ זײַנענ בא זיי הענטלעכ, די הענטלעכ — פיסלעכ. איינ פּאָרל צוואָגט זיכ, דאָס צווייטע — הוידעט זיכ.

איינ מאלפּעלע האָט באַקומענ ערגעצ א רויט שטיקל שמאטקעלע, אונ א שפּיגעלע האָט זי נאָכ בא זיכ פונלאנג. שפּיגלט זי זיכ עפּשער שוינ א שאָ צײַט, אונ קאָנ זיכ זאט ניט אָנשפּיגלענ. זי דרייט עס, דאָס שפּיגעלע, אינ אלע זײַטנ, טאָמער איז אזוי שענער אונ טאָמער גאָר אזוי.

— דו ביסט שיינ, שיינ! — שרײַענ צו איר די קינדער אונ קווענ.

ערשט דערנאָכ באהאלט זי ווײַט אינ א שפּאָרונע דאָס שפּיגעלע מיטנ שמאטקעלע, זי באהאלט עס גוט־גוט אונ קומט צו שפּרינגענ צומ פּאָרנטיקנ ווענטל. דאָרטנ האָט זי דערזענ, שנײַדט איר דער באַדינער אָפּ א קײַלעכדיק ריפּטעלע פונ א גרויסער ציבעלע אונ דערלאנגט איר. זי כאפּט עס ארײַנ אינ די שווארצע הענטלעכ מיט די לאנגע פינגער אונ הייבט אָנ כראָמטשענ, אז ס'איז נאָר א כיינ צו קוקנ.

— זעט איר שוינ, — רופט זיכ אָפּ איינס א ווײַבל פונ דער זײַט.

— גיי זײַ א בעריע אונ טרעפ, אז זיי האָבנ גאָר ליב ציבעלעס!..

פונדאָרטנ

פונדאָרטנ זײַנענ מיר אוועק צו די וועלפּ. פונ די וועלפּ — צומ ארויסגאנג אונ צומ טראמווײַ.

מיר זײַנענ געווענ ווייער מיד, אָבער אָנגעקוקט האָבנ מיר זיכ אויב גענוג. טיגערס אונ לעמפּערטנ, אונ קליינע כײַעלעכ אלערליי, מיט פוקסנ, מיט קעצ, אונ טכוירעלעכ, אונ וועווערקעס, אונ העזעלעכ, אונ צווישנ די פייגלענ האָבנ מיר געזענ איינעמ אזא, וואָס איז שוינ באַלד אויס פויגל, ווײַל די פליגל דינענ אימ שוינ ניט צומ פליִענ, נאָר די פיס זײַנענ הויכ אונ שטארק צומ לויפנ. אונ דער האלדז א לאנגער, א לאנ־

גער, און דאָס קעפּעלע א קליינינקס. דאָס איז א שטרויס. וואָס מע גיט אים, עסט ער. אָבער ניט אלץ, וואָס ער עסט, מעג מען אים געבן, וואָרעם ער קאָן נאָך קראַנק ווערן אויך. דער ברודער זאָגט:

— נישט ער עסט, נאָר ער שלינגט.

אָט אזוי האָבן מיר זיך א ביסל אָנגעשפּאצירט. ניט אלע זאכן האָבן מיר באוויזן אויסקוקן אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. מיר קלייבן זיך גיין נאָכאמאָל. אז איר וועט גיין, קינדער, רופט אונדז אויך!

——

א מײַסעלע

איך וויל איך דערציילן א מײַסעלע מיט פיניען און זײַנע צוויי יינגעלעך אווראם און זאלמען, מיט די טײַבעלעך און מיט דער קאצ. איך וויים ניט, צי די מײַסע איז א שיינע, אבער דערפאר איז זי אן עמעסע.

פיניע האט שטארק ליב געהאט זײַנע יינגעלעך. זיי זײַנען שוין געווען גרויסע, — אווראמען איז געווארן זיבן יאר און זאלמענען זעקס. טאקע געזונטע צוויי יונגאטשעס. אז פיניע גייט אין א יאנטעוו-טאג שפאצירן, פירט ער איינעם פאר דער רעכטער האנט און איינעם פאר דער לינקער.

גייט איינמאל דער טאטע אוועק אין דארף ארײַן אנשלאגן רייפן אפ א דייזשקע און ברענגט אווראמען מיט זאלמענען... טרעפט וואס? צוויי... קליינינקע טײַבעלעך...

אבער שוין איינמאל טײַבעלעך! גאר אזוינס ווי אזעלעכס! מיט אזעלכע העלדזעלעך, מיט אזעלכע קעפעלעך! און פעדערלעך

זײַנען בא די טײַבעלעך — אוי, שײנינקע! ניט װײַס, ניט גרין. און אַז זײ גײען (זײ קאָנען אַרומגײן אױך, די טײַבעלעך), טוקן זיך בא זײ די העלדזעלעך. די קעפּעלעך אױך. זאַלמען װיל זײ כאַפּן, שרײַט אַף אים אװראָם.

— גײ, — שרײַט ער אַף אים, — גײ אַװעק, זאַלמענקע, זײ װעלן ניט װאַקסן, אַז דו װעסט זײ טאַפּן מיט די הענט!..

און בא דעם טאַטן איז די באָרד אַ ליכטיקע, לאַכט ער, װיאַזױ די כעװרע שפּילן זיך מיט די טײַבעלעך, און עסט דערװײַל לאַטקעס מיט האָניק. גיך עסט ער די לאַטקעס מיטן האָניק, װײַל ער דאַרף נאָך גײן צו דער אַרבעט.

— זע נאָר, טאַטע! — שרײַט אַװראָם. — ער שרעקט די טײַבעלעך, אָט דער „זאַלמען־קאַלמען”. אײאָ, זײ װעלן ניט װאַקסן, די טײַבעלעך, אַז מע װעט זײ טשעפּען מיט די הענט?

— מ־מ... אַװאַדע װעלן זײ ניט װאַקסן, — ענטפערט דער טאַטע און שטופּט די לאַטקעס מיט האָניק אין מױל. — גיט זײ בעסער אַ ביסעלע הירזש. שיט זײ אָן אין אַ שיסעלע!

האָבן זיך אָװעקגעשפּאַרט בײדע כעװרע אין קיך אַרײַן נאָך הירזש. יעדערער װיל פריער כאַפּן דאָס שיסעלע. שלאָגן זײ זיך אַפּן װעג, אַװראָם מיט זאַלמענען, און שטופּן זיך מיט די עלנבױגנס.

און די טײַבעלעך — טאַקע שײנינקע טײַבעלעך — האָבן ינ גאָר ניט קײן מורע. זײ גײען זיך אַרום אונטערן טיש, אונטער קאַנאַפּע, און אַז זײ װילן, פליִען זײ גאָר אַרױף אַף דער שאַפע.

— אײַ, טאַטע, — שרײַט זאַלמען, — זײ װעלן נאָך איבער די שאַפע.

— נײן, נײן, זײ װעלן ניט איבערקערן, — מאַכט דער טאַטע, — זײ זײַנען ניט קײן שװערע.

* *
*

געװען בא בראָכען, בא דער מאַמען זײערער, אַ קאַץ אין קיך. אין שטוב זעט מען זי ניט. שטענדיק זיצט זי אין קיך: דאָרטן װאַרפט מען איר אַראָפּ אַ בײנדל, דאָרטן גיט מען איר אַ טעלער אױסלעקן. דאָרטן מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַ מײַזעלע לױפט דורך, און אין קיך איז טאַקע זײער װאַרעם אױך.

א גרויסע איז זי, די קאַץ, א ראַבע און א שווערע. די יאַטן שפּאַנען זי אַמאָל איַין אין לייצעס און אין א שלייע, זי זאָל זיַין א פערד, ווייל זי ניט זיַין קיין פערד — זי וויל בעסער פאַרקריכן אפן אויוון ווייַט־ווייַט, זיך איַינדרייען אין די שמאַטעס און שלאָפן.

אַז מע האָט געבראַכט די טיַיבעלעך, האָט זי זיך אַריַינגעוויזן אין שטוב אַריַין, אָט די־אָ קאַץ. זי האָט זיך פאַרזעצט אין א ווינקעלע און קוקט.

— וואָס קוקסטו? — איז צוגעלאָפן צו איר אווראָם און איר געגעבן א קנאַק מיטן האַנטעך.

— זי וויל זיך שפּילן מיט די טיַיבעלעך, — זאָגט זאַלמען, — וואָס שריַיסטו אפ איר?

— יאָ? זיך שפּילן? א קאַץ קאָן אופּעסן א טיַיבעלע אויך.

— א קאַץ... קאָן ניט אופּעסן קיין טיַיבעלע, — זאָגט זאַלמען.

— נו־נו, דו ווייסט זייער, זאַלמענקע, — און אוועקגעטריבן מיטן האַנטעך די קאַץ.

איבערגענעכטיקט האָבן די טיַיבעלעך אין שטוב. גאַנצפרי האָבן די כעוורע אַרויסגעטאַנצט פון די בעטן און גענומען קערן די וועלט.

— איר הערט ניט אופ איבערקערן די שטוב? — האָט אויסגערופן די מאַמע מיט קאַס, — אָט וואַרפ איך איַיך אַרויס מיט די טיַיבעלעך אינייַנעם.

און די יינגלעך ווילן ניט, מע זאָל אַרויסוואַרפן די טיַיבעלעך. מע דאַרפ נאָך ערשט אופקלאַפּן א טויבנשלאַק, און דאַרטן וועלן די טיַיבעלעך לייגן אייעלעך. דער טאַטע האָט אליין געזאָגט: און עס וועלן זיך אויספירן פאַרן זומער אַסאַך טיַיבעלעך. מאָרגן וועט דער טאַטע האָבן צייַט, וועט ער העלפן מאַכן א טויבנשלאַק.

— קום, זאַלמען, — זאָגט אווראָם, — מירן אוועקטראָגן די טיַיבעלעך אפן בוידעם, דאָרט וועלן מיר זיי האַלטן.

פאַרטראָגן די טיַיבעלעך אונטערן דאַך און זיי אָנגעטראָגן אַהין עסן און טרינקען. זאַלמען קאָן ניט איַינהאַלטן די טיַיבעלעך, זיי רייַסן זיך פון די הענט, טראָגט זיי אווראָם — און ס׳איז גוט.

זיי גייען צוריק. ערשט די קאַץ זיצט אפן לייטער און באַלעקט זיך. קוקן קוקט זי קלוימערשט אינערגעץ ניט. דערזען די יינגלעך, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען און גיך אַרויסגעלאָפן אינדרויסן.

א גאנצן טאָג, אז די ייִנגלעך קריכן אפן בוידעם און פון בוידעם. די היטלען אפּ א זײַט, די הייזלעך צעריסן, אינגאנצן אויסגעשמירטע. זיי האָבן ניט קיין צײַט אפילע אָפּצוועסן.

געקומען די באָבע, דער מאמעס מאמע, פרעגט זי:

— פארוואָס זײַנען עס די ייִנגלעך ניט געקומען זיך שפּילן, ניט געבעטן א גאנצן טאָג, ניט הײַנט א גאנצן טאָג?

— אוי, — זאָגט די מאמע, — ס'דען ייִנגלעך פאראן ערגעץ אזעלכע? ס'ניט קיין ייִנגלעך, ס'זײַנען מאזיקים! דעם געדראָטענעם טאטנס ווייערן האָט זיך פארגלוסט טײַבעלעך, האָב איך שוין קורצע יאָר פון זייערע טײַבעלעך!

— און איך האָב געמיינט, — זאָגט די באָבע, — אז זיי זײַנען, כאָלילע, שלאָפּ.

צוגעגאנגען די באָבע, אָפּגעווישט איין ייִנגל די נאָז, אָפּגעווישט דעם צווייטן.

— הערסט א מײַסע, — זאָגט די באָבע, — האָט איר שוין גאָר טײַבעלעך, האָט איר?

— נאט אײַך, קינדער, צו קיכלעך.

און די באָבע נעמט ארויס פון פּאָרטעך־קעשענע צוויי רעטשענע קיכלעך און גיט דעם איינעם און דעם איינעם.

— קום, מירן ארופטראָגן די טײַבעלעך עסן, — רופט זיך אָן זאַלמען שטילערהייט. — אווראָם, אווראָמ, טײַבעלעך עסן קיכלעך!

זיי לויפן אוועק דורך דער קיך־טיר אפן בוידעם און זעען: איין טײַבעלע פליט ארום מיט דערשראָקענע אייגעלעך טאָ אהער, טאָ אהין, און דאָס אנדערע איז עפּעס ניטאָ.

— וווּ קאָן עס זײַן, דאָס אנדערע טײַבעלע?..

זיי זוכן, זיי נישטערן איבערן בוידעם, — ניטאָ דאָס טײַבעלע אינערגעץ. זײַנען די ייִנגלעך צעטראָגן געוואָרן, די היטלען האָבן זיך בא זיי אראָפּגערוקט איבער די אויגן, פּ. די נעזער רינט, און ס'איז זיי הייס. זיי נעמען שרײַען פון בוידעם. ערשט די קאץ טוט א לויף ארויס פון א ווינקל, שפּרינגט ארויס דורך דער הויז־טיר און אפן גאָרטן; די ראָבע קאץ, די שווערע.

אווראָם מיט זאַלמענען האָבן זיך גענומען יאָגן נאָך דער קאץ,

און קאָנען זי אָבער ניט כאַפּן. זי שפּרינגט איבער פּלויטן, איבער גערטנער און גלײַך צו דער באַד אוועקגעלאָפן.

— אוי, ס'אַ טײַער טײַבעלע, — װײנט אוראָם.

— אוי, אַזאַ טײַער טײַבעלע, — צערעװעט זיך זאַלמען.

דאָס האָט די קאַץ דאָס טײַבעלע געפּאַטערט! די שװערע קאַץ, די גראָבע!

און אױף מאָרגן — אױף מאָרגן איז געגאַנגען די בעדערן און דערזען: אױפן גאַנצן גאָרטן, איבער אַלע בײטן זײַנען צעזײט פאַרבלוטיקטע פּעדערלעך...

אױ, װײ, פון דעם טײַבעלע די פּעדערלעך!

אוראָם װײנט און זאַלמען װײנט.

אַזאַ קאַץ אַ געזונטע זאָל גאָר גײן דערװאַרגן אַזאַ פּיצינקע טײַבעלע!

— זי גאַנװעט זיך נאָך פון נעכטן אָן, — שרײַט אוראָם, — איך װעל איר װײַזן!

אוראָם איז אַ קאַסניק און אַ רידעװדיקער. ער און נאָך ייִנגלעך האָבן געכאַפּט שטעקנס און זײ זײַנען אַװעקגעלאָפן נאָך דער קאַץ. אונטער דער שטאַל האָבן זײ זי געפּאַקט און איר אַזוי אַרײַנגעלײגט אין די יאָרן, אַז זי װעט שױן מער ניט גאַנװענען קײן טײַבעלעך.

זאַלמען האָט דערצײלט בײַ דער מומען אין שטוב יעדעס פּיצעלע, װיאַזױ דאָס איז פאָרגעקומען.

דערװײַל פליִען אַרום די פּעדערלעך אױפן גאָרטן. די ייִנגלעך לױפן אַלעמאָל קוקן צום אײנעם טײַבעלע, זײ שלעפּן דעם טאַטן אַהין און קלײַבן האַס אױף דער קאַץ. אוראָם קלײַבט זיך נאָך ערשט איר טון דער רועך װײסט װאָס.

אָט דאָס איז קימאַט אינגאַנצן די מײַסע מיט פּיניעס צװײ זין אוראָם און זאַלמען, מיט זײערע צװײ טײַבעלעך און מיט דער קאַץ.

נו, און אַז די יאַטן װעלן אױסװאַקסן גרױסע, און מירן לעבן און זיך מיט אײַך װידעראַמאָל באַגעגענען, האָב איך אײַך נאָך עפּעס װאָס צו דערצײלן, װעט עס דענסטמאָל זײַן.

טאַטעשי, טאַטעשי, זיצ ניט אזוי...

(איבערדערציילט פונ אנ אוקראַיִניש פאָלקס־מײַסעלע)

געלעבט האָבנ אמאָל אינ א דאָרפ א פויער מיט א פויערטע אונ האָבנ געהאַט אסאַכ קינדער: אי זינ, אי טעכטער. זײַנענ אלע קינדער געווענ, ווי אומעטום, קינדער. אונ די עלטערנ האָבנ פונ זיי אלעמענ געקליבנ נאַכעס. כוץ דער יינגסטער טאָכטער — פראָסיען, וואָס איז געווענ אנ עמעסער אומגליק פאר דער שטוב. זי איז דאפקע אויסגעוואַקסנ, פראָסיע, אי הויכ, אי געזונט אונ מיט אלע מײַלעס, אָבער דער כיסאָרנ אירער, וואָס זי האָט געהאַט, האָט פארבויגנ אלע מײַלעס: זי איז געווענ זייער א פוילע. ס'האָט געמעגט זײַנ ארבעט אינ שטוב איבערנ קאָפ, האָט זי קיינמאָל ניט א קלאַפ געטאָנ קיינ פינגער אָנ קיינ פינגער. אז יענער קאָכט אָפ, עסט זי אופ. אז עמעצער נייט אופ, טוט זי אָנ, אונ אז מע בעט איר אויס, לייגט זי זיכ שלאָפנ.

אז די זינ מיט די טעכטער זײַנענ אונטערגעוואָקסנ, האָבנ אָנגעהויבנ קומענ פונ אלע זײַטנ מעכוטאָנים אונ זיי אויסגעשאַדכנט:

ווערמען צו זיך פאר אַן אײדעם און ווערמען פאר א שנור, און אזוי האָבן קלים מיט קלימעכן אויסגעגעבן אַלע קינדער, ביז ס'איז געקומען צו דער ייִנגסטער — דער מיזינקע.

קומען צו גיין מעכוטאָנים. ס'געפעלט זיי פראָסיע, וואָס זי איז אזא געזונטע אויסגעוואקסן, פארנייגן זיי זיך באַם אַרײַנגאנג און רופן זיך אָן צו פראָסיעס טאטן — צו קלימען:

„קלים, קלים, זײַ ניט קיין שלעכטער,
מיר זײַנען געקומען צו דיר,
זאָלסט אונדז געבן פאר אַ שנור
די ייִנגסטע פון דײַנע טעכטער."

רופט זיך אָן די מוטער צו די מעכוטאָנים:

— איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, מײַנע טײַערע. די טאָכטער אונדזערע איז דאפקע א שיינע און א פײַנע, מיט אַלע מײַלעס, אָבער מע קאָן בא איר ניט פויעלן, זי זאָל טון א האנט אין קאַלטער וואסער.

הערן די מעכוטאָנים אזא מײַסע, לאָזן זיי אראָפּ די קעפּ און רוקן זיך פּאַמעלעך ארויס פון שטוב.

אזוי איינע פאָר מעכוטאָנים, אזוי די צווייטע און די דריטע.

איינמאָל אַפּדערנאכט זײַנען געקומען צו פאָרן מעכוטאָנים פון א ווײַטן דאָרף. זיי גייען אַרײַן, טוען אויס די היטלען, שטעלן אוועק אַפן טיש ווײַן מיט פארבײַסן, דערנאָך זעצן זיי זיך אויס אַפ דער פּאָדערשטער באַנק און זיי זאָגן:

„קלים, קלים, ס'זײַנען צו אונדז דערגאנגען קלאַנגען —
דו קלײַבסט פון דײַן פעלד די גראָטנסטע זאנגען,
דײַן טיש איז זאט, דײַנע טעכטער — צעוואָקסן,
טאָ גיב אונדז דײַנע קיען,
וועלן מיר דיר געבן אונדזערע אָקסן".

רופט זיך אָן קלים אויך מיט א גראַם:

„אייגענע מענטשן איז מיר ניט ליב צו נאַרן,
מײַן טיש איז זאט,
מײַנע טעכטער זײַנען צעוואָקסן.
נאָר זײַט וויסן, ליבע הארן,
אונדזערע קיען זײַנען ניט ווערט אײַערע אָקסן!.."

און ער האָט זיי דערציילט, ווי זײַן טאָכטער איז דאפקע אי שיין, אי פײַן, מיט אלע מײַלעס, נאָר זי פוילט זיך טון אפילע א האנט אין קאלטער וואסער, און ס'איז צו איר גאָר קיין אייצע ניטאָ.

קוקן זיך איבער די מעכוטאָנים צווישן זיך און רופן זיך אָן:

— אויב מיר שטייען אײַך נאָר אָן פאר מעכוטאָנים, טאָ גיט אונדז אָפּ אײַער טאָכטער פאר א שנור, וואָרעם מיר האָבן פאר אזעלכע זאכן קיין מוירע ניט. בא אונדז וועט זי טון אלץ, וואָס מע וועט דארפן.

— וויאזוי וועט איר דאָס בא איר פויעלן? — דערפרעגן זיך פראָסיעס עלטערן זייער נײַגעריק.

און די מעכוטאָנים ענטפערן:

— וואָס דארף עס אײַך ארן? איר וועט שוין א סימען האָבן גרייטערהייט.

— נו, גוט.

האָט מען אופגעפּנט די פלעשער, מע האָט געטרונקען א לעכאַיִם, און אין א כוידעש ארום האָט מען אָפּגעפראוועט זייער א פרייליכע באסענע און אוועקגעפירט די יונגע שנור אהיים.

אינדערהיים באַם כאָסן האָט מען זיך געפרייט נאָך זיבן טעג מיט זיבן נעכט.

דערנאָך זײַנען זיך די מעכוטאָנים צעפאָרן. דער אוילעם האָט זיך אויסגעניכטערט, און יעדערער האָט זיך צוריק גענומען צו זײַן טאָגטעגלעכער אַרבעט.

דער יונגער שנור האָט די שוויגער געהייסן, זי זאָל אָנשיטן פראָסע אין סטאַמפּ און אָנשטויסן הירזש אָפּ קאשע.

דערהערט די שנור אזעלכע רייד, רופט זי זיך אָן:

— אָטאָ באלד צעיאָג איך זיך! בא מײַן טאַטן האָב איך קיין איידערלערע ארבעט ניט געטאָן, וועל איך זיך דאָ שטעלן פראָסע שטויסן...

טוט זיך יעדערער אין שטוב זײַן ארבעט, און פראָסקע, די ייִנגסטע שנור, זיצט זיך אָן א זײַט, די הענט צונויפגעלייגט, און ס'רירט זי קיין קויל ניט.

געקומען צום וואָרמעס, האָט גענומען די שוויגער גרייטן צום טיש און דערלאנגען עסן אין די שיסלען. פאר יעדערן האָט זי אנידערגעלייגט א הילצערנע לעפל א געשניצטע און איבערגעלאָזן אן אָרט

באַם טיש, נאָר דער ייִנגערער שנור האָט זי אי קיין לעפּל ניט אנידערגעלייגט, אי קיין אָרט באַם טיש ניט געלאָזן.

זיצט זיך פראָסיע אין דער זײַט א בארויגעזע. עסן גלוסט זיך איר, אזש די נעשאָמע קריכט, אָבער זי זעט, אז ס'איז שוין א פארפאַלענע זאך.

אַף מאָרגן צעטיילט די שוויגער איטלעכן די שטוב־ארבעט, און פראָסיען הייסט זי ווײַטער אופשטויסן הירזש אַף קאשע.

— גוט, — זאָגט פראָסיע, — זי וועט אופשטויסן, און זי רירט זיך דערווײַל ניט פון אָרט. אזוי איז זי געזעסן און געזעסן. דערנאָך האָט זי זיך אופגעהויבן, איז צוגעגאנגען אזויווי א נעכטיקע צום סטאמפ, האָט געגעבן א קלאַפּ מיטן טוקאטש, און זי זאָגט, אז זי האָט זיך שוין אײַנגעמידט, די הענט טוען איר שוין ווי. און זי האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט אַף איר פריִערדיקן אָרט.

אלע טוען זייער ארבעט, און זי זיצט און קוקט.

געקומען צום ווארמעס, האָט די שוויגער געגרייט צום טיש, האָט דערלאנגט עסן אין די שיסלען, דערנאָך האָט זי אוועקגעלייגט יעדערן א לעפל און פראָסיען אויך א לעפל אנידערגעלייגט מיט זעקס קארבן (ווײַל זי איז געווען אין שטוב די זעקסטע) און איר איבערגעלאָזן א שיינעם אָרט באַם טיש.

פראָסיע האָט זיך שוין זייער אויסגעהונגערט. איז זי, נעבעך, געוואָרן פריילעך, וואָס מע האָט איר געלאָזן אן אָרט באַם טיש. זי האָט זיך קוים דערווארט, אז אלע זאָלן אָנהייבן עסן, האָט זי זיך אויך צוגעכאַפּט, אָבער ווי נאָר זי האָט אופגעגעסן די ערשטע לעפל קאשע, האָט בא איר דער שווער ארויסגענומען די לעפל פון דער האנט, און די שוויגער רופט זיך צו איר אָן:

— גענוג, מײַן קינד, דו האָסט איין שטויס געטאָן די פראָסע, האָסטו שוין אופגעגעסן איין לעפל קאשע, מערער נעמט זיך דיר ניט אָן.

האָט זיך פראָסיע אָפּגערוקט פון טיש זייער א פארשעמטע.

אַף מאָרגן האָט שוין פראָסיע געגעבן צוויי קלאַפּ מיטן טוקאטש, האָט מען איר געגעבן צוויי לעפל קאשע, און אַף איבערמאָרגן האָט זי געגעבן דרײַ קלאַפּ, האָט מען איר געגעבן דרײַ לעפל קאשע.

דאָ האָט פראָסיע א קוק געטאָן, אז ס'איז א מײַסע אָן א סאָף, מ'קאָן

אזוי די פיס אויך אויסציִען, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער אַרבעט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס'שוין פאַר איר גאָרניט צו שווער געווען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז ניט אַוועק קיין יאָר, איז געקומען צו פאָרן קלים, דער טאַטע פּראָסיעס, געוווירע ווערן, וואָס מאַכט עפּעס זיין טאָכטער. אַז ער איז אַרויף אַפן הויף, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אונטערן פענצטער מיט אַ ציטעריקן האַרץ און זיך גענומען צוקוקן. זעט ער, אַז פּראָסיע קאָכט און באַקט, קערט און ראַמט, אַזוי ווי די שענסטע באַלעבאָסטע. האָט ער זיך זייער דערפרייט און איז שוין אַריין מיט אַ גרינג האַרץ אין שטוב אַריין.

אַז די שטוב־לייט האָבן דערזען דעם מעכוטן, האָבן זיי אים גלייך געמאַכט אַ וואַרע, און מע האָט אים אויפגענומען זייער פאַר אַ גרויסן גאַסט.

— מיר דאַנקען דיר, — זאָגן זיי, — מעכוטן, פאַר דיין טאָכטער. זי איז בא אונדז אַזאַ גאָלדענע טורען, וואָס די צווייטע צו איר איז גאָר אין דאָרף ניטאָ.

און מע האָט אָנגעשטעלט אַפן טיש פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, קעדיי דעם גאַסט וואָס שענער מעכאַבעד זיין. און דער פאָטער פּראָסיעס זיצט זיך, באַטראַכט אַלצדינג און קלייבט גרויס נאַכעס דערפון.

דערווייל האָט פּראָסיע זיך דערוואַרט אַ רעגע, ווען די שטוביקע האָבן זיך ערגעץ אָפּגעקערט, איז זי צוגעלאָפן צום פאָטער און גיכער אים איינגערוימט שטילינקערהייט אַפן אויער:

„טאַטעשי, טאַטעשי, זיץ ניט אַזוי,
באַדאַי די פאָלע דדיי
אָדער אַ קנעפל פאַרניי,
אַז ניט וועט מען דיר קיין עסן ניט געבן!!!"

דאָ האָט שוין דער טאַטע פאַרשטאַנען, וויאַזוי ס'איז אַלץ פאָרגעקומען, האָט ער איבערגעגעכטיקט, באַדאַנקט זיי מעכוטאָנים פאַר זייער גוטסקייט, באַזונדערס פאַר זייער קלוגשאַפט, און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים מיט אַ פריילעך האַרץ און מיט אַ גוטן געמיט.

———

האָן געלמײַטקע און הון קרוינדל־קעפּל

געווען זײַנען בא א באלעבאָס א האָן מיט א הון.

דער האָן איז אין מײַטקעס געגאנגען, אין געלע און מיט פליגלען באגילדטע, און הינדעלע איז א ראבע געווען, און מער ווי א קרוינדעלע אפן קאָפּ האָט זי ניט פארמאָגט.

גוט האָבן געלעבט צווישן זיך האָן מיט הינדעלע. האָן פלעגט אין קיין פרעמדע הויפן ניט פארקוקן, און גאנצע טעג ראק מיט הינדעלען געשפאצירט.

און געפונען האָט ער נאָר א קערנדל ווייץ אָדער האָבער, פלעגט ער גלײַך נעמען רופן:

פּיק־פּיק־פּיק!
געפונען — געפונען...

און דאָס קערנדל אין שנאָבל און פון שנאָבל געוואָרפן, אין שנאָבל און פון שנאָבל — אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז הינדעלע דערהערט און קומט צו. ווארפט ער איר ארויס דאָס קערנדל פון שנאָבל. אָדער ער

דערשלינגט עס אליינ, ווענ ער קאָנ זיכ ניט אײַנהאלטנ. אונ זיי שפּאַ־
צירנ זיכ ווײַטער.

הינדעלע פלעג אלע פרילינג טאָג אונ טאָג אייעלעכ לייגנ אונ זיי
דער באלעבאָסטע פארגלייבנ.

יאָר אונ יאָר האָט זיכ הינדעלע געבלאָזנ אונ קינדערלעכ געוואָלט.
האָט אָבער די באלעבאָסטע פארלייקנט די אייעלעכ. אונ אזויווי זי האָט
ניט געוואָלט, אז הינדעלע זאָל זי פאר האָנענ פארמאסערנ, פלעגט זי
נאָכ געמענ אונ הינדעלענ אָפּטוקנ אינ קאלטער וואסער.

ניטאָ באַ קוואָטשקע־הינדעלענ ערגער, ווי אינ וואסער, אונ נאָכ אינ
קאלטער זיכ טוקנ.

מוז שוינ הינדעלע באלעבאָסטענ נאָכגעבנ — זיכ אונ[illegible]ערג בלאָזנ,
אופהערנ קוואָטשקענ אונ האָנענ קיינ פּיפּס נישט טונ וועגנ גאָרנישט.

נאָר ווענ־ניט־ווענ פארנאכט, אפ דער סעדעלע פליִענדיק, פלעגט
זי אפ יעדנ טרעפּעלע פונ לייטער זיכ אָפּשטעלנ, זיכ אָנ וואָס דער־
מאָנענ, אונ אונטערנ דעכל, שוינ זיצנדיק באַ האָנס רעכטנ פליגל,
פלעג זי פארמאכנ איינ אייגעלע, נאָכדעמ דאָס צווייטע, קלערנ, קלערנ
אונ אזוי אײַנשלאָפנ.

שארט זיכ איינמאָל הינדעלע אינ ערד.

אלע פעדערנ זײַנענ שוינ באַ איר אינ ווארעמענ שטויב אויס־
געבאָדנ.

האָט זי זיכ אפ א זײַטל צוגעלייגט, דאָס אייבערשטע פליגעלע
אויסגעצויגנ, די פיסעלעכ פארדעקט, איינ אייגל צוגעמאכט — אונ
דערפילט:

אנ אייעלע וועט זי באלד ברענגענ.

דאָס ערשטע אייעלע פארנ נײַעמ פרילינג.

האָט זיכ הינדעלע פארקלערט.

האָנ וועט דאָ גאָרניט אייצענענ, ער שטייט ערגעצ מיט זײַנע געלע
מײַטקעס אפ א באַזוניקטנ פלויט, פּאטשט מיט די גילדענע פליגל
אונ רופט:

קוקוריקו!
קוקוריקו!
ווער אפ פעלדער,
ווער אפ וועגנ!

קוקוריקו!
קוקוריקו!
איצט א זונ —
און באלד א רעגנ.

מער איז ניט זײַנ אײסעק.

שטײט אופ הינדעלע, גיט זיך א טרײסל אָפּ פונ שטויב, הײבט א לאפּקעלע מעיושעוודיק אונ גײט, הײבט אופ דאָס צווײטע, טוט א קלער אונ ווײַטער גײט.

אונ זינגט זיך אונטער:

איך לײג אנ אײעלע,
וואָס קומט ארויס —
די באלעבאָסטע קומט
אונ שאַרט ארויס.
הונ וויל א קינד,
האָנ וויל א קינד,
איז ווער קאָנ
אײצענענ אצינד...

שטײט אינ ווינקעלע פונ הויפ א בערעזע אנ אלטע, מיט א שווער־בלעטערדיקנ קאָפּ. אונ אזא מינ אלטע איז זי, די בערעזע, געווענ, אז זי האָט זיך ליב געהאט צו אלצ צוקוקנ אונ צו אלצ צוהערנ.

הינדעלע הײבט א לאפּקעלע אונ זינגט, אונ בערעזע אלטע, שווער־קעפּיקע, הערט זיך צו.

הערט אונ הערט אונ רופט זיך אָנ:

— הער אויס, הינדעלע, איך וועל דיר אנ אײצע געבנ, וויאזוי פונ באלעבאָסטעס די אײעלעך אויסבאהאלטנ... צווישנ מײַנע צווײַגנ באַהאלט איך אויס א פארלאָזענע נעסט. א בושל, א הימלאָזער, האָט זי דאָ געבויט, געמײנט, ס'וועט זײַנ פרײלעכער אנ אלטער בערעזע... האָט ער געבויט־געבויט, אנ אומכײנ געוואָרפנ אונ זיך באמ טאָפּאָל גאָר באוועצט... קום, איך נעמ דיך צו פאר א שכײנע, איך וועל דיר דײַנע אײעלעך אויסבאהאלטנ, דיך מיט א געניטער אײצע פירנ. נאָר א טנײַ נעמ איך מיט דיר אויס...

— אוועלכנ?.. — פרעגט הינדעלע.

— א טנאַי — האָנענ, דײַנ מאַנ, זאָלסטו אהער ניט פירנ. איכ בינ אנ אלטע אונ קאָנ קיינ טומל ניט פארטראָגנ.

איז הינדעלע אײַנגעגאנגענ. באַראַנקט דער אלטער, ארומגעקוקט זיכ, צי קיינער הערט ניט אונטער, צי קיינער קוקט זיכ ניט נאָכ, אונ אפנ בוימ ארופגעפלויגנ.

די בלעטער האָבנ זי פארשטעלט.

זוכט זי מיט איינ אייגעלע. א בויג ארופ דאָס רעכטע אונ געקוקט, — א בויג אראָפ דאָס לינקע, — אונ אויסגעקוקט, אונ טאַקע די נעסט. געפונענ.

די־נעסט האָט אפילע געשמעקט מיט פוסטקע. פונדעסטוועגנ איז הינדעלע געווענ צופרידנ, ווי עס איז זיכ אײַנגעמאָסטעט, אונ ווי נאָר זי האָט דאָס אייעלע געלייגט, האָט זי אפ א צווײַג זיכ געשטעלט אונ גענומענ פאר פרייד זיכ בארימענ...

קאָ־קאָ־קאָ!
אנ אייעלע געפונענ...
קאָ־קאָ־קאָ!
אנ אייעלע געבראַכט...

— א שיינער סאָד בא דיר, — שלאָגט זי איבער די בערעזע...

הינדעלע האָט זיכ דערמאנט אונ פארשעמט. זי וועט שוינ מער אזוי נישט טונ. אונ זיכ אומקוקנדיק, צי קיינער זעט ניט, איז זי אראָפגע־פלויגנ. האָנ ווייסט גאָרניט פונעמ סאָד, וואָס הינדעלע באהאלט אויס, ער זעט נאָר — הינדעלע איז פריילעכ. איז ער אויכ פריילעכ.

ער ווייסט נאָכ נישט, פארוואָס קאָנ מענ עס ניט הינדעלענ דערופנ א קערנדל כאַפנ, א הירזשעלע קלײַבנ. אונ קומט ער אליינ — טרײַבט אימ די באלעבאָסטע, לעמײַ ער איז אָנ הינדעלענ געקומענ.

טאָג אונ טאָג ברענגט הינדעלע אינ נעסט ארײַנ א פריש אייעלע.

ווײַסינקע קומענ דאָרט צו, אונ בערעזע שווערקעפיקע באהאלט אויס.

וואָס מער ווײַסינקע אינ נעסט, ווערט בא הינדעלענ דער סאָד טײַערער, זי מײַדט אויס גאנצע טעג די בערעזע, מע זאָל זי דאָרט, כאָלילע, ניט באמערקנ. אונ דארפ זי דאָס אייעלע לייגנ, קוקט זי מיט איינ אייגעלע אינ איינ זײַט, מיטנ צווייטנ אינ דער צווייטער.

קוקט און גאַנוועט זיך.

בייגט א לאַפּקעלע און שטעלט. הייבט א פיסעלע און גאַנוועט זיך. א פלי — און בלײַבט ניט צווישן די בלעטער. ניטאָ!

הינדעלע האָט שוין אַלע אייעלעך אויסגעטראָגן און זיך בלאָזן אָנגעהויבן. באַרויִקט איז זי ניט, כאָלילע, אף קיינעם, נאָר אַזוי איז זי געוואָרן א ביסל גרויס בא זיך. און דענסטמאָל האָט זי אף דער אַלטערס אייצעס ניט געוואַרט, זיך גלײַך אין נעסט אַרײַנגעקליבן און גענומען די אייעלעך וואַרעמען.

וויפל אייעלעך איז דאָרט געווען, האָט זי אַליין ניט געוווּסט.

אַסאַך אייעלעך אין א הויפן, קוים אונטער די פליגל אונטערצו-שאַרן — און גענוג.

— אָט וועט זיך עס האָן א ביסל פרייען — ניט פונוואַנען, ניט פון וואָס וועט זי דאָס מיט, אָנאַנאָרע, אַזויפיל קינדער אַראָפּקומען.

אַזוי האָט הינדעלע געקלערט און מיט מע' פלײַסם די אייעלעך אונטער זיך מיט שנאָבל און קרוינדל־קעפל געמישט און איבער-געמישט.

אַלע גאַנצפרי דעקט זי אײַן געטרײַ די אייעלעך מיט פעדערן און מיט שטרוי און פליט אַראָפּ אף א ווײַלע.

קוקט זיך אַרום, אָטעמט אַרײַן א ביסל פרישע לופט, זוכט אָפּ א זוימעלע, א קערנדל, בײַסט איבער, מיט טראָפּנדלעך טוי אָפּן גראָז פאַרטרינקט זי — און אינדערגיך צוריק.

ניט געוווּסט האָט האָן, ווו איז עס הינדעלע אַנטרונען געוואָרן.

אף גאַנצע שאָען פלעג ער זיך אין א ווינקל און אף איין פוס שטיין מיט איין אָפּן אויג און איין פאַרמאַכטס.

אָדער געזוכט מיטן שנאָבל צווישן פעדערן און פליגל — פאַר גרויס זאָרג און אומעטקײַט אַזוי.

אין שטוב האָט מען זיך שוין אויך פון הינדעלען מעיאַעש געווען:

— נישטאָ שוין אונדזער הינדעלע אף דער וועלט, — זאָגט די באַלעבאָסטע.

— א שאָד, — ענטפערט דער באַלעבאָס.

הינדעלען געפעלט, וואָס קיינער שטויסט זיך ניט אָן אָן איר באַ-העלטעניש.

און טעג גייען.

וואָס א טאָג ווערט הינדעלע הייסער אפ די אייער צו זיצן, האַלט זי די אויגן פאַרמאַכט און כאַלעמט.

בערעזע האָט איר אַסאַך מײַסעלעך דערציילט און אויסדערציילט, אַסאַך פון זיך און מערער פון יענעם. הינדעלע האָט געהערט און אויס־געהערט, און גאָרנישט געוווּסט — וואָרעם זי האָט געהאַט פון אירס אייגנס וואָס צו קלערן:

— נו, וועט זיך דאָס האָן אַ ביסל פרייען, — ניט פונוואַנען, ניט פון וואָס וועט זי דאָס מיט, אַנאַנאַרע, אַזויפיל קינדער אַראָפּקומען...

און איינמאָל...

זי איז שוין אזא גרינגע געווען, אז זי איז מיטן ווינט געפלויגן, און אַזוי היים איז אין נעסט שוין געווען, אז ס'האָט איר ד ביינער געבראָטן.

דער אויסגעבלייכטער שנאָבל איז בא איר צעעפנט, זי פאָכעט מיט דער נעשאָמע און הערט...

ס'האָט אונטער איר א פּישטשע געטאָן.

בא הינדעלען האָט פאַר פרייד דער אָטעם אין שנאָבל פאַרכאַפּט.

זי גלייבט ניִשט, זי הערט זיך צו, און ווײַטער א פּישטש, און נאָך און נאָך — אָט פון אונטער איין פליגל, אָט פון אונטער צווייטן — און א פּיק! און ווײַטער א פּיק! און ס'ברעכן זיך ווענט.

באַנאַכט איז דאָס געווען.

און ביז טאָג האָבן זיך די הינדעלעך אויסגעפּיקט.

בערעזע אַלטע איז שוין אויך די נאַכט ניט געשלאָפן — געוואָלט הינדעלען מיט עפּעס וואָס העלפן, מיט א געניטער אייצע איר דינען. נאָר הינדעלע האָט אליין אַלץ געוווּסט, קיינעמס אייצעס ניט באַדאַרפט, אליין מיט שנאָבל די געל געוואָרענע האַלבע שאָלעכלעך אַרויסגע־וואָרפן, די נאַסע אויפעלעך אונטער די פליגל און צווישן די פיסלעך איינגעמאַסטעט...

ביז טאָג האָבן זיך די אויפעלעך אויסגעטריקנט און שוין צו זיך געקומען.

שוין פּי—פּי... — עסן געמאָנט.

דאַרף מען זיך שוין מיט זיי פאַר דער וועלט ווײַזן:

שפּרינגט הינדעלע פון נעסט אפ די צווײַגן און רופט נאָך זיך די קינדער.

— פּיק־פּיק־פּיק, טיפּקעלעך מײַנע, — רופֿט זי, — און שאַרט מיט די פֿינגער־נעגל, ווי זי וואָלט טאַקע בעעמעס וואָס געפֿונען.

האָן האָט אין ווינקל הויף דערהערט, דעם קאָפּ אויפֿגעהויבן און פֿאַר וווּנדער גענומען קאָ־קאָ־קאָ פֿרעגן.

איז דערווײַל די באַלעבאָסטע געוואָרן געוויר און גיך מיט אַ זיפּ און מיט אַ לייטער צום בוים זיך געלאָזט, אַרויף — און אין זיפּ אַרײַן פֿיר און צוואַנציק הינדעלעך אויסגעציילט: געל־ווייכינקע און שוואַרץ־ווייכינקע.

טיפּקעלעך האָבן סימאָנים פֿון פֿליגעלעך געהויבן און געפּישטשעט. הון־קוואָטשקע איז צעפֿורעט, שפּרינגט זי אַפֿן בוים און פֿון בוים, אַפֿן לייטער און פֿון לייטער, זי שלאָגט זיך מיט די פֿליגל, קוואָקעט און קוואָקעט. האָן איז איבעראַשט און וויל דער באַלעבאָסטע נאָר די אויגן אויספּיקן.

קוים די טיפּקעלעך פֿון זיפּ אַרויסגעלאָזט.

זײַנען ערשט די קינדערלעך פֿון שטוב אין איינע העמדעלעך אַרויסגעלאָפֿן, מיט פֿרייד און מיט ראַש: ניסעלע טראָגט הירזש אין אַ שיסעלע, זיסקעלע טראָגט וואַסער אין אַ פּושקעלע. טיפּקעלעך לערנען זיך פּיקן אַ קערנדל, טרינקען אַ וואַסערל.

באַ קוואָטשקע קרוינדל־קעפּל דער שלייער דרייט זיך, באַ האָנען געלמײַטקע דער קאַם פֿרייט זיך...

דעם אָנבײַסן געענדיקט, מאַכט ערשט דער האָן אַ וואָרע. לאָזט זיך קוואָטשקע־הינדעלע אָט אַזוי, אָט אַזוי, מיט פּיסעלעך טאַנצן.

פֿליגעלע אײַן, פֿליגעלע אויס —
און די מײַסע איז... אויס.

א גאָרטנ בעשוטפעס

(פונ די קינדער־יאָרנ)

הינדע מיט הערשעלען זײַנענ א שוועסטער מיט א ברודער. הינדע איז אלט עלפ יאָר, אונ הערשעלע — אכט יאָר.

הינדע קאָנ אלצדינג מאכנ, וואָס זי קלערט נאָר צו — זי נייט אליינ אופ א ליאלקע, מאכט איר קליידער, קלאפּט אליינ אופ א בעטל, אונ הערשעלע קוקט אונ איז מעקאנע. ס׳געפעלט אימ.

דערפאַר אָבער — הייסט מענ זיי עפעס טונ, איז הערשעלע פאָלגט באלד אונ טוט, ווי מע הייסט אימ; הינדע וויל ניט פאָלגנ. אונ אויב זי פאָלגט שוינ יאָ, טוט זי עס אזוי אָפּ, אז מע שרײַט אפ איר נאָכדעמ.

אז מע הייסט איר גיינ ארויסטרײַבנ דעמ כאזער פונ גאָרטנ, וויל זי ניט עפענענ ס׳גאָרטנ־טירל — זי דארפ, זאָגט זי, דעמ כאזער פריִער גוט אָנבייקערנ. אונ ארומיאָגנדיק זיכ, צעטרעט דערווײַל דער כאזער די בייטנ.

מע הייסט איר, לעמאָשל, גיינ א קוק טונ, ווו די גענדז זײַנענ, לאָזט זי ארויס אינ איינ גאנג דאָס קעלבל — זי וועט עס פאשענ,

זאָגט זי, און דאָס קעלבל פאַרגיסט ס'עקל, טוט אַ דריגע מיט די פיס־לעך און טאַנצט אַוועק איבער דער גאַנצער ברייט פון דער לאָנקע.

זי לויפט נאָך און ווייסט ניט וואָס אָנהייבן:

ווײַנען אָדער לאַכן.

ביז די שטובלײַט דערזען, לויפן אַרויס, און דער עלטערער ברו־דער פירט שוין אָפּן גאַרטל, אַ פאַרסאָפּעטער, דאָס זיך רײַסנדיקע קעלבל צוריק אַהיים.

און נאָך האָט זי ליב, הינדע, פירן אַ באַלעבאַטישקײַט, ווי אין שטוב סע פירט זיך.

באַקט מען ברויט, באַקט זי אויך.

קליינע ברייטעלעך באַקט זי.

אַ קליין דייזשקעלע האָט זי, קליינע עמערלעך און נאָך קיילים און זאַכן, וועלכע צו וואָס ס'פאָדערט זיך.

שוין פון אַ וואָך, אַז הינדע וואַרט, מע זאָל אָנהייבן אַקערן דעם גאָרטן, וועט זי אויך פאַרזעצן איר קליין גערטנדל.

בײַ איר אין קאַמאַר פון שוועבל־קעסטעלעך האָט זי אין באַזונ־דערע פּאַפּירלעך פאַרשיידנערליי בלומען־זוימען. אויף זוימען פון גאָרטנוואַרג לייגט זי ווינציקער אַכט — יענע וועט זי אַראָפּנעמען פון דער מאַמעס, ווען די מאַמע וועט זייען.

אירע זוימען זײַנען בײַ איר מיט הערשעלען בעשותפֿעס.

ער האָט איר דערפֿאַר אָפּגעגעבן זײַנס אַן אָנגעמאָלט קאַרטל און אַ רימען־בײַטעלע.

זי צעעפֿנט די קראָם אירע און ווײַזט אים:

— דאָס איז נאַסטורציעס, — ווײַזט זי אים אין אַ פּאַפּירעלע זוימען, ווי פּיסטאַשקעלעך קליינע זעען זיי אויס. — שיינע קווייטעלעך, — זאָגט זי, — וועלן אויסוואַקסן רויטע, ווי רויטער סאַמעט.

— און דאָס, — צעוויקלט זי אים זוימען, ווי גריקע־קערנער, — דאָס זײַנען גראַמאָפאָנטשיקלעך.

צעלאַכט זיך הערשל. ס'געפֿעלט אים, וואָס זי זאָגט גראַמאָפאָנ־טשיקלעך. נאָר הינדע איז פאַרטאָן.

— אַוודאי, — זאָגט זי, — אַז זיי צעבליִען זיך, זײַנען זיי ווי גראַ־מאָפאָנטשיקלעך. און דאָס איז אַרגאַניע — סאַמעטענע קווייטן, ווי פּויסטן די גרייס. דו האָסט געזען — בײַ האַנען לעם פענצטער וואַקסן

זיי ? אזעלכע שיינע... איינג פארזייט מען זיי, וואקסן זיי עטלעכע יאָר נאָכאנאנד... נאָר אַפ ?. גוטער דארף מען זיי פארדעקן מיט שטרוי, זיי זאָלן נישט אויספרירן.

הערשל שווייַגט און שווייַגט און מישט זיך צום סאָף אַרייַן:

— בעסאכאקל, — זאָגט ער, — האָט דווירע געזאָגט, אז אַט די קליינינקע מאַנדעלעך זייַנען נית קיין בלומען, נאָר רעטעכער.

— טאָ גיי, — זאָיט הינדע, — צו דווירען, זי ווייסט אזיווי דו, און דו אזיווי זי.

שטייט הערשעלען ניט אָן. ער זאָגט, אז ער וועט גאָר פארזעצן זונען־רויזן, און סטרושטשעס וועט ער פארזעצן.

— און איך, — זאָגט הינדע, — וועל ארומצוימען די אָזשינעס, וואָס אין לאנגן גאָרטן, און וועל נאָך אהין פארפלאנצן אלערליי ביי־מעלעך — פלוימען־ביימער און בארן־ביימער, און אגרעסן. דיך וועל איך אין סאָד אַרייַן אפילע ניט לאָזן א שמעק טון. די בלומען וועל איך זעצן נעבן שטוב פארן פענצטער, און א גאָרטן וועל איך האָבן אכוץ... א־הא!

און געבליבן איז פונדעסטוועגן, אז אי די בלומען, אי די גערטנער זעצן זיי בעשוטפעס.

איינמאָל גאנצפרי כאפן זיי זיך אוף, די צימערן זייַנען געווען געפאקט מיט זון, טיר און פענצטער זייַנען אָפן, די לופט איז געווען פארשמעקט מיט גרינס, וואָס פון יענער זייַט פענצטער, און מיט פויגל־געזאנג פון די פייגעלעך, וואָס האָבן אין די לאָרן־נעסטן זיך אומגעקערט.

אין איינע העמדער זייַנען די יאטן אראָפגעשפרונגען פון די בעטן — און גלייַך דורך די אָפענע פענצטער ארויסגעשפרונגען אין דרויסן.

און וואָס זעען זיי ? — אָ־הא!

נעבן שטוב שטייט אַפ דער זון א וואָגן אָן אויסגעשפאנטער.

אַפן וואָגן — א באַראַנע מיט א בינטל בערעזעווע, זאפטיקע צווייַגן.

אַפ די צווייַגן — יונגע, קלעפיקע בלעטלעך, גאָר וואָס פון די קנאָספן אויסגעשיילטע.

— אָ! — האָבן הינדע מיט הערשעלען לוסטיק אויסגערופן און זיך געלאָזט צום גאָרטן.

דורך די פּלעקער האָבן זיי דערזען, ווי אַ פּאָר רויטע אָקסן מיט גרויסע הערנער גייען נאָך נאָכן שטריקל בא אַ קליין פּויעריש מיידעלע אין האַנט.

די אָקסן קומען צו צום סאַמע פּלויט, און דאָרטן קערעווען זיי זיך מיטאַמאָל אויס מיטן גלאַנציקן אַקער און מיטן נידעריקן ליַיוונטענעם פּויערל, וואָס האַלט זיך אָן אין אַקערס הענטלעך.

לעבן גאָרטן-טירל האָבן די קינדער אַריבערגעשפּאַנט איבער דעם פּויערס לעדערנער טאָרבע מיט דער סוויטקע, וואָס זיַינען דאָ געלעגן, און געגומען הריזנען מיט די באָרוועסע פּיס אין פרישע, נאָרוואָס איבערגעקערטע פּלאַסטן ערד.

הערשעלען זיַינען געפעלן געוואָרן די אָקסן: גרויסע אָקסן און רויטע, איינגאַנצן רויטע, און הינדען — דער אַקער, וואָס גלאַנצט און קערט איבער פלאַכטעסווייַז שוואַרצע שלענגלדיקע שורעס ערד. ביידע כאַפּן זיי און קליַיבן די שטיינער פון אונטערן אַקער און וואַרפן איבערן פּלויט אַריבער.

שורעסוויַיז, שורעסוויַיז קערט איבער דער אַקער פלאַכטעס ערד. און דער פּויער דרייט זיך נאָך די אָקסן אַרום און אַרום. איינ ניט-איבערגעקערטער שמאָלער פאַס וויַיסט זיך נאָך אינמיטן גאָרטן, פאַרשפּרייט מיט פּאַראַיאָריקע פאַרפוילטע קאַרטאָפּל-שטענגלעך.

— אוי-ווי! — שריַיט אויס הערשל, — זעסט! אַ וואָרעם, אַ גרייַנער, ווי אַ שלאַנג, אָטאָ איז ער. — און ער נעמט אים אַרויסקאַלופען מיט אַ שטיקל שפּענדל.

— טשעפּע ניט, — טוט אים הינדע אַ שלעפּ פאַר דער האַנט, — אַז דו ווייסט ניט! אַזעלכע „ווערעמער" צערייַבן די ערד אינעווייניק, וואַקסט בעסער... און מיט זייער „שפּיַיעכצ" מאַכן זיי נאָך פעט די ערד אויך!

דער פּויער שטויסט זיך אָן, וואָס די קינדער רעדן צווישן זיך.

— סאָב-העטיא, — טריַיבט ער די אָקסן, צעשמייכלט זיך אין זיַין געל בערדל אריַין און זאָגט אָפּ אַ געמישטן לאָשן:

— יאָ, יאָ, אַ גוטעס, אַ גוטעס וואָרימלעך, ניטשעפּיַי, אַ גוטעס!

הערשל טוט אַ קוק אָפּ פּויערס מיידעלע און פאַרשעמט זיך. הינדע זאָגט: „ווינ נע זנייַע" — און וואַרפט די שטיינער איבערן פּלויט.

אז דער פּויער האָט געענדיקט אַקערן, האָט ער צוגעשטעלט די אָקסן צום בינטל היי, האָט א קוק געטאָן צו דער זון און א ווונק גע־טאָן צו זײַן טאָכטער, זי זאָל געבן די טאָרבע.

הינדע מיט הערשעלענ האָבנ קיינ אויג ניט אראָפּגענומענ פונעמ פויער מיטנ מיידעלע, וויאזוי זיי שטעלנ צייִנ אינעמ שווארצנ ברויט אונ אינ די ווייִסע שטיקלעכ קעז.

דער פויער שנייִדט מיטנ מעסער, וואָס הענגט אפנ רימענעמ גארטל, בלעטעלעכ פוטער.

זיי רעדנ ניט אויס קיינ וואָרט צווישנ זיכ אונ היטנ — קיינ ברעקל זאָל ניט אראָפּפאלנ.

— וואָס קוקט איר אינ די אויגנ ? — האָט זיי די עלטערע שוועסטער אופגעוועקט.

זיי האָבנ זיכ ביידע פארשעמט אונ ארייִנגעפאלנ מיט א טייִנע:

— עסנ ! גיב אונדז עסנ ! אָנבייִסנ !

די יאטנ האָבנ זיכ אנידערגעזעצט מיט זייער אָנבייִסנ אפנ גרינעמ בערגעלע אנטקעגנ, אָפּגעכאפּט אינדערגיכ דעמ אָנגעבראָקטנ ברויט אינעמ צעמישטנ קעז מיט סמעטענע אונ געווארט שוינ, אז דער פויער זאָל גיכער נעמענ איבערשיטנ דעמ פלויט.

דער פויער האָט אָבער צייִט, עסט רויִק, פאקט אפ ביידע באקנ, דער שטערנ שוויצט אימ, אונ ער גיט אלצ אכטונג — קיינ איינ ברעקל זאָל אימ ניט אראָפּפאלנ אפ דער ערד.

דאָס מיידעלע עסט אויכ, ווי דער טאטע אירער, נאָר טשאָמקעט צו געשמאק אונ קוויטשיק־הילכיק.

די גרויסהערנערדיקע רויטע אָקסנ ווילנ דאָס היי ניט עסנ, איז איינער קייִט שטייענדיק די זשויקע, אונ איינער — ליגנדיק. מיט אייִנגעקנייטשטער פעל בא די העלדזער ציִענ זיי די גלאטע יארמאָ, די יארמאָ טוט א סקריפּ אונ לאָזט זיכ ניט צערוקנ.

— קומ, — זאָגט הינדע, — לאָמיר דערווייִל קלייִבנ שטעקלעכ מיט פלעקלעכ אפ אונדזער אייגענעמ פלויט.

— קומ, — זאָגט הערשל, — אונ ווו וועלנ מיר אימ צאמענ ? לעמ שאָפּע־וואנט ?

— אָטאָ באלד, — טייִנעט הינדע מיט קאס. — אינ שאָטנ וועט דענ בא דיר עפּעס אויסוואקסנ ? אפ דער זונ דארפנ מיר אונדזער גאָרטנ צאמענ.

דער פויער שלעפּט שוינ פונ וואָגנ דאָס פוכקע בינטל צווייִגנ,

שלעפּט צו צום פלויט און נעמט פּרוּוון, וועלכע פלעקער וואַקלען זיך אינעם פאַראיאָריקן פלויט.

הינדע מיט הערשעלען האָבן זיך גענומען פלײַסיק צאַמען זייער גאָרטן.

די האַק האָט מען זיי אין שטוב ניט געלאָזן נעמען, האָבן זיי איבערגערבאָכן איבער דער קני די שטעקלעך און מיט א שטיין אַרײַנגעקלאַפּט טיף־טיף אין דער ערד.

הערשל קלאַפּט אויך, נאָר ווען הינדע הייסט עפּעס דערלאַנגען, וואַרפט ער דאָס קלאַפּן און לויפט.

— צווײַגן ברענג, — שאַפט זיך הינדע.

לויפט הערשל איבער די פרישע הרודעס ערד און קלײַבט אָן לעבן פויער א הויפן קליינע ריטלעך, צווײַגלעך, אין דער זײַט אָפּגעוואָרפענע, און טאַסקעט זיי פאַר זיך.

א דרײַעקיקער איז בא הינדען דער גאָרטן, באַם פלויט, וואָס צום גאַס צו.

מיט די צווײַגלעך האָט זי די פלעקלעך צווישן איבערגעפלאָכטן.

די פלעקלעך זײַנען טרוקענע געווען און די צווײַגעלעך פײַכטע, זאַפטיקע און בויגעוודיקע.

און דער פלויט איז שוין פאַרטיק.

הערשל קוועלט און גלייבט זיך ניט, אז אין דעם פלויט האָט ער אויך א כיילעק: ער האָט מיט הינדען צוזאַמען געאַרבעט.

נאָר פונוואַנען, פון וואָס קומט אָן די עלטערע שוועסטער און מאַכט א גרויס געלעכטער.

— נו, און באַראַנעווען ? — זאָגט זי...

הינדע מיט הערשעלען זײַנען געבליבן שטיין פאַרשעמט און ווי באַטריבט: וויאַזוי וועלן טאַקע די אָקסן באַראַנעווען זייער גאָרטן ?..

נאָר אין דער רעגע גיט זיך הינדע א כאַפּ:

— א דײַגע איך האָב, — זאָגט זי און פאַרשאַרט די האָר, וואָס פאַלן איר איבערן אָפּגעברענטן פּאָנעם, — איך וועל מיט א הראַבליע...

— מיט א הראַבליע איז נאָך בעסער!

און ניט געקלערט, לויפט זי צו דער שאַפע. נאָר הערשל האָט

זי אריבערגעיאָגט און טראָגט איר אנטקעגן די הראבליע מיט די אײַזערנע ציין.

— מיט די אײַזערנע ציין, — זאָגט ער, — וועט זײַן גוט.

די עלטערע שוועסטער וויל זיי העלפן שארן, לאָזט זי ניט הינדע — אליין וויל זי מאכן.

א ביסל שארט זי, א ביסל הערשל.

איז דאָך אָבער שווער, לויפט הערשל און ברענגט זייער קליינינקן גראָבײַזן.

הערשל צעקלאפט די ערד מיטן גראָבײַזן, און הינדע צעשארט. די ווערעם טשעפּעט ער שוין ניט, הערשל: ער ווייסט, ער געדענקט שוין, אז זיי זײַנען גוט פאר די געוויקסן.

דער פויער האָט נאָך ניט געהאט געענדיקט דעם פלויט איבערשיטן, איז שוין בא הינדען און הערשעלען געווען דער גאָרטן פארצאמט און צעבאָראָנעוועט.

די זון האָט געבאקט און געדעמפט די פײַכטקײַט פון דער פרישער נאסער ערד. הינדע מיט הערשעלען זײַנען געווען אָפּגעברענטע, פארשוויצטע און מידע. צופרידענע האָבן זיי נאָך זיך געשלעפּט דעם גראָבײַזן מיט דער הראבליע.

— וואָס קוקסטו צום הימל? — פרעגט הינדע.

— א רעגן, קוק איך, ווען וועט גיין, — זאָגט הערשל ערנסט.

א שײנער װינטער

אײנמאָל באם אָנבײַסנ רופט זיכ אָנ די מאמע:

— הײַנט איז אַזא שײנער װינטער אױסגעפאלנ, מאמעש א מע־כײַע.

— אנ אנטיק א װינטער! — האָט איר דער טאטע געענטפערט.

אונ מישקע האָט ניט פארשטאנענ, װאָס קאָנ זײַנ א װינטער שײנ אָדער מיִעס. ס'איז װײַס אינ דרױסנ, ס'איז קאלט, אונ מע קאָנ זיכ שליטלענ אונ גליטשנ — איז עס אלע װינטער אזױ. דערפאר זומער קאָנ מענ ארומגײנ באָרװעס אונ מע קאָנ זיכ באָדנ, װאָס װינטער איז גאָר א מױרע פונ דעמ צו קלערנ.

אײנמאָל, אינ א שײנעמ דינסטיק באטאָג, איז מישקע געקומענ צו גײנ אינ שול, װי אלעמאָל, אפ דער צװײטער װאכטע. ער זעט, עפּעס אפ די טרעפּ איז שטיל, אינ די קאָרידאָרנ איז שטיל, אונ ער װײסט ניט, װאָס איז עס. ביז ער האָט באגעגנט די אופראמערנ. אונ נאָכדעמ, װי זי האָט אימ פארכידעשט אָנגעקוקט, האָט ער זיכ ערשט צעלאכט: טאקע דעמ ערשטנ מאָל, אז ס'טרעפט זיכ מיט אימ

אַזעלעכס, ער זאָל פֿאַרגעסן, אַז ס'איז הײַנט אַן אַרויסגאַנג־טאָג, און קומען מיט די ביכער און מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצײַג אין שול אַרײַן.

מישקע האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ביסל איבער די ליידיקע קאָרי־דאָרן. פֿאַר דער גאַנצער צײַט זעט ער דאָס ערשטע מאָל, די שול זאָל זײַן אַזוי ליידיק און אַזוי טויב.

דאַרף מען גיין.

מישקע האָט גענומען לויפֿן פֿון די טרעפּ. ער איז אָבער נאָר צוגעלאָפֿן צו דער גרויסער טיר, אַזוי איז ער געבליבן שטיין:

ס'אַרא מין שניי עס איז אינמיטן דרינען אַוועק! אוך, אַ שניי! ס'איז ווײַס, אַז מע קאָן די אויגן ניט עפֿענען. צום אַלעם ערשטן האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עס איז נישט גוט אַרויסצוגיין איצט אין גאַס. אָבער ווי ער איז אַרויס, און דער שניי מיט דעם גוטן דרויסן האָבן אים אַרומגענומען און אַרומגעהילט, איז אים ערשט געוואָרן גוט אויפֿן האַרצן. ער גייט, און דער שניי גייט. נאָך מער — ער גייט פֿאַ־מעלעכן, און דער שניי האָט אויך גענומען גיין פֿאַמעלעכן. און ס'איז ליכטיק, און ס'איז ציכטיק, און מענטשן זײַנען דאָ אין גאַס ווינציק. מישקע עטעמט אַרײַן אין זיך די פֿרישקײַט. דער שניי לאָזט זיך אַראָפּ פֿונויבן און ער שפּרייט זיך אויף דער ערד, ווי אַ פֿאָרהאַנג אַ טולי־ענער. ניין, נישט ווי אַ פֿאָרהאַנג, נאָר ווי אָנגעבראָכטע, אָנגעפּליקטע שטי־קעלעך וואַטע אַסאַך.

— וואַטע — וואַטע, פּוך — פּוך.

אָבער וואַטע צעגייט דען אַזוי שיין איבער דער ליפּ, ווי דאָס־אָ? וואַטע, אַז דו נעמסט אַרײַן אין מויל, איז זי גאָר האַריק, נישט גע־שמאַק. און דאָס איז געשמאַ־אַ־ק!

מישקע שטעקט אַרויס די צונג און כאַפּט עטלעכע שנייעלעך, וואָס אין איין אויגנבליק ווערט פֿון זיי אויס שניי. ניין, עס איז נישט קיין וואַטע, ס'איז מאַראָזשענע, געשמאַקע מאַראָזשענע!

מישקע האָט זיך אַזוי פֿאַרטאָן מיט די אַלע זאַכן, אַז ער האָט נישט באַמערקט, ווי אָטאָ איז שוין זײַן הויף. נאָר אַהיים גיין אַזוי פֿרי גלוסט זיך אים נאָך ניט. הייבט ער דעם קאָפּ אַהער, אַהין... פּלוצעם — טראַך! אַ שניי־קויל האָט אים געטראָפֿן אונטערן סאַמע אויער.

— א!.. נאם — — — —

ער דרייט זיך אום. ערשט ס'איז מארינקע. זי שטייט צוגעטוליעט

צו דער וואנט פונעם 28־טן נומער און זי באהאלט זיך, ער זאָל זי נישט דערזען. עפשער וואָלט ער זי טאקע נישט געוווען דערזען אויך, ווען נישט איר ברודערס אָדער דער שוועסטערס שטיוול, אין וועלכע זי איז געגאנגען אפ די באָרוועסע פיס. נו, האָט זי טאקע מישקע דערזען. ער האָט אראָפּגעלאָזט פאמעלעכן דאָס רענצל אפן שניי און... ער האָט זיך אָבער נאָך נישט באוויזן רעכט אָנבייגן, ווי מא־רינקע האָט שוין געוווסט, וואָס ער וויל טון. און שניי־הויפנס מיט שניי־קוילן האָבן גענומען פליִען אפ מישקען פון אלע זײַטן.

— ע, — מאכט מישקע, — אויב דו ביסט שוין טאקע יאָ אזא קלוגע...

און ער האָט זיך שוין א ביסל א ריר געטאָן.

און גאס איז שטיל. קיינער פאָרט נישט דורך. קיינער גייט ניט דורך. די קינדער האָבן זיך אזוי פארשפּילט, אז זיי הערן שוין ביכלאל פאר זיך קיין וועלט ניט. פונוואנען, פון ווו איז נאָך געקומען צו לויפן אהער פאר א דריטן קנאָפּאָטשקע — מישקעס הינטל. א ווײַסינקס און א רירעוודיקס. מארינקע שרײַט:

— קנאָפּאָטשקע, אהער! אהער! מיר דארפסטו העלפן!

לויפט קנאָפּאָטשקע צו איר.

און אז מישקע טוט א סמאָטשקע מיט די ליפּן, קערעוועט ער זיך אוים און יאָגט צו אים. ער יאָגט מיט זײַן ווײַסן פוכענעם טולעפּל און מיט אן ארויסגעשטעקט צינגל פון מארינקען צו מישקען און פון מישקען צו מארינקען. און ער האָט גוואלדיק הנאָה פון דער ווײַסער, פרישער וועלט.

דער שניי שיט, און די קינדער קוועלן און קווישען אזש אונטער פאר פרייד! דערנאָך זאָגט מארינקע, אז זי קאָן מאכן מענטשן אין שניי. ניט קיין באַבּעס, ניין, אָטאָ וועט זי אים באלד ווײַזן. און זי וואלגערט פלוצעם אום מישקען אינעם ערשט אויסגעשאָטענעם שניי. מישקע שפּרינגט אופ צוריק, ווי א פּילקע, וואלגערט ז' אים ווידער אום אפ א צווייטן אָרט, און אפ א דריטן.

— ווײ־ווײ, וויפל מענטשנ! — שרײַט מארינקע אויס מיט צע־נומענע הענט. אָבער זי האָט נישט באוויזן אראָפּלאָזן די הענט צוריק, ווי זי איז שוין געלעגן אין שניי. מישקע האָט זי אומגעוואלגערט דערפאר, וואָס זי אים, און פון מארינקעס שטיוול מיט די צענומענע

הענט האָט זיכ באקומענ אינ שניי טאקע אזויווי אנ עמעסער מענטש. זיי באקוקנ אימ ביידע. מישקע זאָגט, אז ס'זייַנענ בא אימ צו קורצע הענט. מארינקע זאָגט, אז די הענט זייַנענ סאמע גוט, נאָר די פיס זייַנענ צו לאנג. קנאָפּאָטשקע האָט זיכ צוגערוקט נעענטער, ער וויל אויכ זאָגנ זייַנ מיינונג. נאָר ער האָט קיינ לאָשנ ניט. טוט ער נאָר פריידיק א דריי מיטנ ווײדל אונ א קורצנ אָפּגעהאקטנ ביל.

— מא־רינ־קע, אהיימ! מא־רינ־קע! ווו איז זי ערגעצ פארפאלנ געוואָרנ? גיכער אהיימ קומ! — האָט זיכ א פרויישע שטימ צעהילכט איבערנ ווייַסנ דרויסנ.

דאָס האָט מארינקעס מאמע גערופנ מארינקענ עסנ מיטעק, אוואדע.

מארינקע איז אוועקגעלאָפנ אונ איבערגעלאָזט מישקענ מיט קנאָפּאָטשקענ אָנ גאָרנישט, אפילע קיינ גוטנ טאָג נישט געזאָגט.

מישקע האָט אָפּגעטריבנ קנאָפּקענ פונ זיכ, ער זאָל זיכ צו אימ ניט לאשטשענ, אונ ער איז שוינ אויכ אוועק אהיימ.

ער איז ארייַנ אינ הויפ אונ פונ הויפ אינ א צווייטנ הויפל. דאָרטנ איז געווענ זייער שטוב. ער טרייסלט אָפ די שטיוול אונ וויל, ווי זייַנ שטייגער איז, איבערנעמענ די ביכער פונ דער רעכטער האנט אינ דער לינקער אונ אָנקלינגענ אינ טיר. אָבער ער גיט א קוק, ער האָט נישט וואָס איבערצונעמענ.

— ווו־זשע זייַנענ די ביכער?

מישקע לויפט אָנ ביישעק אוועק צו יענעמ אָרט, ווו זיי האָ־ זיכ פריער געשפילט. קוק אהער, קוק אהינ — אלצ איז שוינ צוריק פאר־ שפרייט מיט שניי אונ ניטאָ דאָ נישט קיינ ביכער אונ נישט קיינ אנדערע זאכנ. צי דענ האָט ער איצטער ניט געהאט קיינ ביכער? אינ שול איבערגעלאָזט? אָדער אינדערהיימ? אונ דאָ האָט ער גאָר דערפילט, אז עס איז אימ קאלט. אונטערנ מאנטל איז אימ קאלט אונ אונטערנ העמד. ער וויל שוינ גיכער אהיימ. ס'ווילט זיכ אימ אי עסנ, אי אהיימ.

אָט איז ער שוינ ווידער בא זיכ אינ הויפ. נו, אונ די ביכער? אזעלכע נייַע ביכער. אונ דאָס רענצל? אזא נייַ רענצל.

מישקע גייט מיט פארטרערטע אויגנ צו דער טיר, אונ זענ זעט ער גאָרנישט פאר זיכ. פלוצעמ לעמ די סאמע טרעפ פארטשעפעט ער זיכ אָנ עפעס, ער גיט א קוק — קנאָפּאָטשקע. ער גיט נאָכאמאָל

א קוק — אין דרויסן איז ווײַס... קנאָפּאָטשקע איז ווײַס... און אין מויל האַלט ער עפּעס א גרויס פּעקל און אויך א ווײַס...

— ווײַז נאָר א קוק טון, קנאָפּאָטשקע ! אוי ! ס'זײַנען דאָך מײַנע ביכער !

און קנאָפּאָטשקע שטייט, ער דרייט און דרייט מיטן ווידל. די אויגן רעדן אסאך, און דאָס מויל גאָרניט. מע זעט נאָר, אז דאָס הערצל פרייט זיך באַם געטרײַען כײַעלע : ווי דען, ער וועט לאָזן אזוי אַפּ העפקער זײַן כאַוועֿ' ס ביכער, אז זײַן מישקע זאָל גאָר האָבן אזוי אומ־זיסט און אומנישט צאָרעס ?..

— אוי, מײַן טײַערינקער קנאָפּאָטשקע, — האָט זיך מישקע גענו־מען פרייען, — איך האָב דאָך גאָר ניט געוווּסט, אז דו ביסט באַ מיר אזא קלוגער !.. אזא קלו־ו־גער !!! אזא קלו־ו־גער !!! און ער קושט אים אין פאַרשנייטן האַלדז און קאַלאַשמאַטעט אים זײַנע אויערן, זײַן פּיסקל און זײַנע באַקן...

מישקען איז שוין צוריק נישט קאַלט. מישקען איז שוין ניט אומעטיק. ער טרייסלט האַסטיק אַפּ די שטיוול אַפּ די טרעפּ :

„פאַל אראָפּ, שניי, פאַל אראָפּ". ער קלינגט מיט ראַש אין טיר : „עפן זיך גיכער, טיר, עפן זיך !" — און ער הערט ניט אופּ צו זינגען דאָס גלעקל.

— באַלד, באַלד ! — האָט זיך דערהערט פון יענער זײַט טיר דער יונגער מומעס קאָל !

— וואָס איז אזוי דער ראַש ? ווו ברענט דאָס ? ווו ?

— אוי, א שיינער ווינטער, מאַמע ! — האָט מישקע אויסגעשריגן אין דער צעעפנטער טיר ארײַן. — און אז ער האָט דערזען, ס'איז ניט די מאַמע, ס'איז גאָר בראָניע, האָט ער איבערגעלאָזט דאָס פאַר־שנייטע פאַלטעלע באַ איר אין האַנט, די ביכער האָט ער א שמיץ געטאָן אַפּ א שטול און ער איז אַוועקגעלאָפן איבער אַלע צימערן זוכן די מאַמע. ער מוז איר דערציילן, ס'אַרא מין שיינער ווינטער ס'איז הײַנט.

אוי, א שיינער !

אוי, א שיינער !

א קליינינק מיַיסעלע

געווענ אמאָל א ייִנגעלע, האָט עס געהאט צוויי פיסעלעכ, שיי־נינקע, גלאטינקע, מיט פינגערלעכ אונ מיט נעגעלעכ. אז מע דארפ גיינ, גייענ זיי, אז מע דארפ לויפנ, לויפנ זיי, אזוווי בא אלע קינדערלעכ. נאָר זיי זיַינענ געווענ זייער קלוג.

גאנצ אָפט, אז דאָס ייִנגעלע לייגט זיכ שלאָפנ, ליגנ ביידע פיסע־לעכ איינס לעמ איינס אונ דערציילנ זיכ מיַיסעס. איינ פיסעלע זאָגט:

— אז איכ בינ געווענ באַמ פעטער בענצלענ, האָב איכ דאָרטנ דאָס אונ דאָס געזענ.

דערציילט שוינ דאָס צווייטע פיסעלע:

— אז איכ בינ געווענ באַמ פעטער דאָווידלענ, האָב איכ דאָרטנ אויכ עפּעס געזענ...

כאָטש איינס אָנ דעמ צווייטנ זיַינענ זיי אינ ערגעצ ניט געגאנגענ, ווו איינס איז געווענ, דאָרט איז אויכ געווענ דאָס צווייטע, אנדערש קאָנ דאָכ עס ניט זיַינ.

נאָר איינמאָל איז אפ איינעמ פונ די צוויי פיסעלעכ אָנגעקומענ

א צײַט פונ אויסדרוקטעניש נ: אפ יעדער טראָט דוקט זיכ דעמ אויס, אז דאָס ערשטע פיסעלע וויל בא אימ עפּעס אויסכאַפּנ.

— שוינ? — זאָגט עס. — דאָס שענערע שיכעלע האָסטו שוינ אויסגעכאַפּט פאַר זיכ!

— נארעלע, — מאכט דאָס ערשטע פיסעלע, — אזוי גײַענ דאָכ די שיכעלעכ: דאָס רעכטע פארנ רעכטנ פיסעלע, דאָס לינקע פארנ לינקנ!.. נא, פּרוּוו אָנטונ מײַנס, וועסטו זענ, אז ס'וועט קוועטשנ.

קאָמ אײַנגערעדט דעמ צווייטנ פיסעלע, אז די שיכעלעכ זײַנענ בײדע אַרציינע, נאָר אזוי גייענ זיי: דאָס רעכטע פארנ רעכטנ פיסעלע, דאָס לינקע פארנ לינקנ פיסעלע.

איינמאָל מאכט דאָס יִנגעלע ווארעמע וואסער אפ אויסוואשנ די פיסעלעכ. ער האָט קיינ סאכ נישט געקלערט אונ אַרײַנגעשטעלט אינ שיסל אַרײַנ דאָס ערשטע פיסעלע.

אהא! מער דאַרפ מענ שוינ נישט! ווי דאָס צווייטע פיסעלע האָט עס נאָר דערזענ, איז עס גלײַכ אפנ אָרט געוואָרנ. אינ קאַס.

— שוינ? ווײַטער דו צומ ערשטנ?.. אונ איכ זאָל דערנאָכ קריכנ אינ דײַנ בלאָטיקער, אויסגעקילטער וואסער? איינ מאָל ניינ! איכ וועל אינגאנצנ אומגיינ נישט געוואשנ אפילע א יאָר, אפילע צענ יאָר, אונ אינ דײַנ בלאָטיקער וואסער קריכ איכ ניט!

ביז דאָס יִנגעלע האָט געמוזט אָנטונ די שיכ איינעמ אפ א רײנ פיסעלע אונ איינעמ אפ א בלאָטיקנ; ער האָט געפירט א פרישע שיסל וואסער, אונ ערשט דאנ האָט זיכ דאָס צווייטע פיסעלע אויסגעבאָדנ. נאָר ס'איז סײַ-ווי געווענ בארויגעז. ס'האָט זיכ לאנג געבלאָזנ אפנ ערשטנ.

איינמאָל דאַרפ דאָס יִנגעלע פאָלגנ א גאנג, נאָר אפ גיכ. טוט זיכ דאָס יִנגעלע א יאָג, אונ דאָס צווייטע פיסעלע האָט א ביסעלע פאַרשפּעטיקט.

— וויל איכ אינגאנצנ ניט, — האָט זיכ דאָס צווייטע פיסעלע באליידיקט, — אומעטומ כאַפּסטו אויס, אומעטומ לויפסטו אפריער!..

אונ טו דעמ וואָס דו ווילסט, וויל עס ניט גיינ.

קלאָר, אז דאָס צווייטע פיסעלע גייט ניט, מוז שוינ דאָס ערשטע אויכ שטיינ אפ איינ אָרט, אונ דאָ איז דער גאנג א נייטיקער — מע מוז דאָס מאכנ וואָס גיכער.

דערווײַל גייט א מורעשקע. ניט קיין פּראָסטע מורעשקע, נאָר מיט א בײַכעלע און מיט א קעפּעלע, וואָס גלאַנצן, ווי די זײַטן פון א גוטן אויטאָמאָביל. די מורעשקע גייט און טראָגט א פויל פּיצעלע האָלץ צו זיך אין שטיבעלע אַרײַן. אָפּן וועג דערזעט זי, אַז ס׳שטייט א פּיסעלע. סע שטייט און ס׳איז באַרויגעז — ס׳וויל זיך אפילע ניט רירן פון אָרט. איז דער מורעשקע געוואָרן מאָרנע:

— באַרויגעז קאָנסטו זיך זײַן, — מאַכט די מורעשקע אין דער שטיל, — וויפל דו ווילסט אַליין, אָבער מיר פאַרשטעלן דעם וועג האָסטו נישט וואָס... גיין אַרום־און־אַרום וועט בא מיר אָפּנעמען צו לאַנג דער וועג... קריכן איבער דיר איז מיר שווער. זעסט דאָך אַליין, אַז איך גיי ניט ליידיק. איך טראָג א שווערע מאַסע...

און דאָס פּיסעלע שטייט אַלץ. האָט די מורעשקע אַנידערגעלייגט אָפּ א רעגעלע איר שטיקעלע פויל האָלץ, האָט זיך צוגערוקט צום באַרויגעזן פּיסעלע און אים געגעבן א דיי־נין־קן ביס.

האָט זיך דאָס פּיסעלע געגעבן א ריס פון אָרט. און ווי סע האָט זיך נאָר אָפּגעריסן פון אָרט, אַזוי זײַנען שוין ביידע פּיסעלעך אַוועקגעלאָפן. און דאָס יינגעלע האָט אָפּגעטאָן זײַן גאַנג.

פון דענסטמאָל אָן, אַז דאָס פּיסעלע פלעגט זיך פאַר עפּעס נעמען בלאָזן, פלעג דאָס יינגעלע זאָגן:

— ווו איז די מורעשקע? איר האָט ניט געזען ערגעץ די מו־רעשקע? און מער האָט מען שוין גאָרנישט ניט באַדאַרפט. דאָס פּיסעלע פלעג שוין גלײַך פאָלגן אַלץ, וואָס מע האָט געהייסן.

דערנאָך איז דורכגעגאַנגען א יאָר און צוויי, און דאָס פּיסעלע איז גלאַט געוואָרן קליגער, און ביידע פּיסעלעך זײַנען געוואָרן צוריק גוט צווישן זיך. וווּהין איינס גייט, אַהין גייט דאָס צווייטע. וווּהין איינס — אַהין דאָס צווייטע. ס׳איז גאָר געוואָרן אַן אַנדער ... יעדע אַרבעט האָט זיך שוין בא זיי אָפּגעטאָן אי גיכער, אי בעסער. הײַנט די פריילעכקײַט זייערע און דאָס גוטגעמיט! און יעדערער, ווער ס׳האָט אָפּ זיי א קוק געטאָן, האָט געשמייכלט און געזאָגט:

— קוקט נאָר, זעט נאָר, ס׳אַרא שיינינקע פּיסעלעך סע גייען!



וואָס גערעדט און וואָס געמיינט

1. ארויסטרייבן די קעלט

ווינטער, אין די סאמע גרויסע קעלטן, זיצט איינמאָל בערעלע בא זייער פארפרוירענעם פענצטער, ער וויל ארויסקוקן דורך א מאָפּליעלע צום דרויסן ארויס, נאָר סע איז אלץ אזוי פארפרוירן, אז מע זעט ניט גאָרניט. ער, בערעלע אליין, איז אויך דערפרוירן אז סאקאָנעס. די הענט בלויע, פארפרוירענע, די נאָז א בלויע.

דערווייל דערהערט בערעלע, ווי די מאמע רופט זיך אָן צו דער עלטערער שוועסטער צו זיינער:

— ווען דו פוילסט זיך ניט, מיכליע, אריינכאפּן פון שטאל א בערעמאָק האָלץ, וואָלטן מיר א ביסל ארויסגעטריבן די קעלט פון שטוב.

אָט דאָס דערהערט, האָט זיך בערעלע זייער דערפרייט.

„איי־איי־איי, אָט דאָס איז פיין! — קלערט ער צו זיך אליין. —

מע דארפ זי א ביסל אָנלערנענ, די קעלט, וועט זי וויסנ, וויאַזוי דערגייִנ איטלעכנ די יאָרנ".

אַזוי, אַז בערעלע זעט, ווי מע שלאָגט עמעצנ, אָדער מע טרײַבט עמעצנ, איז ער דאפקע אינ כּעס. ער האָט עס ניט ליב. נאָר איצט, אויב די מאַמע וועט טאַקע נעמענ עטלעכע שײַטלעכ האָלצ אונ געבנ דער קעלט איבערנ קאָפּ, וועט זיכ בערעלע מעכײַע זײַנ. ס'איז דאָכ שוינ עטלעכע וואָכנ, אַז ער קאָנ ניט אַרויסשטעקנ די נאָז אינ־דרויסנ אַרויס, וואָרעמ אינדערעמעטנ טאַקע: בערעלע איז נאָכ אַזוי קליינ, אונ די קעלט איז אַזוי גרויס, אַזוי אײַנגעגעסנ — א שרעק.

ס'זײַנענ אַוועק פינפ מינוט, אונ צענ. דאָס האָלצ, וואָס מיכליע האָט א וואָרפ געטאָנ מיט א טראַסק פאַר דער הרובע, ווערט ביס־לעכווײַז פאַרשווּונדנ אינ הרובע אַרײַנ.

דאָס פײַער ברענט, דאָס האָלצ קנאַקט פריילעכ אונטער — אינ שטוב איז ג רנ וואַרעמ א מעכײַע. אָבער בערעלע איז אומצו־פרידנ. ער האָט זיכ געוואַרט אַפ עפּעס אַנדערש. ער האָט געמיינט, אַז אַרויסטרײַבנ קעלט — הייסט צעעפענענ אַלע טירנ צומ דרויסנ אַרויס, זיכ אומיאָגנ מיט גרויסע שײַטלעכ האָלצ איבער דער שטוב אונ שרײַענ צו דער קעלט:

„הוטש! אַרויס פונדאַנענ, אויב ניט, ברעכנ מיר דיר די ביינער!"

צומ סאָפ...

איז דאָ גאָרנישט ניט געווענ.

2. ס'שיט א בלאָטע

באַלד, באַלד קומט שוינ דער פרילינג. ס'מאַכנ זיכ שוינ גאַנצע באַטאָגנ, ווענ די זונ שײַנט אינדרויסנ אונ וואַרעמט אי די פריזבע, אי די הילצערנע ווענט פונ שטוב, אי אייניקע אָפּגעגאַנגענע ערטער אַפ דער ערד. בערעלע איז פריילעכ, וואָרעמ ער האָט זיכ שוינ ווייער פאַרבענקט נאָכנ דרויסנ.

איינמאָל כאַפּט זיכ בערעלע אופ אינדערפרי. אינ שטוב איז טונקל — א כמאַרע א גאַנצע. פאַרנ פענצטער אינדרויסנ ציט זיכ אונ לאָזט זיכ אַראָפּ א ווײַסע פעלענע א געדיכטע.

בערעלע טוט זיכ א צי פונ שלאָפ אונ ער הערט, ווי די מאַמע מורמלט אומצופרידנ:

— אָט דאָס שיט שוין פונויבן די עמעסע בלאָטע!

בערעלע האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען, ס'זאָל שיטן פונויבן א בלאָטע. ס'שיט אמאָל א שניי, ס'גייט רעגן, ס'שמײַסט א האָגל, נאָר א בלאָטע זאָל זיך שיטן פונויבן — דאָס הערט ער דאָס ערשטע מאָל. ער האָט גיך אָפּ זיך עפּעס ארופגעכאפּט און איז אוועקגעלאָפן צום פענצטער. וואָס־זשע זעט ער דאָרט?

אינדרויסן איז טאקע כמארגע, און ס'שיט א גרויסער, א פולער שניי. טאקע גאנצע שטיקער דרילי. אָבער ס'דאָך פאָרט א שניי, און ניט קיין בלאָטע! — — —

ערשט אפּ מאָרגן האָט בערעלע געזען מיט זײַנע אייגענע אויגן, וויאזוי די זון איז ארויס. דער שניי איז צעגאנגען. די מענטשן האָבן צעקנאָטן אָט דעם נעץ, און ס'געוואָרן א טיפע בלאָטע [illegible] שטעטל. בערעכט איז געווען די מאמע. ס'איז ניט געגאנגען קיין שניי. ס'איז געגאנגען א בלאָטע א גרויסע.

אָבער דער פרילינג איז דאָך אזוי פרײלעך. ער נעמט זיך פון גאָרניט צום הארצן. ער לאכט, דער פרילינג, פון אלע שפּארונקעלעך מיט אָן א שיר זון, מיט גוטן ווינט און מיט שײַן... די בלאָטע איז גיך אויסגעטריקנט געוואָרן. בערעלע שפּילט זיך שוין א באָרוועסער אינדרויסן און הערט די בלאָטע מיטן ווינטער, ווי דעם פארא־יאָריקן שניי.

3. אָט דאָס גייט ברויט

בערעלע האָט נאָך ניט געהאט קיינע שום זאָרגן. ער פלעגט זיך שפּילן אין הויף אָדער אין גערטל, אָדער הינטער דער שטוב, אמאָל אליין און אמאָל מיט עמעצן. אזוי לאנג, ביז ער פלעג זיך שוין גוט־גוט אויסהונגערן; ערשט דאן פלעג ער ארײַנלויפן אפּ א רעגעלע אין שטוב ארײַן עפּעס איבערכאפּן און — גלײַך צוריק אינדרויסן ארויס.

איינמאָל האָט ער געמאכט הינטער דער שטוב אן אויוון פון זאמד; טאקע אזוי ווי אן עמעסער אויוון. ער האט ארײַנגעשטעקט פונויבן א שפּענדל פאר א קוימען, און אינעווייניק האָט ער אָנגע־לייגט שטרויעלעך פאר האָלץ. אָבער ער האָט זיך ניט ארומגעקוקט, ווי ס'פּלוצעם אראָפּגעפאלן א רעגן און גענומען שווענקען אי אים,

אי דעם אויוון. מיילע, ער... ער האָט זיך נאָר אָפּגענעצט, קאָן ער שטיין דאָ אונטער דער סטריכע און זיך טריקענען דערווײַל. אָבער דער אויוון? דער אויוון איז צעשוווּנקט געוואָרן, אַז ס'פֿון אים גאָרניט געבליבן. דער שפּענדלדיקער קוימען איז אוועקגעשוווּמען,

דאָס גרינע האָלץ איז אויסגעשווומען. בערעלע האָט געוואָלט שוין אויסקוואַרפּן דעם אויוון, פאַרקאַטשען די קאָלאָשעס און מאַכן א טײַך אינמיטן דרויסן, האָט אָבער פּלוצעם געגעבן א שניט אין די אויגן אזא בליץ, אוי, א בליץ! דער גאַנצער דרויסן האָט זיך צעשפּאַלטן פון דער מאַלאַכטעס גאָרטן ביזקעלע זייער שטוב עפּשער אַף צוויי שטיקער, דערנאָך האָט א בריל געטאָן איבערן סאַמע קאָפּ בא אים קר־ר־ר־טאַך־טאַך־טאַך־טאַך — און דער רעגן האָט גענומען פליוכען, ווי פון א צעבער.

— בערעלע, ווו ביסטו? גיכער לויף אהער! — האָט בערעלע דערהערט דורכן געעפנטן פענצטער.

בערעלע האָט צעעפנט ביידע אויגן און זיך פאַרכידעשט, וואָס אַלץ איז אזוי נאָענט — אי די שטוב, אי די מאַמע, אי דאָס אָפענע פענצטער. ער האָט זיך, ווי אַן עמעס בערעלע, איבערגעקאַטשעט איבערן פענצטער־שוועל — און גלייַך צו דער מאַמען אין די אָרעמס אַרייַן.

— אוי־הוי־הוי־הוי! — האָט בערעלע געציטערט און זיך ניט געקאָנט אָפּכידעשן פונעם צעבוּיטעטן געדיכט געוואָרענעם דרויסן...

אָבער די מאַמע האָט זיך געפרייט מיט בערעלען. זי האָט זיך געפרייט מיטן דרויסן. זי האָט געפּליעסקעט בערעלען מיט ליבע און מיט געלעכטער.

בערעלע האָט געמרוקעט בא איר אַף די הענט, און די מאַמע פּליעסקעט אים און זינגט צו:

— אַט דאָס־אָ גייט ברויט, מייַן זון. ס'וועלן שוין זייַן פלעצלעך, ס'וועלן זייַן הרעטשאַניקעס, בייגל און קיכלעך... ס'גייט ברויט, מייַן זון, ס'גייט ברויט!

אַט דאָס האָט שוין בערעלע גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. וואָרעם אים וואָלט מען עס דאַרפן צו לאַנג דערציילן, אז ווען אַף די פעלדער ״ זיך אָן די טוּוּעס פון דעם זאַטן רעגן, וועט זייַן א ג ע ר ע ט ע נ י ש, מען ש נ ײַ ד ן, ד ר ע ש ן, פירן ״ ״ אין מיל אַרייַן, דערנאָך וועט מען די מע׳ ז י פּ ן, ר אָ ש ט ש ״ נ ע ן, ק נ ע ט ן און ב א ק ן, וועט זייַן ב ר ו י ט מיט אַלע גוטע זאַכן.

יאָ, יאָ, בערעלע — אַט דאָס־אָ גייט ברויט!



מייער פאָלגט א גאנג

אז ס'איז געוואָרן ווארעם אינדרויסן, האָט די מאמע געשיקט מייערן, דעם יינגסטן פון אירע קינדער, פאַשען די גענדזעלעך.

האָט מייער מיטגענומען מיט זיך א שטיקל פלעצל און האָט ארויסגענומען די האק פון אונטער דער ...פע און איז אוועק.

— אף וואָס נעמסטו, מייער, די האק? — פרעגט אים די מאמע.

— איך דארף.

פארנאכט. אלע ווארטן. מע קוקט ארויס אף מייערן. די גענדז זיינען שוין לאנג געקומען, און מייער איז נאָך אלץ ניטאָ.

דער טאטע איז אפילע אין קאס.

— אזא קליין יינגל, — זאָגט ער, — טאָר מען ניט אוועקשיקן אף א גאנצן טאָג פאַשען קיין גענדז.

מע גייט ארויס א קוק טון.

ערשט אלע האָבן זיך דערפרייט:

— ער גייט, ער גייט, מייער... אָנאָ גייט ער!

מע לויפט אים ארום אנטקעגנ.

מייער גייט, די האק אפנ אקסל.

— מייער, ווו זײַנען די גענדז? — פרעגט עמעצער אינ א געלעכטער.

— ניטאָ קיינ גענדז, — ענטפערט מייער.

— וואָס הייסט עפּעס ניטאָ? דערצייל, מייערל, וואָס איז געשענ. דערציילט מייער:

— איכ האָב אָנגעהאקט שטעקנס אונ צווײַגנ אונ צונויפגעשלאָגנ א צוים, די גענדז זאָלנ האָבנ ווו צו זײַנ, וועט מענ זיי פארשפּאָרנ אלע טאָג טרײַבנ ארופ אונ אראָפּ.

— שא־שא, באלד וועט איר עפּעס הערנ, — זאָגט דער עלטערער ברודער. — מייערל, ווו־זשע זײַנענ די גענדז?

— די גענדז, — זאָגט מייער, — ס'איז געקומענ א גאנעוו אונ זיי צוגעגאנוועט.

— פונוואַנענ ווייסטו, אז א גאנעוו האָט זיי צוגעגאנוועט?

— דערפאר. איכ האָב זיי געזוכט אונ אינ ערגעצ ניט געפונענ.

— נ־נא, — מאכט שוינ צו אים דער טאטע, — די גענדז זײַנענ שוינ לאנג דאָ. זיי זײַנענ אליינ געקומענ. ווײַטער, אז דו וועסט וועלנ זײַנ א פאסטעכ, טאָ טראכט ניט אויס קיינ מײַסעס אונ זײַ אזא, ווי אלע מענטשנ זײַנענ.

אינ א וואָכ ארום פארגלוסט זיכ דעמ טאטנ א גלעזל טיי נאָכ זוארמעס.

— אָט וועט מייער גײַנ צומ קליינעמ ברונעמל, — זאָגט די מאמע, — אונ וועט ברענגענ וואסער, וועט זײַנ די טיי געשמאקער.

אינעמ קליינעמ ברונעמל איז טאקע די וואסער געווענ געשמאקער ווי אומעטומ, נאָר צומ קליינעמ ברונעמל איז געווענ א ביסל ווײַטלעכ.

מייער האָט געהאט א נאטור, אז מע שיקט אים ערגעצ, דינגט ער זיכ ניט. ער גייט באלד.

ער הערט, מע שיקט אים נאָכ וואסער, שטייט ער אויף, טוט א קלער, דערנאָכ נעמט ער עפּעס אינ הײַזל אונ גייט אוועק.

ס'איז אוועק א שאָ —
מייער איז ניטאָ.
ס'זײַנען אוועק צוויי —
מע וויל שוין ניט קיין טיי.

— מע דאַרף גיין א קוק טון, — זאָגט דער טאַטע, — א קינד, ער קאָן נאָך אַרײַנפאַלן אין ברונעם און דערטרונקען ווערן.

מע גייט אוועק זוכן מייערן. ערשט ער גייט. אויסגעשמירט אין ליים פון קאָפּ ביז די פיס. ער איז אײַנגעצן א נאַסער, נאָר פון שוויים און ניט פון וואַסער. אַרומגעגאַרטלט איז ער מיט א שטריק, און ער טראָגט א לאָפּעטע צוריק.

— וואָס איז, מייערל?

— איר האָט מיך געשיקט נאָך וואַסער?

— נו?

— האָב איך א קלער געטאָן, וואָס דאַרף מען גיין אַלע מאָל אַזוי ווײַט, איך וועל אַרויסגראָבן דעם ברונעם, וועל אים אַרומבינדן מיט א שטריק און אים אַריבערשלעפּן אינגאַנצן אַהער.

— נו, איז וואָס געוועזן? — פרעגן שוין אים אַלע.

— איך האָב שוין אָפּגעגראָבן ביז האַלב, זײַנען געקומען מענטשן און מע האָט מיך דורכגעטריבן.

— נאַרישער קאָפּ, — זאָגט דער טאַטע, — א ברונעם איז ניט קיין קלאָץ, וואָס מע שלעפּט אים איבער פון איין אָרט אויפן אַנדערן.

א ברונעם, אַז מע וויל האָבן נאָענט, דאַרף מען אויסגראָבן אַן אייגענעם.

זומער, אַז ס'זײַנען פאַרטיק געוואָרן די פרוכטן, שיקט די מאַמע מייערן אין גאָרטן אַרײַן.

— גיי, מייערקע, רײַס אָן פון דעם אַלטן בוים א ביסל פלוימען, וועלן מיר פרעגלען אײַנגעמאַכטס.

די מאַמע האָט צוגעגרייט א פאַן, צוקער, האָט צעלייגט שפּענדלעך אויפן פּריפּעטשיק. ס'ע שוין א ביסל לאַנגלעך, און מייער איז נאָך אַלץ ניטאָ. ערשט, זי הערט, אַז ס'ע קלאַפּט עפּעס איבערן דאַך.

זי גייט אַרויס, מייער האַקט דעם דאַך...

— וואָס איז, מייערקע?

— מאמע, — זאָגט מייער, — דער אַלטער בוים האָט אַרופגע־ לייגט די צווייַגן צו אונדז אויפן דאַך, וועל איך מאַכן אַ טירעלע, און די פּלוימען וועלן אַליין פאַלן גלייַך אין פענצטל אַרייַן!

דאָ זייַנען געקומען צו לויפן דער טאַטע, די ברידער, די שכנים, און מע האָט זיך אַלע געגומען צו מייערן. אָבער די מאַמע האָט אים נישט געלאָזט טשעפּען. די מאַמע האָט אים אַוועקגעפירט אין שטוב אַרייַן, אים געגעבן אַ גרויסן שטיק ברויט מיט יאַגאָדניק.

— נאַ, מייער, עס. — און צו די איבעריקע קינדער האָט זי געזאָגט:

— לאַכט נישט פון אים, קינדער, ער וועט בײַ מיר זייַן אַ דער־ פינדער.

און ס'איז טאַקע אַזוי געווען.

ארומ שול

א מעשׂה פֿונ דאָוויד־לייבעלען, דער כאַווערטע ריוועַנ, דעמ פּײגעלעם לעווייִע און פֿונ אײגענער שאפֿונג.

1

דאָוויד־לייבעלע טשעסקיס וווינט אפֿ איינ גאס אונ אינ איינ הויפֿ מיט זײַנ פֿאַראַיאָריקער לערערנ רעוועקע מארקאָוונע. די קינדער רופֿנ זי: די כאַווערטע ריווע. נאָר די כאַווערטע ריווע איז א לערערנ אינעמ ערשטנ קלאס, אונ דאָוויד־לייבעלע איז שוינ אריבער אינעמ צווייטנ. איז די קינדער פֿונ דעמ צווייטנ קלאס האָבנ זייער ליב די כאַווערטע ריווע פֿונעמ ערשטנ קלאס, אונ דאָוויד־לייבעלע, אז ער גייט אמאָל פֿונ שול מיט איר אינײנעמ אהיימ, דערציילט ער איר אלצדינג — ווי־ אזוי זיי לערנענ זיכ אונ וויאזוי זיי שפּילנ אינ „קלאס”.

איינמאָל גייט רעוועקע מארקאָוונע אונ הערט, ווי א בינטל קינדער פֿונעמ צווייטנ קלאס מיט די ביכער אפֿ די אקסלענ רעדנ צווישנ זיכ, אונ דאָוויד־לייבעלע רעדט דאָרטנ העכער פֿונ אלעמענ.

— וואָס איז עס פאַר אַ לערער ? — פרעגט דאָוויד־לייבעלע, — אַז איך קען שוין שרײַבן בעסער פון אים!

איז רעוועקע מאַרקאָוונע שוין צוגעגאַנגען נעענטער. די קינדער האָבן זי דערזען און זיך זייער דערפרייט, און דאָוויד־לייבעלע האָט איר געגומען דערציילן, אַז דער לערער פון זייגען קאָן גאָרניט שרײַבן, אַפילו די קינדער קאָנען שוין בעסער פון אים.

— ווי האָסטו געוואוסט, אַז ער קאָן ניט שרײַבן ? — פרעגט די כאַווערטע ריווע.

דערציילן שוין אַלע קינדער מיטאַמאָל, ווי דער לערער איז צוגע־גאַנגען צום טאָוול און האָט געוואָלט אָנשרײַבן: „יעדער מענטש דאַרף קאָנען זינגען", האָט ער אָנגעשריבן: „וועדער בעניש דאַרף קאָנען זינזען" — ער קאָן אַפילו ניט שרײַבן, אַזוי ווי אַ קליין קינד.

— טאָ וואָס איז דערנאָך געווען ? — פרעגט רעוועקע מאַרקאָוונע.

זאָגן זיי, די קינדער, אַז זיי האָבן זייער געלאַכט, וואָס ער האָט אָנ־געשריבן „זינזען".

— „זינזען", „זינזען" — האָבן זיי זיך ווײַטער נאָכגעקרימט.

רופט זיך אָן רעוועקע מאַרקאָוונע:

— וועג איר ווייסט, קינדער, וויאַזוי כאַווער מילשטיין קאָן שיין שאַפן, וואָלט איר שוין דאַפקע ניט געלאַכט פון אים. און שרײַבן קאָן ער אויך, נאָר ניט קיין ייִדיש, ער האָט קיינמאָל ניט געלערנט אין קיין ייִדישער שול.

די קינדער ווייסן דאַפקע, וואָס הייסט אייגענע שאַפונג. אייגענע שאַפונג הייסט, אַז מוציק שרײַבט אַרײַן אַ ליד אין צײַטונג אַרײַן, און נעכע ברויטמאַן שרײַבט אָן אַ מײַסעלע, וואָס זיי שאַפן פון זייער אייגענעם קאָפּ. מוציק מיט נעכען קאָנען טאַקע שאַפן בעסער פון אַלע קינדער, נאָר וואָס קאָן שאַפן דער לערער פון געזאַנג — שטויסן זיי זיך נאָך ניט אָן.

2

איינמאָל גייען די קינדער פון שול. ס'געווען אַ שיינער, אַ פראָס־טיקער טאָג. דינגען זיך די קינדער צווישן זיך, וויפל ס'הײַנט דאָ גראַד פראָסט: איינער זאָגט 12 גראַד, אַ צווייטער זאָגט, אַז ס'מער ניטאָ ווי זעקס גראַד, ווײַל ס'איצט אַ שיינע זון אינדרויסן. דערווײַל דערזעען

זיי, אז צווישן די רעלסן פונעם טראמוויי ליגט עפעס א קליינע זאכ אזא.

— זע נאַר! — האָט זיכ דאָוויד־לייבעלע אָנגעכאפט דער ער־שטער, — ס'איז דאָכ א פייגעלע.

— אוי־ווי, א געשטאָרבן פייגעלע! — האָבן גענומען די מיידלעך שרייען.

— א פאַרפרוירן פייגעלע! — האָבן זיך אַלע קינדער מיט די ביכלעך מיט זייערע אַרומגעשטעלט אַרום. און דאָס פייגעלע ליגט זיך, נעבעך, איינגעקנייקלט אין שניי מיט די פיסעלעך אַרויף, און די אייגעלעך בא דעם פייגעלע זיינען אײַנגעצנע פאַרמאַכט, און ס'שווין א פאַרפאַלענע זאַך.

דער עלטערער פון די יינגלעך האָט אויסגערופן, אַז מע דאַרף מאַכן דעם פייגעלע א לעוויע.

— וווּ? וווּ? — פרעגן די יינגלעך.

זאָגט איינער: „בא מיר אין הויף". און דער צווייטער זאָגט: „בא מיר אין הויף". ביז ס'איז געבליבן, אַז מע זאָל עס גאָר באַהאַלטן אין הויף אין שול. ווען דער ווערכטער וויל נאָך עפּענען דאָס טירל אין ביימער־גאָרטן אַרײַן, וואָלט געווען גאָר גוט. דאָרט איז דער שניי זייער א ריינער.

בא איינעם א יינגל איז געווען א צײַטונג אין רענצעלע, האָבן זיי אַרײַנגענומען דאָס פייגעלע אין צײַטונג אַרײַן. דערווײַל איז אָנגעפאָרן א טראַמוויי, האָבן אַלע קינדער אָפּגעטראָטן דעם וועג. דערנאָך האָבן זיי זיך אומגעקערט מיטן פייגעלע אין שול, אין הויף אַרײַן. זיי האָבן עס דערווײַל באַהאַלטן טיף אין שניי, און אָפּ מאָרגן האָבן זיי אָפּגערעדט צווישן זיך — ווער ס'זאָל ברענגען א קעסטעלע, ווער — א פאָן און ווער ס'זאָל נאָך האַלטן א רעדע, אַזוי אַז ס'זאָל זײַן שוין איינמאָל א לעווײַע.

בעשאַס די קינדער זײַנען געווען אַזוי פאַרטיפט, איז דער כאַווער מילשטיין זיי נאָכגעגאַנגען פוסטריט. די קינדער האָבן אים ניט באַמערקט. און ער, דער כאַווער מילשטיין, האָט זייער ליב צו הערן זומער דעם פייגעלשן געזאַנג. און ער האָט בכלל ליב פייגעלעך.

3

אָפּ מאָרגן זײַנען געקומען די קינדער אין שול אַרײַן און זיי האָבן איינער דעם אַנדערן דערציילט פון דער לעווײַע. אָפּ די לימודים זײַנען זיי געזעסן זייער אומרויִק, ווײַל ס'איז זיי געלעגן אין קאָפּ עפּעס אַנדערש.

מע איז אבי־ווי איבערגעקומענ די ערשטע צוויי לעקציעס, אונ דער לעצטער איז אריַינגעקומענ דער לערער פונ זינגענ, דער כ׳ מילשטיינ. די קינדער האָבנ שוינ זיכ ניט געוואָלט לערנענ, זיי האָבנ געוואָלט גיכער אינ הויפ אריַינ, נאָר זיי שעמענ זיכ זאָגנ.

נאָכ די לימודימ האָבנ זיכ אַלע קינדער ארויסגעשאָטנ פונ קלאַס, זיי האָבנ אָנגעטאָנ זייערע מאַנטעלעכ. דאָוויד־לייבעלע האָט ארויסגענומענ די פאָנ, וואָס ער האָט צוגעגרייט. פיַיוול קאָרנ האָט געבראַכט א קעסטעלע, וואָס ער האָט אַליינ צונויפגעשלאָגנ אונ עס אויסגעפארבט אינ רויטנ. אונ סאַמע פונונטנ איז נאָכגעגאַנגענ א מיידעלע מיט א פאַפירעלע אינ האַנט — זי האָט געדאַרפט האַלטנ א רעדע.

די קינדער האָבנ אויסגעשאַרט פונ שניי דאָס פייגעלע, האָבנ עס ארומגעציכטיקט אונ אריַינגעלייגט אינ קעסטעלע אריַינ. אַנדערע האָבנ געבראַכט פונ פאַרביקנ פאַפיר אָנגעשווירענע קווייטנ אונ האָבנ עס באַשאָטנ. דערנאָכ האָבנ זיי זיכ אויסגעשטעלט אינ א ריי אונ זיַינענ ארומגעגאַנגענ ארומ־אונ־ארומ הויפ. דאָס טירעלע אינביימער־גאָרטנ איז שוינ געווענ אָפנ (דאָס האָט כאַווער מילשטיינ געקראָגנ די שליסלענ באַמ וועכטער אונ אַליינ געעפנט דעמ גאָרטנ). דער גאָרטנ איז געווענ באַשאָטנ מיט וויַיסנ שפּאָגל־ניַיעמ אומגערירטנ שניי. נאָר האַרט איז ער געווענ, דער שניי, צוגעפרוירנ פונויבנ, ווי וויַיס־בלוילעכער צוקער, אונ די קינדער זיַינענ געגאַנגענ איבער אימ, אַזוי־ווי איבער א בריק.

די ביימער זיַינענ געשטאַנענ מיט וויַיסע אָנגעפרוירענע צווייַגנ אונ האָבנ געשמייכלט צו די געסט, וואָס זיַינענ געקומענ זיי געוואָר ווערנ אינ אַזא שיינעמ ווינטערדיקנ טאָג. דאָ האָבנ זיכ די קינדער אָפּגעשטעלט. צווייענ האָבנ אויסגעגראָבנ אינ שניי ניט קיינ גרויס גריבעלע, אונ דאָס מיידעלע, ביילקעלע הייסט זי, האָט גענומענ לייענענ איר רעדע, וואָס זי האָט אָנגעשריבנ.

— מיר, אָקטיאַבערלעכ, — האָט זי געזאָגט, — פונ שול נומער 60, האָבנ זייער ליב פייגעלעכ. דו האָסט געקערט זיַינ א שיינ פייגעלע, אונ איצט ביסטו, נעבעכ, געשטאָרבנ!.. מיר, אָקטיאַבערלעכ, וועלנ זומער גייַנ מיט דער לערערנ אינ וואַלד, וועסטו שוינ דאָרט ניט זיַינ... פאַר דעמ זאָגנ מיר דיר צו, אַז מירנ דערפאַר זיַינ גוטע אָקטיאַבערלעכ...

דערנאָכ האָבנ די קינדער אָפּגעזונגענ א טרויער־מאַרש, מע האָט אַראָפּגעבויגנ די פאָנ אונ פאַרשאָטנ דעמ קיווער.

4

אז די קינדער זײַנען אַרײַן צוריק אין שפּיל־צימער, איז זיי געווען קאַלט און ס'איז זיי געווען עפּעס שלעכט אויפֿן האַרצן.

דערווײַל האָבן זיי דערהערט פֿון ווינקל שטילע קלאַוויר־קלאַנגען. זיי האָבן אַ קוק געטאָן און דערזען, אַז דער באַוער מילשטיין שפּילט שוין.

פֿריִער האָט ער געשפּילט דין אַזוי, ווי פֿייגעלעך צוויטשערן אין וואַלד, דערנאָך האָט ער געשפּילט אויף די גראָבע סטרונעס, טויב אַזוי און שטיל, אַזויווי אַ שניי אַ געדיכטער פֿאַלט.

דערנאָך האָט ער געשפּילט און איבערגעכאַפּט די קלאַנגען, אַזויווי עמעצער האָט זייער מורא פֿאַר עפּעס, מ'שרעקט זיך און מע צעפּליט זיך אין אַלע זײַטן... דערנאָך עפּעס ווײַטער זייער טרויעריק.

דער באַוער מילשטיין האָט אויף קיינעם ניט געקוקט און זיך צעשפּילט אַזוי מיטן האַרצן, אַז אַלע קינדער זײַנען געשטאַנען צונויפֿשמידטע צו זייערע ערטער, זיי האָבן מורא געהאַט אַפֿילו אַ פֿינגער אויפֿהייבן, טאָמער וועלן זיי אים שטערן. און אַז ער האָט געענדיקט, האָבן די קינדער לאַנג־לאַנג געשוויגן. דערנאָך ערשט האָבן זיי אים אַ פֿרעג געטאָן:

— ווי אַזוי הייסט עס, באַוער לערער, אָט דאָס, וואָס איר האָט ערשט געשפּילט?

זאָגט ער, אַז ס'הייסט „ווינטער אין וואַלד".

— ס'באַ אײַך אַן אייגענע שאַפֿונג? — איז דאַוויד־לייבעלע אַזש אונטערגעשפּרונגען פֿון אַ נײַעם געדאַנק.

האָט דער באַוער מילשטיין עפּעס געקלערט אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער געענטפֿערט:

— יאָ.

פֿונדעסטוועגן האָבן שוין די קינדער ניט געוווּסט וואָס צו טון מיטן באַוער מילשטיין. שטענדיק האָבן זיי אַרויסגעקוקט אויף אים און אויף זײַן לימעד.

און איינמאָל, אַז דאַוויד־לייבעלע האָט באַגעגנט רעוועקע מאַרקאָווען, האָט ער געזאָגט:

— באַווערטע ריווע! איך ווייס שוין, וואָס הייסט אייגענע שאַפֿונג.

דער כאווער מילשטיינ האָט אונדז געשפּילט „ווינטער אינ וואלד“, וואָס ער האָט אליינ געשאפנ פונ כאָפּ. אוי, איז עס געווענ שיינ, כאווערטע ריווע, אזוי שיינ.

א צווייט מאָל כאפּט ער ווייטער אָנ רעווע מארקאָוונע אונ זאָגט איר:

— כאווערטע ריווע, איר מיינט, אז ער קאָנ גאָרנישט שרייבנ, דער כאווער מילשטיינ? רוסיש אונ אוקראינ קאָנ ער שרייבנ זייער שיינ, נאָר יידיש האָט ער ניט געקאָנט, ווייל מ'האָט אימ קליינווייז ניט געלערנט. אונ איצט קאָנ ער שוינ יידיש אויכ. כ'וויס, אמאָל נאָר מאכט ער א גרייז, אָנשטאָט א גימל שרייבט ער א זייענ, אָבער דאָס איז שוינ טאקע גאָרניט, א יאָ?

דעם זייפערס אייניקל

פֿארנאכט האָט פֿערעלע געגעבן די טויבן עסן און גערעדט צו זיי.

בײַ פֿערעלען זײַנען טאטע־מאמע יונג געשטאָרבן, האָט זי זיך אויפֿגעצויגן בײַם זיידן מיט דער באָבען. געוווינט האָבן זיי הינטער דער שטאָט, און דעם זיידן האָט מען גערופֿן שמואל דער זייפֿער, ווײַל ער האָט געאַרבעט אין אַ פֿאַבריק, וווּ מע מאַכט זייף. און די באָבע האָט מען געדאַרפֿט רופֿן פֿייגל די זאָקן־מאַכערן, ווײַל זי האָט געאַרבעט זאָקן, אָבער מע האָט זי גערופֿן „די כאַכאַמע", ווײַל זי איז געווען זייער אַ קלוגע און אַ פֿײַנע פֿרוי.

פֿערעלע האָט זייער ליב געהאַט דעם זיידן מיט דער באָבען, און ביידע אַלטינקע האָבן פֿערעלען אויך ליב געהאַט דאָס כּיעס. זיי האָבן זי אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. די טײַבעלעך האָט איר אויך דער זיידע צוגעטראַכט.

יעדן פֿאַרנאַכט, אַז פֿערעלע גייט אַרויס פֿאַרן שוועל און שיט אויס די טײַבעלעך קאַשע, פֿאַרבליבענע פֿונעם עסן, אָנגעווייקטע

שטיקלעכ ברויט אָדער קערנער, גייט זי ניט אוועק, ביז די טייַבעלעכ פּליִענ זיכ ניט צונויפ אונ עסנ ניט אופּ אלצ ביז א פּיצל. אונ אויב זי קלערט עפּעס פונ א נייטיקער זאכ, רעדט זי צו די טייַבעלעכ, אזוי ווי מע רעדט צו א מענטשנ.

דער זיבעטער מארט פארנאכט. אינדרויסנ איז געווענ ניט שטארק קאלט. פונ די קוימענעס הינטער דער שטאָט איז געגאנגענ א רויכ. פּערעלענ איז געווענ גוט אפנ הארצנ, האָט זי זיכ דערמאנט אינ די טייַבעלעכ, האָט צונויפגעקליבנ די קארטאָפל אונ פּערל־גרויפּענע קאשע, וואָס איז געבליבנ פונ ווארמעס, אונ ארויסגעטראָגנ פארנ שוועל.

די טייַבעלעכ האָבנ זיכ צונויפגעקליבנ, ווי קעסיידער, גענומענ טאנצנ ארומ פּערעלענ אונ פּיקנ. האָט פּערעלע זיכ אוועקגעזעצט לעמ טיר אפנ קלעצעלע, אריַנגענומענ די הענט אינ די ארבל, אונ ס'איז געווענ אפּ איר צו דערקענענ, אז זי איז מיט עפּעס שטארק פארנומענ.

— אָבער איר ווייסט ניט, — רופט זי זיכ אָנ צו די טייַבעלעכ, — וואָס מאָרגנ איז? אונ איכ ווייס! מאָרגנ איז דער אכטער מארט, אנ אינטערנאציִאָנאלער פרויענ־יאָנטעוו, מאָרגנ טו איכ אלצ אָפּ אינ שטוב, אונ די באבע וועט גייַנ פארברענגענ. דער זיידע וועט קומענ פונ פאבריק, וועט ער נאָכ עפּשער ברענגענ בילעטנ אינ טעאטער.

פּערעלע האָט אָפּגעמאכט פארפרי די אוראָקנ, אונ פארנ שלאָפנ האָט זי געבעטנ, די באבע זאָל זי אופוועקנ פרי — אז ס'וועט נאָכ זייַנ בלוי אינדרויסנ.

— וואָסי דענ? — האָט די באבע געפרעגט.

— ס'איז א סאָד, — האָט פּערעלע געענטפערט אונ זיכ אייַנגענורעט אפ איר ווייַסנ געלעגער, זי זאָל גיכער אנשלאָפנ ווערנ.

די באבע פּערעלעס, ווי מיר האָבנ שוינ פריִער דערציילט, איז געווענ ניט קיינ נאר. — זי האָט געראדע פארשטאנענ פּערעלעס מיינ.

אינדערפרי. די באבע וועקט אופּ פּערעלענ. פּערעלע טוט א קוק — אינדרויסנ איז שוינ ליכטיק, אינ שטוב איז אלצ צוגעקליבנ, ציכטיק ריינ. די דילנ אויסגעוואשנ, שוינ אפילע צוגעטריקנט, דער אויוונ אויסגעהייצט אונ פארשארט.

— וואָס עפּעס אזוי גיכ, באבע? — האָט פּערעלע זיכ אנטוישט, — איכ האָב דאָכ דיר געוואָלט העלפנ.

— דו וועסט נאָך צייַט האָבן העלפֿן, — האָט איר די באָבע גע־ענטפֿערט. — הייַנט איז א ווייַבערשער יאָנטעוו, הייַנט גיי איך אין קלוב אַרייַן פֿאַרברענגען. דו ווילסט, וועל איך דיך אויך נעמען.

דעם נייַנטן מאַרץ פֿאַרנאַכט, ווען פֿערעלע האָט ווייַטער געהאָ־דעוועט די טויבן, איז זי געווען זייער פֿריילעך און אופֿגעלייגט.

די טייַבעלעך צעלאָזן די פֿליגלען, טאַנצן אַרום איר און פּיקן אויס, ווי נאָר א פֿאַרוואַלגערט קערנדל. און פֿערעלע רעדט צו זיי:

— איר זאָלט אָבער פֿאַרשטיין, אַזוי ווי מענטשן, וואָלטן מיר אייַך געוועזן נעמען אין קלוב. דאָרטן האָט מען געהאַלטן רעדעס, די באָבע האָט אויך גערעדט. יאָ, יאָ, טאַקע מייַן באָבע... שיין? נאָך א מין שיין! „איך וויל דערלעבן, זאָגט זי, די צייַט, ווען אַלע פֿאַרהאָרעוועטע פֿרויען פֿון דער גאַנצער וועלט זאָלן פֿייַערן אַזוי פֿרייַ דעם אַכטן מאַרץ ווי מיר!"

— הור־ראַ־אַ!

— נו, טייַבעלעך, פֿאַרוואָס שרייַט איר ניט „הוראַ"? אַ, איר נאַראָנימלעך קליינע, איר קענט ניט? הו־ראַ־אַ! הו־ראַ־אַ!

דערווייַל זייַנען זיך די טייַבעלעך צעפֿלויגן. פֿערעלע טוט א קוק, ערשט דער זיידע גייט שוין פֿון דער אַרבעט.

— וואָס שרייַסטו אַזוי? — פֿרעגט זי דער זיידע און נעמט זי אָן פֿאַר א האַנט. — דו קאָמאַנדעוועסט מיט א פּאַראַד?

— יאָ, — זאָגט פֿערעלע און שפּרינגט, ווי א ציגעלע. דאָס גייט זי אַזוי מיטן זיידן צוריק אין שטוב אַרייַן. — איך לערן די טייַבעלעך, איך וויל, זיי זאָלן עפּעס פֿאַרשטיין, אַזוי ווי מענטשן!

א שייניניק מיידעלע פֿערעלע!

הינדעלעך און קאַטשקעלעך

1

פּערעלע דעם ווייפּערס איז געקומען צו לויפֿן אַ פֿאַרסאָפּעטע אַהיים. זי האָט נאָך דאָס רענצל ניט באַוויזן אַראָפּצונעמען פֿון אַקסל און איז אַוועקגעלאָפֿן אין קיך. דאָרט האָט זי געפֿונען די באָבע באַם אויוון שטייענדיק.

— באָבע! — האָט פּערעלע פֿאַרסאָפּעט אויסגערופֿן. — מיט וואָס קאָן איך זײַן נוציק אין שטוב?

— טו נאָר אַ קוק ס'אַרא מין יאָגן, ס'אַרא מין סאָפּען! — האָט די באָבע בײַ איר אַראָפּגענומען דאָס אָפּגעשפּיליעטע רענצל פֿון אַקסל. — וואָס האָסטו עפּעס געזאָגט „נוצקענע" שטוב?

— אײַ, ניין, באָבע. האָסט ניט וואָס צו לאַכן! די קינדער דאַרפֿן אַלע...

— האָב איך דאָך שוין דיר נעכטן געגעבן פֿלעשלעך אין שול אַרײַן אָפּ „אוטיל"!

— ווײַטער !!! פלעשעלעך איז איין זאך, און דאָס איז עפּעס אַנדערש. יעדעס קינד דאַרף עפּעס העלפן אין שטוב — ברענגען א נוץ! נו... צוזען די קראָליקעס, אַכטונג געבן אַף די אויפעס און נאָך אַזעלכע זאַכן.

— אַט דאָס גאָר מיינסטו, — זאָגט די באָבע. — איז דאָך גוט, וואָס בעסער דאַרף מען ניט! אָנאָ זיצט דאָס געלינקע הינדעלע אַף אייער. אַז זי וועט אויספירן די אויפעלעך, וועל איך דיך לאָזן זיי פּאַשען און אַכטונג געבן אַף זיי, וויפל דײַן האַרץ גלוסט... שוין? אַלץ גוט?

— אוי, גוט, גוט, באָבינקע, זייער גוט!

פּערעלע האָט אָפּגעגעסן און איז אַרויס אין קיך. צווישן טאָפּטשאַן און צווישן וואַנט איז אין אַן אַלטער זיפּ, מיט היי אויסגעבעט, געזעסן די געלע קוואָטשקע אַף אייער. אין דער רעגע, ווען פּערעלע איז צוגעגאַנגען, איז פּונקט די קוואָטשקע אַראָפּ א טרונק טון וואַסער, עפּעס א פּיק טון און טאַקע א ביסעלע אויסגלײַכן די פּאַרכאַלעשטע ביינער.

די אייער אין נעסט האָט זי פאַרן אַראָפּגיין באַטרייסלט מיט עטלעכע הייעלעך — זיי זאָלן זיך ניט אויסקילן, מיסטאָמע.

פּערעלע איז צוגעגאַנגען נעענטער און א צייל געטאָן: זעקס אייער געווייַנלעכע, הינערשע, און פיר אַסאַך גרעסערע, עפּשער צוויי מאָל אַזוי די גרייס, ווי יענע, און גרינבלעכע אַפּן קאָליר.

— באָבע, — איז פּערעלע אַוועקגעלאָפן אין עסשטוב. — פאַרוואָס ליגן עס דאָרטן צווייערליי אייער אונטער דער קוואָקע?

די באָבע איז דאַפקע געווען מיט עפּעס פאַרטאָן, נאָר זי האָט איר גלײַך געענטפערט:

— ס'באַ אונדז געווען, מײַן קינד, ווינציק הינערשע אייער, און די קוואָקע האָט שוין ניט געוואָלט אַראָפּ פון קובלאָ, האָב איך געקלערט, געקלערט און אונטערגעשאָטן פיר קאַטשענע אייער.

— טאָ וואָס־זשע וועט זיך פון זיי אויספירן, אַז א הון וועט אַף זיי זיצן?

— סײַווי: פון די הינערשע — הינדלעך, פון קאַטשענע — קאַטשקעלעך.

— וועט זי זײַן אי דעמס מאַמע, אי דעמס?

— נו, גענוג מיר פּלענטען אין קאָפּ, — האָט זיך די באָבע אָנגע־

בייזערט, — האָסט אַן אַרבעט — טו. אַז ניט, גיי און שפּיל זיך. איך האָב איצטער קיין צײַט ניט מיט דיר זיך צו פאַרנעמען.

פּערעלע איז אַוועק ווידער אין קיך אַרײַן צו דער קוואָטשקע, און אליין ניט ווייסנדיק צוליב וואָס, האָט זי פאַרקלעמטערהייט אַ זאָג געטאָן אַזוי־ווי צו דער באָבען, כאָטש די באָבע איז גאָר געווען אין דריטן צימער:

— מ־מ, אַף וואָס האָסטו געדאַרפט טון אַזוי?

2

אין אַ קורצער צײַט אַרום. פּערעלע כאַפּט זיך אויף גאַנצפרי. אינדרויסן פאַרן פענצטער איז אַזוי גרין און ליכטיק.

— פּערעלע, ווילסט עפּעס זען? — מאַכט צו איר דער זיידע דער זייפער אַזש פון קיך אַרויס. ער האָט, ווײַזט אויס, דערפילט, אַז פּערעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט.

פּערעלע טאַנצט אינדערגיך אַראָפּ פון בעט. זי פאַרשטייט, אַז דער זיידע רופט זי, איז שוין ניט אומזיסט. די צימערן זײַנען אַלע מעכטיִעדיק באַלויכטן און דערוואַרעמט פון דער געטרײַער פרילינגס־זון.

— וואָס איז, זיידע?

שמוליע דער זייפער, פּערעלעס זיידע, דער הויכער ייִד מיטן סיווע בערדל איז געשטאַנען גאַנצפרי באַ זיך אין קיך לעם פּריפּעטשיק און געהאַלטן עפּעס אַ גרויסע ערדענע רײַנע אין די הענט.

— ווײַז אַ קוק טון, — זאָגט שוין פּערעלע מיט אומגעדולד.

נעמט דער זיידע אַראָפּ די רײַנע און בייגט זי אָן צו פּערעלען.

— פּ־ע־ד־ע־ר־ן?? וואָס פאַר אַ פּעדערן? — האָט זיך פּערעלע פאַרווונדערט, און נאָך ניט באַוויזן ענדיקן די פראַגע, ווי אַ פריידיקער קוויטש האָט זיך באַ איר אַרויסגעריסן פון האַלדז:

— אוי, הינדעלעך! לעבעדיקע, פּיצינקע!.. ווײַז נאָר, זיידע, איך וויל נאָכאַמאָל אַ קוק טון.

און דער זיידע האָט אַוועקגעשטעלט אַף דער האַנט אַן אויפעלע, ווי אַ קײַלעכדיק שרויטעלע, אַ פּוכקינקס, אַף צוויי דריבנינקע פיסעלעך, מיט אייגעלעך, מיט אַ פּיסקל און מיט אַלצדינג. פּערעלע האָט אָנגעקוואָלן אַף אַ קאָל פונעם קליינעם באַשעפעניש. אָבער פּלוצעם

האָט די קוואָקע פֿון צווישן טאָפּטשאַן בייז און אַנגסטלעך אַ קוואָקע געטאָן.

— וואָס איז, זיידע? — האָט זיך פּערעלע געכאַפּט און געוויזן ביים־מיַיסע אַפֿן טאָפּטשאַן.

— די קוואָקע? — האָט דער זיידע געענטפֿערט מיט אַ פּראַנגע און זיך אַ קראַץ געטאָן אין נאַקן. — ס'איז אַ גאַנצע מיַיסע.

— איך וויל וויסן וואָס.

— וואָ־אָ־אָס? — האָט דער זיידע ווידער איבערגעפֿרעגט. — פֿאַרשטייסטו מיך... די באָבע האָט דאָ אָפּגעטאָן אַ שטיקל נאַריש־קיַיט. די הינדעלעך האָבן זיך שוין אויסגעפֿירט אַלע זעקס. און איצט, ביז די קאַטשקעלעך וועלן זיך אויך אויספּירן, קאָן נאָך געדויערן אַ גוטע וואָך ציַיט.

— וואָס־זשע וועלן מיר טון מיט די קליינע טיופּקעלעך?

— זיי וועלן שוין ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן, — זאָגט דער זיידע, — מ'דאַרף זיי נאָר האַלטן אין דער וואַרעם און אָפּ זיי גוט אַכטונג געבן. אָבער אָפּ דער קוואָקע איז נעבעך אַ ראַכמאָנעס. זי איז שוין אַזוי אויך גענוג אויסגעמאַטערט. — — — — — — — — — — — — — — —

— באָבע, — האָט זיך פּערעלע אַ פֿעסטע געטאָן, — אָפּ וואָס האָסטו טאַקע גענדאַרפֿט טון אַזוי?

נאָר די באָבע איז גאָר איצט אין שטוב ניטאָ. זי איז נאָך פֿון גאַנצפֿרי אין גאָרטן. זי שאַרט דאָרט אָן די בייטן.

3

דער פֿרילינג איז געגאַנגען וואָס אַמאָל שענער. פּערעלע האָט אין שול געהאַט אַרבעט גענוג, אָבער אינדערהיים האָט זיך די אַרבעט פֿאַר איר ערשט אָנגעהויבן. אין גאָרטן האָט זי לעם דער באָבען געגראָבן, געזייט און געשאַרט. אָפּ די הינדעלעך מיט די קאַטשקעלעך האָט זי אַכטונג געגעבן, קיין כאָזער אָדער קיין הונט זאָל ניט אַ כאַפּ טון. זי האָט זיי צו דער ציַיט אַריַינגעלאָזט אין שטע־לעכל און צו דער ציַיט אַרויסגעלאָזט, זיי געשטעלט קעסיידער וואַ־סער צום טרינקען און הירזש צום פּיקן.

איינמאָל גייט פּערעלע פֿון שול און דערהערט, אַז די קוואָקע שריַיט ערגעץ הינטערן שטוב גאָר ניט מיט איר קאָל. פּערעלע האָט

גיך א וואָרף געטאָן דאָס רענצל אַף דער פּריזבע פאַרן פענצטער און א שפּרונג געטאָן איבערן פּלויטל. זי איז פאַרלאָפן הינטערן שטוב אַרונטער.

„אַוודאי א קאַץ אָדער א הונט איז אָנגעפאַלן!" — און פּערעלע האָט זיך געאײַלט מיט אַלע קויכעס אַרויסראַטעווען דאָס קליינע נעפּאַשעלע פונעם רויבערס מויל.

צום סאָף, אַז זי איז אָנגעלאָפן צום ריוו מיט וואַסער, אַהינ, ווײַט הינטער זייער שטוב, האָט זי דאָרט ניט געטראָפן ניט קיין קאַץ, ניט קיין הונט. די קוואַקע האָט גאָר אומגעטאַנצט באַם ברעג ריוו א צעפּודעטע, א צעפּאָלאָכעטע און געשריגן מיט ווילדע קוילעס. די פּיצינקע הינדעלעך האָבן זיך פאַר שרעק צעשאָטן אין אַלע זײַטן און ניט געוווּסט, ווו זיך גיכער פאַרשטעקן. און די פיר קאַטשקעלעך מיט די ברייטע פּיסקעס און פּלאַטשעכיקע קורצע לאַפּקעס, די פיר קאַטשקעלעך זײַנען זיך פרײַ, ווי מאַזיקים קליינע, אומגעשווומען איבער דער וואַסער. מיילע, טאָמער איז עס ניט קיין גרויסער טײַך, קיין אָזערע אָדער סאַזשלקע, אָבער וואַסער איז עס דאָך. שווימען זיי, ווי שלאַנקע שיפעלעך, מאַכן גיך־גיך מיט די לאַפּקעס. די קוואָטשקע פּילדערט, שפּרינגט אום, זי רײַסט מאַמעש די ערד אונטער זיך:

„גוואַלד, זיי וועלן זיך גאָר דערטרינקען צו אַלדי גוטע יאָר!" און זיי, די מאַזיקים די קליינע, שווימען און הערן קיין וועלט ניט.

פּערעלע האָט פון איין זײַט אָנגעקוקט, וואָס אַזעלכע קליינע „שוואַרציאָריקלעך" שווימען אַזוי ציקאַווע... פון דער צווייטער זײַט האָט זי אָבער ניט געקאָנט צוזען דער קוואָקעס ראַכמאָנעס, ווי זי שרײַט, פליט אַרום ווי א מעשוגענע און שפּרינגט פון דער הויט פון אירער, שפּרינגט זי.

— הער שוין אויף! — זאָגט צו איר פּערעלע. — נאַרישע מאַמע דו.. ס'וועט זיי גאָרנישט ניט זײַן!.. האַלעווײַ וואָלסטו א גרויסע נעקאָנט שווימען כאָטשבי האַלב ווי זיי, די קליינינקע!..

אָבער א הון, גיי רעד צו א הון — זי הערט ניט אויף שפּרינגען און זיך אַרויסשלאָגן פון אַלע קויכעס, ווי איינער רעדט:

„גוואַלד! איך וועל זיך גאָר א מײַסע אָנטון!.."

— נו, וואָס טוט מען דאָ? — קאָן זיך שוין פּערעלע קיין אייצע

ניט געבנ. ארויסרופנ די קלײנע מאזיקים פונ טײַכ, דארפנ זײ פריִער וועלנ פּאָלגנ... אונ קריכנ נאָכ זײ אינ וואסער — גלוסט זיכ ניט.

אפּ די רײד איז אָנגעקומענ די באבע אהער. זי איז געגאנגענ אינ הויכע צווײ שטיוול (אומיסטנ אָנגעטאָנ). אָנ רײד איז זי ארײַנ־געקראָכנ אינ ריוו ארײַנ אונ ארויסגעטריבנ פונדאָרטנ די קלײנע „שוואַרציאָרלעכ", וואָס האָבנ זיכ גאָר ניט געקאָנט זאט אָנשפּילנ מיט דער וואסער. זי האָט זײ ארויסגעיאָגט אונ אָנגעטריבנ די קוואָקע מיט דער גאנצער כאליאסטרע שוינ נעענטער צומ שטוב. — — —
— —

— נו, פרעג איכ דיכ, האָסטו עס באדארפט, — האָט פּערעלע אינ א ווײַלע ארומ איבערגעפרעגט די באבע.

— מאכט זיכ אמאָל, מע טוט אָפּ א נארישקײַט, — האָט די באבע אלײנ מוידע געווענ פאר פּערעלענ. איכ וועל שוינ פארזאָגנ א צענטנ, מע זאָל מער ניט אָנזעצנ קײנ הונ אפּ קײנ קאטשקעלעכ אונ קײנ קאטשקע אפּ קײנ הינדעלעכ. אנ עק, א סאָפּ!

די באַר און די לימענע

די מאַמע האָט געגעבן מײלעכקען א גרויסע באַר צום אָונט־ברויט. האָט מײלעכקע געגעסן די באַר און געגעסן, נאָר אינגאַנצן האָט ער זי סײַווי ניט געקאָנט אופּעסן, ווײַל זי איז געווען זייער א גרויסע. האָט ער דאָס איבערגעבליבענע שטיקל באַר אוועקגע־לייגט צוריק אפן טיש.

פֿון טיש האָט עמעצער גענומען די אָנגעהײַבענע באַר און זי אוועקגעלייגט אפ א שעלעכל, וווּ ס'איז שוין פֿון פֿריִער געלעגן א האַלבע לימענע.

איר פֿרעגט, פֿאַרוואָס נאָר א האַלבע? — דערפֿאַר, ווײַל די צווייטע העלפֿט האָט מען פֿאַרנוצט אינאָוונט, בעשאַסן טיי־טרינקען. מע האָט פֿון איר געשניטן ריפּטעלעך און געוואָרפֿן אין די גלעזער, קעדיי די טיי זאָל בעסער שמעקן.

איר מיינט, ס'וואָלט מיך געאַרט, ווען די לימענע זאָל זײַן א גאַנצע? מיך וואָלט עס ווינציק־וואָס געאַרט. אַדרבא! איך דערצייל עס

נאָר, ווי דער עמעס איז, אז די ארומגעגעסענע באר האָט עמעצער גענומענ און ארופגעלייגט אפ דעמ זעלבנ שעלעכל, ווו ס'איז געלעגנ די האלבע לימענע.

בעשאסנ צוקלייַבנ פונ טיש, האָט מענ זיי אפילע אזוי צוזאמענ אריַינגעשטעלט אינ שפּיַיז־אלמער — אומגערנ אווארע. —

באנאכט, די גאנצע שטוב שלאָפט, און אלצ, וואָס איז אינ שטוב, שלאָפט אויכ. וואָלט עס זיכ אלצ מינאסטאמ אָפּגעגאנ גלאט ביזנ סאמע גאנצפרי. איז זיכ אָבער מעיאשעוו א מיַיזל און טוט א שקראבע אונטערנ שפּיַיז־אלמער און וועקט דאָרטנ אלעמענ אופ. די ארומגעדריזעטע באר האָט אזא נאטור, אז קוימ כאפּט זי זיכ אופ, אזוי קאָנ זי שוינ מער ניט אנשלאָפנ ווערנ.

אז זי קאָנ ניט אנשלאָפנ ווערנ, נעמט זי זיכ אינדערפינצטער צוקוקנ און צוהערנ. און ס'האָט קיינ סאכ ניט גערויערט, ביז זי האָט דערטאפּט ארומ זיכ די האלבע לימענע.

— וויי, וויי, — האָט די ארומגעדריזעטע באר גענומענ בורטשענ, — ווּעמענ מע האָט עס לעבנ מיר אוועקגעלייגט! איכ קומ דאָכ ארויס פונ אזא מינ פייַנער מישפּאָכע! וואָס קאָנ נאָכ זיַינ זיסער און געשמאקער פונ מיר. און דאָ נאָר אזא געל און זויער פארזעניש. די הויט איז גאל, דאָס הארצ אינ עסיק — בררר!

די האלבע לימענע איז פונ אזעלכע רייד בא זיכ שטארק געפאלנ. זי האָט קיינ ווינטער־בארנ, און דערצו נאָכ קיינ ארומגעדריזעטע, קיינמאָל אינ איר לעבנ ניט געזענ: „ויער וויסט, וואָס פאר א מינ פּיירע דאָס איז?"

— האָב קיינ פאריבל ניט, — האָט די האלבע לימענע זיכ אָנגענומענ מיט מוט און געענטפערט. — איכ ווייס ניט, וויאזוי דיכ אָנצורופנ באמ נאָמענ. נאָר גלייב מיר, אז ס'איז ניט מיַינ שולד דערביַי, וואָס מיר ליגנ איצט צוזאמענ, און דערצו זאָלסטו נאָכ וויסנ זיַינ, אז איכ קומ אויכ ארויס ניט פונ קיינ שלעכטער מישפּאָכע. איכ אליינ בינ ערשט נעכטנ געווענ א לימענע.

— א לימע־נע־ע־ע??? — האָט זיכ די ארומגעדריזעטע באר פארווונדערט. — אויב אזוי, בעט איכ דיכ טויזנט מאָל, זאָלסט אפ מיר קיינ פאריבל ניט האָבנ, מיר געהערנ זיכ דאָכ אָנ וויַיטע שוועס־

טערקינדלעכ — דו וואקסט אפ א בוימ, אונ איכ אויכ דאָס זעלבע. איכ בינ דאָכ אויכ נעכטנ געווענ א זיסע, גרויסע ווינטער־באר.

דאָ האָבנ זיכ ביידע פריינט ערשט צעשמועסט צווישנ זיכ. די באר האָט דערציילט, אז וועגנ דער לימענע האָט זי געהערט נאָכ דאנ, ווענ זי איז געהאנגענ אפנ בוימ... פונונטנ זיינענ אפנ בענקעלע, וואָס אונטער איר בוימ, געזעסנ צווייענ אונ האָבנ גערעדט וועגנ דעמ, וויאזוי די לימענעס ווילנ דאָ ניט וואקסנ. זיי האלטנ נאָר פונ לאנגע זומערס, אונ דאָ האָט מענ נאָכ קיינ לאנגע זומערס פונ זייערטוועגנ ניט צוגעטראכט. ניט מער, — האָט איינער פונ די צוויי צוגעגעבנ, — אייניקע זעצנ לימענעס בא זיכ אינ שטוב. אונ אז מע האָט דערצו גערולד אונ פארשטאנד, נעמט מענ דערנאָכ אראָפ אייגענע גערעטענישנ.

— יאָ, — האָט די האלבע לימענע געענטפערט. — מיר דארפנ א זומער א לאנגנ, לאנגנ... בארנ דערלייגנ אויכ ניט צו אזא זומער, כאָטש איר, די ווינטער־בארנ, נייטיקט זיכ אינ דעמ א ביסל ווינציקער.

די צוויי וויטע פריינט האָבנ נאָכ לאנג אזוי שטיל זיכ געשושקעט צווישנ זיכ, ביז די באר האָט פלוצעמ אופגעגעבנ:

— האָרכסטו, מיינ טייערינקע, וואָס מיר איז נאָרוואָס איינגעפאלנ. — האָט די באר אָנגעהויבנ, — א גדאנק איז עס גאָר ניט קיינ שלעכטער — אויב מיר זיינענ איינס דאָס אנדערע יאָ אזוי געפעלנ, וואָלט ניט געשאט, מיר זאָלנ עפשער צווישנ זיכ א שידעכ טונ.

די האלבע לימענע האָט עפעס געוואָלט זאָגנ, נאָר אזויווי די באר האָט נאָכ ניט געענדיקט איר גדאנק, האָט זי געזאָגט:

— איכ בעט דיכ, שלאָג מיר ניט איבער. אז איכ וועל ענדיקנ, וועסטו דערנאָכ זאָגנ, צי דו ביסט מאסקימ, צי נישט. אָט הער אויס. בעשאס איכ בינ נאָכ געהאנגענ אפנ בוימ, האָב איכ איינמאָל געהערט, וויאזוי די זעלבע צוויי, וואָס זיינענ געזעסנ אפנ בענקל אונטער אונדזערע צווייגנ, האָבנ דערציילט וועגנ דעמ שידעכ, וואָס דער קארש מיט דער פלוימ האָבנ צווישנ זיכ געטאָנ, אונ שטעל זיכ פאָר, אז די קינדער זייערע האָבנ איבערגענומענ די מיילעס אי דעמ פאָטערס, אי דער מוטערס, אונ ס'איז געבוירנ געוואָרנ אזעלעכס, וואָס איז געווענ געשמאקער אונ שטארקער, אי פונ דער פלוימ באזונדער, אי

פונעמ קארש באַזונדער. איצט קאָנסטו זאָגנ דײַנ מיינונג, וואָרעמ איכ בינ שוינ גרייט צו הערנ.

די האַלבע לימענע איז אָבער פונ די דאָזיקע רייד געוואָרנ שטארק פאַרקלעמט און האָט געענטפערט:

— א שידעכ?.. בא אזא מינ אויסזענ, וואָס מיר האָבנ, קאָנענ מיר ריידנ וועגנ שידוכימ?

די ארומגעדריזעטע באַר האָט זיכ אויכ דערופ פאַרטראַכט. דער אויסזענ איז דאָכ בא זיי בײדנ ווירקלעכ געווענ א טרויעריקער.

— גערעכט, — האָט די באַר אינ א קורצער ווײַלע ארומ צוגע־גערבנ. — וואָס עמעס, איז עמעס, אָבער די יאָרערנ... די יאָרערנ זײַנענ דאָכ בא אונדז בײדע געבליבנ...

אינדערפרי האָבנ אינ עסצימער ווײַטער גענומענ קלינגענ טע־לער און גלעזער און לעפל. מע האָט צעעפנט דעמ שפּײַז־אַלמער און צווישנ אַלצ דאָס איבעריקע האָט מענ אויכ דאָס דאָזיקע פאַרפאַלק גענומענ צומ טיש...

פונ דער האַלבער לימענע איז נאָר געבליבנ די שאָלעכצ מיטנ גראָב אָנגעבעטנ פלייטשקעלע, און פונ דער ארומגעדריזעטער באַר איז שוינ דאָס אויכ ניט געבליבנ.

און דאָ וואָלט שוינ די מײַסע קאָנענ זײַנ געענדיקט, ווענ ניט מיי־לעכקעס ברודער שלוימקע, וואָס לערנט שוינ אינ פערטנ קלאס און האָט א נאַטור אונטערקלײַבנ ווי א יאָדער און ווי א קערעלע פונ אַלצ, וואָס מע עסט בא זיי אינ שטוב: פונ קירבעסנ, איז פונ קיר־בעסנ, פונ קאַווענעס, איז פונ קאַווענעס, און פונ פלוימענ, און פונ עפל, און פונ ווײַמפּערלעכ, און פונ פערשקעס, און פונ לימענעס, און פונ ווײַנטרויבנ. אסאַכ יאָדערנ טראָגט ער אָפּ אינ שול פאַר זײַנ קרײַזל און אסאַכ פלאַנצט ער אײַנ בא זיכ אינ גערטנדל, אָדער אינ שטאָל, און אפילע אינ שטוב שטייענ בא אימ אָנ א שיר טעפּעלעכ מיט ערד און מיט פאַרשיידענע געוויקסנ, סײַ נאַטירלעכע, סײַ גע־קאָמבינירטע. און דער דאָזיקער שלוימקע האָט ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהײַט און אויכ אונטערגעקלײַבנ די יאָדערנ פונ אונדזערע בײדע באַקאַנטע — דער געוועזענער האַלבער לימענע מיט דער געוועזענער ארומגעדריזעטער באַר. אויב אזוי, קאָנ זײַנ, אז דער שידעכ, וועגנ

וועלכנ די באַר האָט געטרוימט, זאָל טאקע זײַנ א שידעכ. אונ דערום
וויל איכ קלערנ, אז דאָ, ווו מיר האלטנ, איז נאָכ נישט דער סאָפ,
נאָר אנ אָנהייב פונ א פריש מײַסעלע, וואָס איכ וועל אײַכ זיכער
דערציילנ גאָר אינגיכנ. אָמיכ זיכ נאָר א ביסל בעסער באקענענ
מיט שלוימקענ אונ מיט א טייל פונ זײַנע געוויקסנ, וואָס ער פירט
בא זיכ אוים.

א מינ גוטע, א מינ פריילעכע וועלט ס'איז!

— ניטאָ שוינ אזוי פרי קיינער אינ שטוב ?
— ניינ, ניטאָ.
— ווו איז די מאמע ?
— אינ גאָרטנ.
— ווו איז דער טאטע ?
— אפ דער ארבעט.
— אונ דו טוסט זיכ שוינ אָנ ?
— יאָ, איכ טו זיכ שוינ אָנ.

די שכיינע, וואָס האָט דאָס אלצ געפרעגט, איז אוועק צומ גאָרטנ זוכנ די מאמע, אונ וואסיוטקע, וואָס האָט דאָס אלצ געענטפערט, האָט זיכ א ציי געטאָנ פונעמ געשמאקנ שלאָפ אונ איז געגאנגענ זיכ אָנטונ.

איאַ, אַז מע שטייט אויף פון שלאָף, טוט מען זיך אָן? פֿאַרשטייט זיך!

אָבער זײַן אַנטאָן איז איצט באַשטאַנען בלויז פון איין מאַלבעש: אַ פּאָר בלויע קורצע הייזעלעך מיט רויטע אַרומגעזוימטע און מיט אַ גומענדל פֿאַרצויגן — אַ פּאָר טרוסיקלעך.

וואַסיוטקע האָט געגעבן מיט זײַן גאַנצן באַרוועס אַ טאַנץ איבער דעם ריינעם גלאַטן ברעטערדיקן דיל. ער האָט צעעפֿנט דאָס פֿענצ־טערל אינעם קליינעם גערטל אַרײַן. די ווײַנשלבײַמער האָבן אַ שאָקל געטאָן אַהער מיט זייער באַגיינטער בליונג, אַזעלכע יונגע אַלע און אַזעלכע יאַנטעוודיקע, שיר וואָס זיי רעדן ניט אויס צו וואַסיוטקען:

— גוט מאָרגן, יאַטל.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר, — צעשמייכלט זיך וואַסיוטקע. ער קאָן זיך ניט אָפּרײַסן פון גערטל. דאָס גראָז איז דאָרט יונג און גרין, אַזויווי אַ פֿריש אויסגעזיקעמט קעפּעלע בײַ אַ קליין, יונג קינדעלע. יעדער גרעזעלע שטייט באַזונדער. וואַסיוטקע קאָן זיך פֿונדאַנען ניט אָפּרײַסן. נאָר ס׳וואַרטן אויף אים נאָך אַ שיר אַנגענעמענע קלייני־קייטן: ערשטנס, כאַפּן דעם עמער און אַ לויף טון צום ברונעם. שוין באַלד אַ וואָך צײַט, אַז ער וואַשט זיך ניט אין שטוב, נאָר אין הויף לעם ברונעם. דאָרטן איז זייער אַ כאַכע זון אינדערפֿרי, און ס׳איז אַ פֿאַר־גענינגן צו שעפּן פֿונעם עמער גאַנצע קווערט וואַסער און זיך וואַשן, וויפֿל ס׳גייט אין דיר אַרײַן. די זון איז שוין פֿול אומעטום, און וואַסיוטקע באָדט זיך אין איר, ווי גרויס ער איז. ער וואַשט זיך מיט וואַסער און באָדט זיך אין זון.

דערנאָך וואַרט אויף אים אַ גלאָז פֿרישע, רויע מילך און אַ וואַרעם קאָרן־פּלעצעלע, אײַנגעוויקלט אין אַ האַנטעך. נאָכן וואַשן גלוסט זיך טאַקע עסן.

דערנאָך וואָלט מען דאַרפֿן אַ קוק טון צו די טויבן און צו די קראָליקעס. שפּעטער וועלן קומען בײַ׳ל גוטמאַן און קאָליע קאַ־מענקער, וועט מען גיין צום בראָד אַלע אינדרײַען כאַפּן פֿיש. איי־נעכטן האָבן זיי אָנגעכאַפּט עפּשער צו האַלבע פֿונט פֿיש יעדערער. דערנאָך ליגט לעם בעט צעעפֿנט און ניט דערלייענט „די שווימענ־דיקע שטאָט" — זייער אַ שיין ביכל. ס׳ניט פֿון קיין שטאָט דערציילט זיך דאָרטן, נאָר פֿון אַ גרופּע שיפֿן, וואָס דינען אַלס אַן אָפּרו־הויז —

א שווימענדיק אָפּרו־הויז. דאָרט איז דאָ א קלוב, א ביבליאָטעק, א טעאַטער, א ראַדיאָ, און טישן מיט בענק, און בעטלעך, און א פּאַרק, און א שול, וואָס לערנט שווימען. אַרבעטער און קאָלווירט־לער פאַרברענגען דאָרט זייער אורלויב. זיי רוען אָפּ. זיי פאַרווײַלן זיך, זיי נעמען זיך־אָן מיט געזונט. קאָן זײַן, אַז דער טאַטע וואַסיוטש־קעס זאָל קריגן א פּלאַץ אין אַזא אָפּרו־הויז פאַר זיי אַלע דרײַען.

די מאַמע איז קעגן.

די מאַמע זאָגט: „אַז מיר וועלן אַלע דרײַ אַוועקפאָרן, וואָס וועט ווערן מיט די גערטנער?" ס'גאָרניט, מ'וועט זי אײַנריידן. די מומע וואַליע וועט דאָ זײַן דעם כוידעש צײַט, אויב מע וועט עס נאָר דאַרפן.

וואַסיוטקע איז אַרויסגעלאָפן אין הויף אַרײַן. ניט ווײַט פון הויף האָט זיך געצויגן א גרינע לעוואַדע. דאָס גרינס האָט גערופן צו זיך, געענטפערט: „קום אַהער, יאַטל, דאָ איז גוט צו זיצן, דאָ איז גוט צו ליגן, דאָ איז גוט צו לייענען, דאָ איז גוט צו טראַכטן".

וואַסיוטקע האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן. ער איז איבערגעשפּרונ־גען איבערן פּלויט און איז אַוועקגעלאָפן גלײַך אַהין. ער האָט זיך צעטאַנצט, ווי א יונג לאָשעקל. ער איז אָפּגעלאָפן וואָסערע צוויי הונדערט שפּאַן איבער דער גרינער ראַכוועס און זיך אויסגעצויגן אין זײַן גאַנצער לענג אויפן ווייכן, אָנגעוואַרעמטן גראָז. די זון באַקט נאָך ניט, זי וואַרעמט און גלעט. א זשוקעלע האָט פאַרפּויזעט צו וואַסיוטקען אויף דער רעכטער האַנט און זיך צוגעשטעלט קלערן, צי ס'קעדײַ קריכן ווײַטער, צי ניט...

וואַסיוטקען איז געווען גוט אויפן האַרצן פון אַלצדינג מיטאַמאָל, און נאָך פון איין זאַך.

ס'איז ערשט פינף טעג, אַז מע האָט זיי צעלאָזט פון שול, און אַלע גאַנצפרי שטייט ער אויף אַראַנק יענער־אָ זאַך מיט זייער א גוטן געפיל.

— וואָס־זשע איז עס פאַר א זאַך?

— ער איז אַריבערגעגאַנגען אין פערטן קלאַס.

— נו איז וואָס? זײַנען דאָך קימאַט אַלע קינדער, וואָס האָבן געלערנט פאַריקן ווינטער אין דריטן, איצט איבערגעגאַנגען אין פערטן!

— נו, יאָ. אָבער וואסיוטקע איז איבערגעגאנגענ מיט גאָלע גוט.
— א———הא—א—א! מיט גאָלע גו־ד־ט? איז דענ נאָר איינ וואסיוטקע?
— ניינ, ניט נאָר ער איינער... אָבער מיט אימ איז געווענ א מײַסע.
— אנו, וואָס?
מיט אימ איז געווענ אזוי. ער האָט געלערנט דעמ ערשטנ קווארטאל. געלערנט? עט! ער פלעג אמאָל א כאַפּ טונ א קוק אינ א ביכל, א שרײַב אינ א העפט, אונ א זיקאָרנ האָט ער א גוטנ, איז אויסגעקומענ, אז ער קענ... אָבער די לערערס נארט מענ דאָכ ניט אָפּ, וואָרעמ ס'איז נאָר אויסגעקומענ, אז ער קענ. האָט מענ אימ געשטעלט „באפרידיקט", אונ אפּ אנדערע קעגנשטאנדנ — „קוימ באפרידיקט".
אז דער טאטע האָט איבערגעקוקט אינדערהיימ וואסיוטקעס אקאדעמ־קארטל, האָט ער לאנג געשאָקלט הינ אונ צוריק מיטנ קאָפּ.
— ביסט דאָכ טאקע א לעדאשטשער, — האָט ער ענדלעכ געזאָגט צו וואסיוטקענ. — האָבנ אזא קאָפּ, ווי דו האָסט, אונ פארמאָגנ אזא שול, ווי מיר פארמאָגנ, אונ ערשט גיינ אפּ באפרידיקט?
וואסיוטקע האָט זיכ א קראצ געטאָנ אינ פּאָטיליצע. א סוואָרע איז עס, אז ער האָט אָפּגעגעבנ דעמ טאטנ דעמ גערעכט. אונ... אפנ צווייטנ קווארטאל האָט ער זיכ א ביסל אונטערגעצויגנ.
ער האָט צו איינע מאָל דורכגעקוקט אלצ, וואָס מע האָט אימ פארגעבנ אינ שול. טונ פלעג ער עס שטייענדיק אונ גייענדיק, אָנ כיישעק אונ ניט ערנסט.
ער וועט שוינ זענ, וואָס וועט מענ אימ שטעלנ נאָכנ צווייטנ קווארטאל.
— נו, וואָס? גוט? נע־ע... באפרידיקט?
עט, ס'איז נאָכ ניט דאָס, וואָס מע דארפּ. ס'זײַנענ דאָ א פּאָר „גוטנ" אויכ, נאָר גראדע ניט דאָרטנ, וווּ ער, וואסיוטקע, וואָלט עס פארלאנגט.
— האנטווערקערײַ — גוט, אופירונג — גוט.
— נו, אונ דאָס איבעריקע.
— בא...
— וואָס בא?

— באַפּרידיקט...
— נו, באַפּרידיקט דיך דער „באַפּרידיקט״ ?
— ניין.
— טאַ וואָס־זשע וועט זײַן ?
— איך ווייס אַליין אויך ניט...

און דעם עמעס געזאָגט, האָט וואַסיוטקע־טאַקע טכילעס ניט געוווּסט, מיט וואָס דאָס־אַ אַלץ וועט זיך פאַרענדיקן. ער האָט געקלערט א מאָך טון אַף דעם אַלעמען מיט דער האַנט און געגעבן.

קיין שלעכט קינד איז ער דאָך ניט. מיט „באַפּרידיקט״ פירט מען אַריבער אין דעם פערטן ? געגעבן !

אַזוי האָט ער לעכאַטכילע געקלערט, אָבער אינעווייניק האָט אים געטאַטשעט עפּעס אַנדערש :

ערשטנס, אינטערעסירן זיך אַלע, ער זאָל לערנען גוט.

די מעלוכע אינטערעסירט זיך.

די געזעלשאַפטלעכקייט — אויך.

און טאַטע־מאַמע — אויך.

האָט איר זיך אײַנס.

צווייטנס, ווען ס׳ענדיקן נאָך דרײַ קינדער אַף „גוט״, געווינט זייער קלאַס דעם סאָצגעוועט. נאָך דרײַ קינדער. און ווען מע וויל, קאָן מען די דרײַ קינדער גרינג געפינען... אַז די לערערן זאָל געווען אַפילע ניט אָנווייזן, ווער די דרײַ קינדער זײַנען, וואָלטן די שילער אַלע אין קלאַס סײַווי געוווּסט, אַז דאָס זײַנען וואַסיוטקע מוקאַמאָל, בערל גוטמאַן און אַווגער וואָלקינד... נאָך אַט די דרײַ קינדער זאָלן איבערגיין אַף גוט, געווינט זייער קלאַס דעם געוועט. טאַ וואָס־זשע איז, סאַפּקאַלסאַפּ, די מעניע ?

אין דעם ערשטן טאָג פון דעם דריטן קוואַרטאַל האָט וואַסיוטקע אָנגענומען א פעסטן באַשלוס, אָבער ביז גאָר א פעסטן.

אַלע באַטאָג פון דרײַ ביז פינף איז ער געזעסן באַם טיש מיט ביכער, מיט העפטן, מיט אַן אָפענעם טינטער, מיט א שרײַבנדיקער פען און ער האָט עפּעס געטאָן.

די מאַמע רופט פון קיך :

— וואַסיוטקע, גיי נעם א ביסל שאַלעכץ פאַר דײַנע קראָליקעס וועגן.

און וואַסיוטקע געענטפֿערט:

— לייג צונויף אונטערן טאַפּטשאַן. איך בין איצטער פֿאַרנומען.

די מאַמע זאָגט:

— וואַסיוטקע, דו האָסט, דוכט זיך, געוואָלט טיי, דער טשײַניק איז אופֿגעזאָטן.

און וואַסיוטקע ענטפֿערט:

— זאָל זײַן שפּעטער. איך בין איצטער פֿאַרנומען.

די מאַמע פֿאַרבײַסט פֿריילעך א ליפּ און טוט א ווונק צו זיך אליין — איינער מיינט: מיטן יינגל טוט זיך עפּעס... ער איז שוין אפֿ א וועג...

און וואַסיוטקע אַרבעט און פֿילט א טאַם אין דער אַרבעט.

אין א קורצער צײַט אַרום מעלדעט וואַסיוטקע:

— מאַמע, פֿון שול וועל איך הײַנט קומען ניט איינס, נאָר דרײַ.

— וואָס איז?

— מירן הײַנט מאַכן בא בערלען די לימודים.

— ווער איז דער „מיר”?

— איך, ער און וואַלקינד.

— וואָלט איר עפּשער געלערנט בעסער דאָ?

— קומענדיקע וואָך וועלן מיר לערנען דאָ.

און וואַסיוטקען איז דאָס לערנען געקומען צום טאַם. איינס האָט געהאָלפֿן דעם אַנדערן. און דער רעזולטאַט איז געווען א דערוואַרטער און זייער א דערפֿרייענדיקער: ג ו ט, ז יי ע ר ג ו ט א ו ן א ו י ס ג ע־צ יי כ נ ט! דער קלאַס האָט געוווּנען דעם געוועט. און פֿאַרוואָס איז עס בא וואַסיוטקען געווען אזוי אָנגעלייגט? דערפֿאַר ווײַל ער האָט געזען, אז דאָס איז די פּרוכט פֿון זײַן אייגענער מי. און ס׳גאָר ניט געווען אזוי שווער, ווי מע האָט געקאָנט מיינען, און ס׳גאָר ניט געווען אזוי ווײַט, ווי ס׳האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן.

שוין פֿינף טעג, אז וואַסיוטקע איז פֿרײַ.

ער קוועלט אָן פֿון דער פֿרײַ, פֿונעם יונגן זומער, פֿון די בלױענדיקע שיינע טעג. אזעלכע גרויסע, שפּאַרעוודיקע טעג, וואָס קלעקן פֿאַר אַלץ: שאָען אפֿ זיך שפּילן אליין, שאָען אפֿ אומלויפֿן מיט כאַווײרים,

אפ לייענען, אפ באַרנ זיכ, אפ זייענ, אפ מײַסטרעווענ, אפ פלאַנצנ,
און אומעטומ פילט ער אלס א גוטנ צושפּיל די ווערטער אפנ אקאַ־
דעמ־קאַרטל:

גוט,

זייער גוט,

אויסגעצייכנט!

אכ, א מינ גוטע, א מינ פרייל‏עכע וועלט ס'איז איצט!..

ווּעדליק און פּאָדליק

באָנציע שאָר האָט ליב געהאט זײַן טאטן. באָנציע שאָר האָט פון קליינוויַיז אָן מער ניט געזען קיין פרײַנט. זײַן מאמע געדענקט ער ניט. זי איז געשטאָרבן א טאָג נאָך זײַן געבוירן, און פון איר איז געבליבן א קליין קארטעלע, וואָס הענגט בא זיי אונטערן אלטמאָדישן שפיגל, און עפּעס א מאָדנע פארנעפּלטקײַט, וואָס איז געגליכן צו א ווײַטן אָנדענק.

אופגעצויגן באָנטשיקן האָט דער טאטע אין זייער קליין געטונקע־ װעט שטיבעלע, װאָס שטייט לעבן טויער פון זייער אלטן ציגעלניע־ גאָרטן, דעם גרויסן און לאנגן גאָרטן, װאָס איז שוין קימאט אינגאנצן צעגראָבן אין גריבער אפּ ליים.

דער טאטע האָט אים געהיט, באָנטשיקן, ווי אן אויג אין קאָפּ. אים אופגעצויגן און געזען, ס'זאָל אים ניט זײַן אומעטיק.

אז ער פלעג אוועקגיין צו די גריבער און צו די ציגל, פלעג ער מיט־ נעמען באָנטשיקן, א קלײנינקן, פון צוויי יאָר עפּשער, אים אײַנמאָס־ טען אפּ א ווייכן אָרט אין גראָז, און אליין פלעג ער שפּאנען דערווײַל

דאָס פערד, עס זאָל דרייענ די ראָד, וואָס קנעט די לײמ אינ א גרויסנ קײַלעכדיקנ הילצערנעמ קאסטנ, וואָס איז אײַנגעגראָבנ אינ דער ערד. דער טאטע טרײַבט אָנ דאָס פערד, גייט נאָכ נאָכ דעמ ראָד־ארומ אונ מאכט בײַסמײַסע כיינדלעכ, וואָס איינציײַטיק טרײַבנ זיי דאָס פערד אונ צעלאכנ אגעוו דאָס יאטל דאָרט אינ גראָז זיצנדיק.

מיכל דער ציהעלניק, באָנטשיקס טאטע, האָט נאָכ געהאט א מאָדע איינע: ער האָט ליב געהאט כקירענ אונ ריידנ קעסיידער מיט „ווערליק" אונ „פאָדליק".

צומ פערד, ווענ ער טרײַבט עס אָנ, רופט ער זיכ אָנ אמאָל מיט אזא לאָשנ:

— ווערליק דו ביסט אנ אלטע שקאפע, א פוילע, וואָלט איכ דיכ דאפקע ניט געוואָלט קענענ, נאָר פאָדליק דו העלפסט מיר, מיכלענ דעמ ציגלמאכער, וואָס אליינ וואָלט ער אזא גרוב מיט לײמ ניט אויס־געקנאָטנ, איז מיילע. נאָר ווײַז, וואָס דו קענסט. ריר זיכ א ביסל, קאָלע געראָטענע. פאשע פונדײַנעטוועגנ וועט הײַנטיקע וועסנע קלעקנ. וויאָ!

מיכל טײַנעט מיטנ פערד, גייט נאָכ מיט דער בײַטש ראָד־ארומ, אונ דער צוויי־יאָריקער באָנטשיק שפילט זיכ דערווײַל אינ גראָז, קלײַבט אויס גרינע צאצקעס מיט געלע קעפעלעכ אונ קוועלט אָנ פונעמ טאטנס כאָכמעס.

וועגנ די קאָמוניסטנ האָט מיכל קעסיידער אזוי געכקירעט:

— ווערליק זיי זײַנענ אפיקאָרסימ אונ ווילנ קיינ מינכע ניט דאווענענ, קומט זיי טאקע שמײַסנ, נאָר פאָדליק זיי זײַנענ „אמכאָ" אונ „נאָש־בראט" אונ פאָדליק זיי ווילנ אויסגלײַכנ די וועלט, אז דער ארבעטער זאָל זיכ בא אונדז רעכענענ פארנ בעסטנ מענטשנ, איז ל י ו ב ל י ו! זײַנענ זיי בא מיר מ אָ ל אָ ד צ אָ מ.

פאמעלעכקע די יאָרנ גייענ. באָנטשיק איז שוינ אינ שול אינ צווייטנ קלאס.

באָנטשיקנ איז געוואָרנ א כארפע; ער ווייסט, אז זײַנ טאטע טוט אָנ אלע אינדערפרי א טאלעס אונ בינדט ארומ ארומ קאָפ אונ ארומ האנט צוויי קלייניקע טפילימלעכ. לעמ פריפעטשיק שטייט ער אונ בריט מילכ אינ א קופערנעמ פענדל פונ דײַנעמ אונ פונ באָנטשיקס וועגנ אונ מורקעט עפעס אונטער דער נאָז: מממ, מממ.

טאָמער וויל אימ באַנטשיק עפּעס אַ פרעג טונ, בעשאַס ער דאַוונט, ענטפערט ער אימ:

— נו־אָ.

איינער מיינט: אַוועק, מע טאָר ניט איבערשלאָגנ.

באָנטשיק האָט זייער ליב געהאַט דעמ טאַטנ אונ זיכ געשעמט מאַכנ דעמ טאַטנ באַמערקונגענ. ס'האָט אימ אָבער געאַרט אונ גע־טאָטשעט קעסיידער אַזוי לאַנג אונ אַזוי ברייט, ביז איינמאָל אינ אַ מיטוואָכ פאַרנאַכט, בײַס ער איז געגאַנגענ מיטנ טאַטנ אָנשנײַדנ גראָז פונ דער בעהיימע וועגנ, נעמט ער גאָר אונ צעוויינט זיכ.

מיכל האָט זיכ דערשראָקנ. ער האָט געמיינט, אַז באָנטשיק האָט זיכ אײַנגעשניטנ די האַנט מיטנ שנײַד־מעסער. ערשט ס'ניט דאָס. אונ נאָכ לאַנג אויספרעגנ דערציילט קוימ באָנטשיק, אַז ער שעמט זיכ אינ שול, וואָס זײַנ טאַטע גלייבט אינ רעליגיע.

— נאַרעלע! — האָט צו אימ מיכל אַ זאָג געטאָנ, — זאָלנ עס די בורזשויענ מער ניט האָבנ אָפּ וועטשערע, וויפל איכ גלייב שוינ אינ רעליגיע.

— פאַרוואָס־זשע דאַוונסטו?

מיכל האָט זיכ אופגעהויבנ פונ גראָז מיטנ שנײַדמעסער אינ האַנט. ער האָט פריִער אַ קוק געטאָנ צו דער ווײַסער שקאַפּע צו זייערע, וואָס האָט זיכ געפּאַשעט פונדערווײַטנס אַ געפּענטעטע, דערנאָכ צומ הימל מיט די צעריסענע ווײַסע כמאַרעס, דערנאָכ צו באָנטשיקנ מיט דער קופּקע אָנגעשניטענעמ גראָז, דעמ שטערנ האָט ער אָנגעצויגנ, דעמ אַרומגעבונדענעמ ווײַזפינגער האָט ער אַ הייב געטאָנ אַרופּ:

— אונ אויס גאָט, הייסט עס?

בײַ באָנטשיקנ, וואָס איז אַלע יאָרנ אַ דאַרינקער אונ אַ בלייכינקער, האָט זיכ אַ ווײַז געטאָנ די פאַרב אינ די באַקנ. זײַנע גרויסע אויגנ האָבנ זיכ צעעפנט, אונ ער זאָגט:

— ווער סע גלייבט אינ באָלשעוויקעס, דער גלייבט ניט אינ קיינ גאָט.

מיכל ציגלמאַכער האָט זיכ צוגעזעצט לעמ אַ הילצערנער צוויי־ציגלדיקער פאָרמע, וואָס איז אויסגעשמירט אינ גרויער פּאַרטריקנטער ליימ, אונ האָט אָנגעהויבנ אָפּ זײַנ אַלטנ שטייגער:

— ווערליק מע זאָל זיכ צוהערנ צומ ראָוו מיטנ סידער, מיטנ אָרנ־

קווּדעש, קומט אויס, אַז מע דאַרף יאָ דאַווענען, נאָר פֿאַרליק מע זעט, אַז אַלע „דוכאָוונע" זײַנען גאַטס גאַנאַווים און דרייען אומזיסט אַ קאָפּ־טער, קומט אויס, אַז מע דאַרף נ י ש ט דאַווענען... המ... און שאַבעס, ווילסטו, זאָל איך אַרבעטן בײַ די ציגל?

באַנטשיקן איז געוואָרן ליכטיקער פֿון דעם, וואָס זײַן טאַטע איז גאָר ניט אַזאַ פֿרומע נעשאָמע, און ער האָט שוין אויך אָנגעהויבן מיט „וועדליק" און „פֿאַרליק":

— וועדליק — מאַכט ער, — מע דאַרף אָפּרוען אײן טאָג אין דער וואָך, וואָלסטו מעגן שאַבעס ניט אַרבעטן. נאָר פֿאַרליק ס'איז אַלציינס, וועלכן טאָג מע זאָל ניט אויסקלײַבן, טאָ קלײַב אויס בעסער דעם טאָג, וואָס די אַרטעלן אַרבעטן ניט, אָדער דעם טאָג, וואָס איך לערן ניט אין שול.

מיכל האָט זיך אָנגענומען בײַ זײַן שמואל ליים־קאָלירן בערדל, די גרויע אויגן האָבן בײַ אים געבליצט מיט נאַכעס, וואָס ער האָט דער־לעבט, ער זאָל שוין קאָנען ריידן מיט זײַן זון פֿון „אײדעלע" זאַכן.

— אַ־נו! — האָט ער פּלוצעם אַ טרײַב געטאָן די ווײַסע שקאַפּע, וואָס איז געקומען צו שפּרינגען און גענומען צופּען דאָס אָנגעשניטענע גראָז. — אַ־נו, פּוילע שקאַפּע, האָב דיר אַ שוואַרץ יאָר! ביסט אָנגע־קומען אַפֿן גרייטן!? — און צו באַנטשיקן צוריק מיט אַ פֿריילעך קאָל: — אַך, קליינער מאַזיק וואָס דו ביסט! אַזוויוו דו זאָגסט!? וועדליק דער טאַטע מיטן זיידן האָבן דאָ געאַרבעט בײַ די ציגל, האָבן זיי ניט געוווּסט פֿון קיין גליקן, נאָר פֿאַרליק די באָלשעוויקעס מאַכן אַ נײַע וועלט, און די נײַע וועלט איז טאַקע עפּשער קליגער, טאָ זאָל שוין זײַן אַ שעסטידענקע... נו... און דער טאַלעס?

— אויב דו ווילסט... קאָן איך אים אָפּטראָגן אין אוטיל.

— אוי, ביסטו אַ רועך, — האָט מיכל מיט נאַכעס אַ זאָג געטאָן און פֿאַנאַנדערגעשאַרט מיטן פֿאַרבונדענעם ווײַז־פֿינגער די גרויסע וואָנצעס, וואָס זײַנען אים אַראָפּגעפֿאַלן איבערן מויל. — גאָר נעמען אַ גאַנץ שטיקל וואָלנס און אָפּטראָגן אין אוטיל?... איך וועל דיר פֿריער... אופֿנייען פֿון אים אַ גאַרניטערל... דערנאָך וועל איך אים אויספּאַרבן. און וועדליק און פֿאַרליק דו וועסט אים פֿאַרנוצן געזונטער־הייט, און דערנאָך טראָג אים, ווו הינ דו ווילסט, פֿונמײַנעטוועגן מעג אַפּילע זײַן אין אוטיל־סי־ראָ־ווי־נאַ! און וועדליק און פֿאַרליק די ראַבע

וועט שוינ הײַנט האָבנ א גוטע וועטשערע, טאָ קומ... יאָ... אונ מינכע דאוונענ, הא?.. די מינכע, זאָגסטו, האָט א ציג אופגעגעסנ?! הא? איַי, דו שקאָצ, ס׳דאָכ אלצ א געווינשאפט, זאָג איכ דיר. נו, האָב איכ זיכ פונ רויכערנ יאקאָס אָפגעווינט?! וועל איכ זיכ מירצעשעמ פונ דעמ אויכ אָפגעווינענ!..

בוימל קויפט מען? — בוימל מאַכט מען!

דאָס איז נאָך געווען צוריק מיט יאָרן.

מייקע האָט ניט געהאַט קיין טאַטן, ער האָט נאָר געהאַט א מאַמע און אַן אַלטן זיידן.

מייקעס מאַמע מיטן זיידן זײַנען געווען אָרעמע, האָבן זיי ניט געהאַט קיין גוטע זאַכן צום עסן. אַמאָל נאָר, אום יאָנטעוו, פֿלעגט די מאַמע קויפֿן א פֿלעשעלע אייל אָדער בוימל און צופּרעגלען אָפּ א פּאַן איבערן פֿײַער, אַמאָל מיט ציבעלעס, אַמאָל אָן ציבעלעס, און אַלע פֿלעגן זיי עס עסן מיט ברויט.

מייקע האָט זייער ליב געהאַט געפּרעגלטן בוימל. פֿלעגט ער נאָך יעדן יאָנטעוודיקן וואַרמעס לעקן די פֿינגער. ביז די מאַמע האָט אים איינמאָל געזאָגט, אַז ס'איז ניט שיין לעקן די פֿינגער, האָט ער געמוזט אויפֿהערן.

איינמאָל, ווען די מאַמע מיטן זיידן זײַנען שוין געווען אינגאַנצן אָרעם, איז געקומען א יאָנטעוו־טאָג. אין אַלע הײַזער הייצן זיך די אויוונס, און פֿון די קוימענעס שפּאַרט א רויך. ס'טראָגט זיך איבער די גאַסן א רייעך פֿון פֿעטע, שמעקנדיקע מײַכאָלים. אינדרויסן איז פֿריי-

לינג. קומט מייקע צו לויפן פון גאַס. אים איז שלעכט אפן הארצן, און ער הייבט אָן רײַבן מיט די הענט די נאָז.

— מע טאָר ניט רײַבן די נאָז, — זאָגט די מאמע.

לאָזט מייקע אָפּ די נאָז און נעמט רײַבן די אויגן.

— מע טאָר ניט רײַבן די אויגן, — שרײַט אָן די מאמע.

דאָ קאָן זיך שוין מייקע ניט אײַנהאַלטן און שיסט אויס א געוויין:

— ער וויל, די ווײַסע טעלער זאָל מען געבן צום טיש...

— וווּהין טויגן די ווײַסע טעלער, אז סע איז ניטאָ, פאר וואָס צו קויפן קיין בוימל?

וויינט מייקע ווײַטער, וויינט און וויינט, וואָס ווײַטער שטארקער, און אפּ א קאָל.

רוקט זיך ארויס דער זיידע פון צווישן אויוון און רופט זיך אָן:

— ווי קלערסטו, בראָכע (אזוי הייסט מייקעס מאמע), אז מ'וויל האָבן בוימל אפּ א גאנץ יאָר?

— קויפט מען! — זאָגט די מאמע.

— קויפט מען? און מיר דאכט זיך, אז בוימל קאָן מען מאכן...

— ניין, מע מוז קויפן! — זאָגט די מאמע.

— ניין, בוימל קאָן מען מאכן, — זאָגט דער זיידע.

זיי דינגען זיך, און מייקע הערט דערווײַל אויף וויינען און נעמט זיך אײַנהערן.

— אָט וועסטו זען, — זאָגט דער זיידע, — אז איך מיט מייקען וועלן זיך א נעם טון צו דער ארבעט, וועלן מיר האָבן בוימל אפּ א גאנץ יאָר. און דאָס קינד וועט פארשפּאָרן וויינען און מעקאנע זײַן לײַטן.

בא מייקען האָבן גענומען גלאנצן די אויגן, ער וויינט שוין ניט, ער כליפּעט זיך נאָר אָפּ.

— לאָמיר, זיידע... לאָמיר מאכן אפּ א גאנץ יאָר בוימל!.. ווי'אזוי מאכט מען?.. מיט וואָס מאכט מען?..

— נאָר ניט געײַלט, — זאָגט דער זיידע, — נעם א גראָבײַזן און קום מיט מיר אין גאָרטן ארײַן.

אינדרויסן איז געווען פרילינג. די ערד, א באשײַנטע פון זון, האָט זיך שוין צוגעטריקנט. פון די שנייען מיט די וואסערן איז שוין לאנג קיין סימען ניט געווען, מייקע און נאָך יאטן האָבן שוין לאנג פארוואָרפן די שיך און אומגעלאָפן באָרוועסע.

געקומען אין גאָרטן, וואַרפֿט אַראָפּ דער זיידע זײַן קאַפּאָטע אויפֿן פּלויט און נעמט צעגראָבן די בייטן. אויף אים קוקנדיק, ט'געכאַפּט מייקע און אויך אַראָפּגעוואָרפֿן זײַן רעקל און נעמט אויך גראָבן. דער זיידע גראָבט מיטן גרויסן אײַזן, און מייקע מיטן קליינעם אײַזן.

אינמיטן דער אַרבעט טוט מייקע אַ פֿרעג דעם זיידן:

— זיידע, מיר וועלן אויסגראָבן אַ ברונעם פֿון בוימל?

— ע, ניין, — זאָגט דער זיידע, — ניטאָ קיין ברונעמס פֿון בוימל. בוימל דאַרף מען פֿאַרזייען, וועט אויסוואַקסן.

האָט געגומען דער זיידע אַ ביסל טוטין-בלעטער און אוועקגעטראָגן צום שאָכן און געבראַכט צוריק אַן אַרבעלע יאָדערן-קערלעך.

— מיר וועלן זעצן זונען-רויזן, — זאָגט דער זיידע.

— און בוימל?

— בוימל אויך. דו זאָלסט זיך נאָר ניט אײַלן.

צעבראָנעוועט, פֿאַרזייט, באַשפּריצט די בייטן מיט וואַסער, ווײַל ס'די וואָכ ניט געווען קיין רעגן — און ס'וואַקסן זונען-רויזן.

פֿריִער זײַנען אַרויס קליינע בלעטעלעך. דערנאָך זײַנען זיי געוואָרן גרעסער. אוועק אַ כוידעש, דאָס שטענגל וואַקסט, ווערט העכער און שטאַרקער.

— ס'וועט ניט שאַטן, — זאָגט דער זיידע, — אַרומטשיפּען אַנדערע בלעטלעך, וועלן די רעדלעך וואַקסן גרעסערע.

— אַזוי רײַסן?

— ניין, ניט פֿאַררײַסן. אָפּטשיפּען אָדער מיט אַ שאַרפֿן מעסער אָפּהאַקן פֿון פֿונהינטן אַרויף. יאָ. און טו אַ רוף די שכיינע, אויב זי וועט צונעמען די בלעטער פֿאַר דער קו ווענגן, וועט זי באַצאָלן מיט מילך.

טעג גייען, און דער גאָרטן בליט. ס'האָבן זיך אויסגעפֿירט רעדלעך פֿון די קנאָספּן, זיך צעוואַקסן און בליִען זיך אַזוי. זיי דרייען זיך נאָר צו דער זון. וווּ די זון איז, אַהין דרייען זיי די רעדלדיקע קעפּ.

אויף אַנדערע שטענגלעך זײַנען אַרום און אַרום דער גרויסער ראָד אָנגעוואַקסן קליינע רעדעלעך און דרייען אויס די קעפּלעך צו דער זון נאָך דער גרויסער ראָד נאָך.

און אַזוי גייט עס — ס'בליט די גרויסע ראָד, ס'בליִען די קליינע רעדעלעך אויך.

איינמאָל קריכט צו מייקע, טוט אַ שאַר דאָס בליִעכץ באַם ראָד

אפנ פאָנעמ, פאלנ אָפּ א סאכ ווײַסע לעמפּעלעכ, אונ מײקע דערזעט ווײַסע, נאָכ ניט קײנ צײַטיקע יאָדערנ.

— זײדע! יאָדערנ! — שרײַט מײקע. — ווײַסע יאָדערנ!

— גוט, — זאָגט דער זײדע, — די קלײנע פּופּעשקעלעכ מעגסטו נעמענ, אונ די רעדער זאָלנ וואקסנ.

— זיידע! — שרייט אויס מייקע ווידעראמאָל. — זיידע! די
פויגלען פּיקן אויס די יאָדערן, אָט זע — אין דעם רעדל האָבן זיי אויס־
געפּיקט א גאַנצע שטיק!

— זיי ווילן עסן, — זאָגט דער זיידע, — פּיקן זיי. מע דאַרף נאָר
זען, ס'זאָל אונדז אויך עפּעס בלייבן. גיי, מייקע, ברענג מיין אַלטע
צעריסענע קאַפּאָטע, זי הענגט אין הויז, און געפין ערגעץ צווישן
שאַפע אַן אַלט צעריסן היטל.

דער זיידע האָט גענומען, איבערגעבונדן צוויי שטעקנס אין א
ציילעם, אַריינגעשטעקט דעם לענגערן אין דער ערד, אָנגעטאָן די
קאַפּאָטע מיט די אַרבל אַפן ציילעם, דאָס היטל אַפן שפּיץ. איז געוואָרן
א מענטש — א שרעקער. טוט דער ווינט א בלאָז — טוט זיך דער
שרעקער א דריי. די פייגעלעך מיינען, אַז א מענטש טרייבט זיי, מאַכן
זיי פּלייטע.

ביז די יאָדערן זיינען שוין געוואָרן צייטיק, די רעדער האָבן אַראָפּ־
געלאָזט די קעפּ. האָט דער זיידע מיט מייקען אויסגעשניטן די רעדער
און זיי געשפּרייט נאָך אַפן דאַך אַנקעגן דער זון, זיי זאָלן ווערן אינ־
גאַנצן פאַרטיק. דענסטמאָל האָבן זיי אויסגעשפּרייט א זאַק אַף דער
ערד, גענומען די רעדלעך און צעדראָשן, אויסגעדראָשן צייטיקע
יאָדערן.

— איצט וועלן מיר זייען בוימל? — זאָגט מייקע.
— ניין, — ענטפערט דער זיידע, — איצט וועלן מיר מאַכן בוימל.
— טאָ וויאַזוי?
— אָט וועסטו באַלד זען.

האָט אָנגענומען דער זיידע א זאַק מיט יאָדערן, א קליין זעקעלע
נעגעבן מייקען און זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט ביידע צו די אייל־
שלאָגערס. די אייל־פּרעס איז געשטאַנען אַף א גרויסן הויף הינטערן
שטאָט. דאָרט זיינען געשטאַנען אַסאַך פורן. פּויערים פון די דערפער
האָבן אָנגעפירט אייל־זוימען און יאָדערן.

— שאָלעם־אַליכעם, — מאַכט דער באַלעבאָס מיט די פאַר־
קאַטשעטע אַרבל און פאַרפעטיקטע הענט, — איר זיינט געקומען
שלאָגן אייל?

— יאָ, — זאָגט דער זיידע, — איין זעקל געבראַכט.
— גוט, די מינוט!

גיך האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן אין פּרעס די יאָדערן, די מאַמע האָט נאָך געבראַכט אַ קײלע, און אין אַ שאָ אַרום זײַנען זיי אַלע געגאַנגען אַהײם און געטראָגן אַ קענדעלע בוימל פֿון אַ גוטע צען פֿונט.

אַ גאַנצן װינטער האָט מײקעס מאַמע געבאַקן און געפּרעגלט אױף בוימל גוטע זאַכן.

מײקע האָט שוין מער ניט געלעקט די פֿינגער. נאָר אַמאָל פֿלעגט ער עפּעס העלפֿן דער מאַמען אױפֿן קיך און אַ זאָג טון:

— נו, װאָס הערט זיך, מאַמע? בוימל קויפֿט מען?

— נו, יאָ, בוימל מאַכט מען, — ענטפֿערט דער זײדע שטילער־הייט אַ צופֿרידענער און שמײכלט. די מאַמע שמײכלט אויך.

נאָר מײקע — ניט ער שמײכלט, ער טאַנצט.

— בוימל קויפֿט מען? — זאָגט ער.

— בוימל מאַכט מען!

און טאַנצט, אַז אַ רויך גייט!



דאָס עלעקטרישע גלעקל

אונדזער גלעקל אין קאָרידאָר איז אַ נײַס. מיר האָבֿן עס ערשט ניט לאַנג אויפֿגעהאַנגען איבער דער טיר און מיר פֿרייען זיך מיט דעם, פּונקט ווי מיט יעדער נײַער זאַך.

זיך פֿרייען מיט נײַע זאַכן קומט אונדז אויס אָפֿט.

אונדזער שטוב איז דאָך אויך אַ נײַע, מיט די פֿענצטער, מיט די טירן, מיט די ווענט און אַפֿילו מיט די רערן פֿון דער וואַסער־לייטונג.

דערנאָך האָבֿן מיר די נײַע פֿענצטער באַהאַנגען מיט פֿאָרהאַנגען און באַשטעלט מיט בלומען־טעפּ. אויך עט גאָלע נײַס.

און שפּעטער־צו איז אונדז נאָך צוגעקומען דאָס עלעקטרישע גלעקל (אין דער אַלטער דירע האָבֿן מיר קיין גלעקל ניט געהאַט).

ווי קליינשטעטלדיק דאָס זאָל ניט אויסזען, נאָר אַזוי איז עס! — אַלע לויפֿן מיר אַרויס צו דער טיר, ווען דאָס גלעקל הייבט אָן קלינגען.

— אָ, א גאַסט, די מאַמע איז געקומען!

און אַט קלינגט דאָס גלעקל באַם אַרײַנקומען פֿון מײַן כאַווער.

און אַטאָ קלינגט עס, מיר זאָלן אַרײַנלאָזן מענטשן פֿון דער יאָנ־טעוו־קאָמיסיע. און אַז מע ברענגט אונדז אַ רעקאָמענדירטן בריוו, קלינגט עס אויך, מיר זאָלן צונעמען און זיך פֿאַנאַנדערשרײַבן באַם בריוונטרעגער אין בוך.

אַסאַך מאָל דערקענען מיר דעם קלונג און מיר ווייסן שוין פֿריִער, ווער ס'רעדט פֿון יענער זײַט טיר צו אונדזער גלעקל.

באַנאַכט, ווען אַלע שלאָפֿן שוין בײַ אונדז אין שטוב, קאָן מען מיינען, אַז דאָס גלעקל שלאָפֿט אויך, נאָר ס'איז אַ טאָעס — דאָס גלעקל איז וואַך. סע שווײַגט, סע האַלט זיך שטיל, אָבער עס איז וואַך די גאַנצע נאַכט, מאַלע וואָס ס'קאָן זיך טרעפֿן.

אַט האָט עס אַנומלטן געגומען קלינגען און אַלעמען אופֿגע־וועקט.

— וואָס איז?

— אַ דעפּעש.

און ווירקלעך, דער טעלעגראַמען־טרעגער האָט דערלאַנגט אַ דעפּעש.

„דער טאַטע געזונט פֿ י נ ט ל אַלע געזונט פֿ י נ ט ל מע בעט קומען גאַנצער געזינד אָפּ סימכע פֿ י נ ט ל".

קאָנטיק, אַז די סימכע איז אויסגעוואַקסן אומגעריכט, דערום האָט מען אונדז געלאָזט וויסן מיט אַ בליצשנעלער טעלעגראַמע.

אַ צווייט מאָל צעקלינגט זיך דאָס גלעקל אינמיטן פֿאַרטאָג. און דאָס לעמפּעלע, וואָס אונטער דעם, האַלט זיך אין איין צינדן (פּונקט ווי דאָס געקלאַנג וואָלט געווען זײַן לאָשן, און דאָס ליכט אינעם לעמ־פּעלע — די מינע, וואָס אָפּ זײַן פּאָנעם). אַט ווײַטער אַ קלונג, און ווידער טוט זיך דאָס לעמפּעלע אַ צינד.

— וואָס איז?.. — אַהאַ! זײַער גוט! אַט גוט! אַ גאַסט, אַ גאַסט! נאָרוואָס פֿון צוג? טאַקע זײער גוט. טו זיך אויס. ש ו י ן שטעלן מיר טײַ!

אַנומלטן באַנאַכט האָט דאָס גלעקל געגומען קלינגען און זיך אַזוי פֿאַרגיין, אַז עס קאָן זיך גאָר ניט אָפּשטעלן.

— האַ, וואָס איז?

(האלב צוויי באנאכט. מיר זיינען נארוואס איינגעשלאפן... דער ערשטער שלאף...)

עפשער א גאסט מיט א באנאכטיג ין ? (וויאזוי הייסט ער, דער, וואס פון טשערקאס ?) מיין שוועסטע ד ?

ניין, נישטא קיינער.

פלוצעם האב איך דערהערט, ווי טראפנס קלאפן אינעם דיל. פונ־וואנעט איז ?

עפשער ברענט ערגעץ ?

ווארט נאר, ווארט. אויבן רוישט עפעס, ווי א צוגעשטיקטער וואַ־סער־פאל : פליוכ־פליוכ־פליוכ ! פליוכ־פליוכ־פליוכ !.. אויבן, בא דער שכיינע, וואס וווינט איבער אונדז. און דאס גלעקל קלינגט און פאר־גייט זיך, און די טראפנס, וואס פאלן, זיינען הייסע.

א פאר שטעקשיך אף די פיס, א שלאפראק אף די פלייצעס, און מיר לויפן ארופ צו דער שכיינע.

אבער דא איז שוין אויך ליכטיק. די באלעבאסטע מיט דער ארבע־טערן שעפן מיט גרויסע שמאטעס דאמפנדיקע וואסער — אי זיי קוועלן פון דער פלוצעמדיקער „באד", אי זיי פילן זיך שולדיק פאר אונדז, פאר די אונטערשטע שכיינים זייערע.

— וואס־זשע איז ? וואס איז דא פארט געשען ?

— א באנייונג.... נייע וואנעס האט מען שוין אנגעהויבן אריינ־שטעלן. און צו די וואנעס גיט מען הייסע וואסער פונעם קעסל־אפטייל. און פון ניט געוווינשאפט האט עמעצער פארגעסן די קראנען פאר־דרייען.

— נו... וואלט געווען פארגאסן די גאנצע שטוב, ווייל אלע זיינען געשלאפן. נאר עמעצער האט צו אייך גענומען קלינגען, האט די ארבעטערן אונדזערע דערהערט !

— ווער האט עס צו אייך אזוי שטארק געקלונגען?..

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אינעמעסן טאקע, ווער האט עס געקערט צו אונדז קלינגען?..

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ערשט שפעטער האב איך זיך דערוווּסט, אז קיינער האט ניט גע־קלונגען. די ווארעמע טראפנס וואסער, וואס האבן זיך דורכגעשלאגן דורכן אויבער־שוועל פון אונדזער טיר, האבן געטראפן צו אונדזער

גלעקל גלײַב אונטער דער פּאבווע. דערומ האָט דאָס גלעקל, וואָס
האָט אזוי מוירע פאר קיצלענ, זיכ געגומענ קײַכנ אונ זיכ פארגיינ.

סע וויל זיך שוין אָפּשטעלן, אָבער סע קאָן ניט... און אַזױאַרום האָט עס אונדז איטלעכן אויסגעהיט פון א צאָרע...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

באַנײַונגען און נײַסן. גאָלע גוטע נײַס!.. צו אַנדערע זײַנען מיר נאָך אפילע ניט געוווינט. אָבער ס'מאַכט ניט אויס. באַם נײַעם, גוטן לעבן, וואָס שטראַלט זיך אויס אַרום אונדז, וועלן מיר זיך אויסלער־נען פאַרדייען אַלדאָס גוטס. דאָס איז שוין גאָר ניט אַזוי שווער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און פונעם גלעקל, וואָס האָט באַנאַכט געקלאַכט, האָבן מיר א גאַנצן טאָג דערציילט אַלעמען, ווער עס איז נאָר צו אונדז געקומען, און מיר האָבן אַלע אײַנעם געשמאַק אָנגעקוואָלן.

———

רויטער האָנ

טשירי־בּאָמ, טשירי־בּאָמ —
געווענ בּא אונדז א רויטער האָנ.
ווייסט ניט קיינער ניט פּארוואָס,
בּא אימ אזא־אָ לאנגע נאָז !
ווייסט ניט קיינער ניט פּארוועג,
בּא אימ אזוינע לאנגע בּרעמ !

טשירי־בּאָמ, טשירי־בּאָמ —
געווענ אזא איז אונדזער האָנ :
גערעדט האָט פּויליש אפ א קאָל,
געהאט א נאָגל, ווי אנ אָל,
אונ געניית געשווינד אונ גיכ
פאר איינ שאָ דעמ בּעסטנ שיכ.

גענייט אזוי א גאנצן יאָר —
פאַרדינט זיך אוירינגלעך א פּאָר,
אוירינגלעך ווי פּײַערפלאַם,
און דערצו — א רויטע קאַם.
קומט דער פּאַרעץ צו דעם זיידן,
רופט די באָבע, רופט זיי ביידן,
זעצט אוועק זיך אויבנאָן:

— גיט מיר אָפּ דעם רויטן האָן!

אז דער זיידע נעמט זיך דרייען:
— ווער וועט שיך דער באָבע נייען?
אז די באָבע בעט מיט גוטן:
— ווער וועט, זאָג, די שטוב אונדז היטן?

איז דאָך האָן געזונט און פריש.
פון דער באַנק און אפן טיש —
— קוקו־ריקו־ריקו־אָן!
שא־זאָל זײַן! — און רופט זיך אָן
מיטאמאָל
און אפּ א קאָל:

— אך דו פּאַרעץ, אך, דו נאַר,
כאַטש אין קוימען אַרײַן שפּאַר!
מיטן רויטן רעדסטו האָן,
וואָס קאָן אזעלכע זאכן טון?!

און ניט געקלערט, און ניט געטראכט,
מיטן פּאַרעץ ניט פאַרבראַכט,
מיטן רעכטן פליגל גיט א ריר —
פליט דער פּאַרעץ פאַרן טיר,
מיטן לינקן פליגל טוט א מאך —
פליט דער פּאַרעץ אפן דאך,
פליט — און זיצט דאָרט ביזקל הײַנט,
אָן דער ווײַב און אָן די פרײַנט...

און דעם האָן איז ווויל און גוט,
און דער האָן די שטובּ אונדז היט,
העלפּט דער בּאבּע טון אין קיך,
און נייט אין שטאָט די שענסטע שיך.

ווייסט ניט קיינער ניט פּארוואָס,
בּא אים אזא־אַ לאנגע נאָז!
ווייסט ניט קיינער ניט פּארוועג —
בּא אים אזוינע לאנגע בּרעם!
— קו־קו־ריקו־רי־קו־אָן
געוועג בּא אונדז אזא מין האָן!



אין די צײַטונגען איז געווען א נאָטיץ וועגן דעם, אז אין איינער אן אמעריקאנער שול האָט מען ארויסגערופן א מיידעלע צום טאָוול, און דאָס מיידעלע האָט געכאַלעשט. אז מע האָט עס אָפּגע[illegible]ערט, האָט מען זיך דערוווּסט, אז זיי הונגערן שטאַרק, און מיטן ברודערל האָט זי אָפּגעמאַכט אַזוי, אז זיי עסן א טאָג איבער א טאָג, א טאָג — ער, א טאָג — זי.

הײַנט איז דער טאָג פון איר פאַסטן, און ס'האָבן איר מער קיין קוילעס ניט געקלעקט.

איך האָב געוואָלט, לײַע זאָל עסן

ס'נעמען אָנטייל לײַע און טיסי, קינדער פון דער פאַראָרעמטער נעגערשער פאַמיליע האַמילטאָן, וואָס דער פאָטער זייערער איז שוין א לאַנגע צײַט ניטאָ אינדערהיים: אַף א שיף, וווּ ער האָט געדאַרפט אַרבעטן אָן געצאָלטס, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אייראָפּע, טאָמער וועט ער זיך קאָנען צושלאָגן צו אן אַרבעט.

זייער מוטער, ניט קיין געזונטע, אויסגעהונגערטע מולאַטקע, וואָס קאָן זיך קיין אייצע ניט געבן אייגנע אַליין מיט די קינדער.

דאָס עלטערע קינד ליוּבע איז שוינ א שול־מיידל מיט זייער ריכטיקע שטריכנ, נאָר די טונקל־געלע פאַרב אירע דערציילט וועגנ איר אָפּשטאַמ. דאָס קלענערע יינגעלע — טיסי, א יאַט א באַרייִדעווודיקער מיט לעבעדיקע צוויי אויגנ, א שוואַרצערער פונ ליוּבענ. א גרויסער קענגער פונעמ הונגער, כאָטש אַליינ איז ער נאָכ גאָר קליינ.

מיריאמ אָדער אנא־מערי — א לײַביקע נעגערטע, א וועשערנ, וואָס וווינט א קעלער לעמ א קעלער מיט די האַמילטאָנס.

שילערס אונ שילערנס. צווישנ זיי רופ דושאָריי, פּעני גאָלד, מיליע ביימפּעצ אונ פיל אנדערע.

די לערערנ — א מולאַטקע (נעהערט צומ ארבעטער־רינג).

דער דירעקטאָר — (א פּאַניקיאָר אונ א גראָבער נעפּעש).

לערער אונ לערערנס פונ שול.

די קאַצ.

ערשט בילד

אנא־מערי שטייט אונ וואַשט לעמ א גרויסער באַליע וועש. אינ שטוב איז צונעקליבנ, ווארעמ. טיסי איז דאָרטנ א גאַנצער בעגבאַיס. ער האָט אריינ־געלאָזט די קאַצ אינ קוטשקע, אונטערנ אויוונ, אונ אַליינ האָט ער זיכ אויס־געלייגט פונ דער־א זײַט טירל אפנ בויכ, קוקט אריינ צו דער קאַצ אונ רעדט.

טיסי: נאָ, נאָ, נאָ! (נייִנ, נייִנ, נייִנ) דו גייסט בײַ מיר אזוי גיכ ניט ארויס פונדאַנענ!.. דערופ איז עס א שפּיל! דו ביסט א נעגער, איכ א ווײַסער. דו האָסט זיכ פאַרזינדיקט, איכ האָב דיכ פאַרשפּאַרט... אנ אנדער ווײַסער וואָלט דיכ אָנגעשלאָגנ אויכ! יאָ־יאָ!

די קאַצ: ניאו־או!

טיסי (קרימט איר נאָכ): ניאו־או, ניא־או — או! נאָכ איידער עפּעס, וויינט עס שוינ. אײַ, מיט דיר איז ניט גוט צו שפּילנ... דו מיינסט אפּ אנ עמעס, איכ בינ א ווײַסער??? נאַריש!!! איכ בינ ניט קיינ ווײַסער. טאַנטע מערי איז ניט קיינ ווײַסע... מײַנ טאַטע איז ניט קיינ ווײַסער. פּיטי מײַנ כאַווער, וואָס איז איצטער שלאָפ, איז אויכ ניט קיינ ווײַסער.

די קאַצ: ניאו־ניא־או־או!

טיסי: דערפאַר זײַנענ בײַ ליוּבנ פאַראַנ ווײַסע כאַווערטעס אויכ. די מאַמע זאָגט, אז ניט אַלע שוואַרצע זײַנענ גוט, אונ ניט אַלע ווײַסע זײַנענ בייז... ווערסטו עס געדענקענ???

אנא־מערי (צעווישט די הענט, זוכט עפעס צום ריוכערן): טיסי, לאָז אָפּ די קאַצ. (טיסי פאָלגט). נו, ווו איז איצטער דײַנ טאַטע?

טיסי (נעמט זיך מיט די הענט פאָרבאָקעם): נאָכ דאָרטנ.

אנא־מערי: ווו דאָרטנ?

טיסי: אפ דער שיפ!

אנא־מערי: וואָס טוט ער דאָרט אפ דער שיפ?

טיסי (קערעוועט זיך אויס אינ דער אייגענער פאָזע, נאָר מיטנ פּאָנעם צו מערינ): ער שיט קוילנ.

אנא־מערי (ווערט מיטאמאָל אָנגעכמורעט אונ מיט א בורמשענדיקער שטים, ווי זי וואָלט זיך געבייזערט אפ עמעצנ): ער שיט!.. ער שיט!.. קוילנ שיט ער... אונ קיינ ברויט שיקנ קאָנ ער ניט... נעכיי וואָלט ער שיקנ ברויט! שיט ער גאָר קוילנ, שיט ער... ער שיט! ——— ער שיטטט!

אנא־מערי נעמט צוריק וואשנ מיט קאס. טיסי ווערט מיטאמאָל צונעשטילט, ער קערעוועט אויס דעמ קאָפּ, זוכט א פּלאץ אפ זיך אנידערזעצנ. נידעריק אפ דער וואנט, באנאנד מיטנ פענצטער, הענגט א בילד. טיסי פארגייט אהינ, קריכט ארופ מיט אלע פיר אפ דער באנק. די פיס צוריק אראָפּגעלאָזט, די הענט צונויפגעלייגט אפנ הארצנ אונ ער זיצט.

אנא־מערי: אונ אָנבײַסנ האָסטו שוינ כאָטש היינט געגעסנ, טיסי?

טיסי (צעצויגנ, פארוווּנדערט): אזוי פרי־אי־אי־אי?

אנא־מערי (ווײַטער בייז): פרי!.. צוועלפ אזייגער איז בא אימ פרי! ביסט דאָכ אוודאי ערשט אופגעשטאנענ ביסטו?.. ס'נאָכ פרי!!!

טיסי: ניינ, אופגעשטאנענ סוינ לאנג־לאנג! ס'נאָכ געווענ נעכטנ, אז מיר זײַנענ סוינ אופגעשטאנענ!..

אנא־מערי: ס'נאָכ געווענ נעכטנ, אז ער איז אופגעשטאנענ, אָט האָסטו דיר, טאָמער ווילסטו!.. נעכטנ איז נאָכ געווענ!.. ס'נאָכ געווענ נעכטנ? אונ געגעסנ האָסטו כאָטש נעכטנ?..

בא טיסינ צעגעמט זיך דאָס פּאָנעם אזוי, ווי ער וואָלט געלאכט, אזוויווי ער וואָלט געווענ שטארק צופרידנ פונ עפעס א גוטער זאכ, וואָס ער האָט אפגעטאָנ. ער שאָקלט מיטנ קאָפּ הינ אונ צוריק אפ ניינ אונ קריכט אראָפּ צוריק—אפנ דיל, שטעלט זיך ווידער אקעגנ מערינ.

ט י ס י : נעכטנ האָב איכ אפילע ניט געוואָלט עסנ אײַנגאַנצנ... איכ האָב געוואָלט, אז ליַע זאָל עסנ... ליַע דאַרפ גײנ אינ שול... ליַע מוז נאָכ דאָרטנ לערנענ!.. אז איכ וועל אויסוואַקסנ אונ דאַרפנ גײנ אינ שול, וועט ליַע וועלנ, איכ זאָל עסנ! אוי, וועט זי וועלנ!! אונ איכ וועל מאַכנ אזוי־אָ! (ער בלאָזט אָנ די באַקנ, נעמט פּאָסקענ אונ שאָקלענ מיטנ קאָפּ ארופ אונ אראָפּ, אזויווי מע עסט עפּעס געשמאַק). אָט אזוי־אָ וועל איכ מאַכנ! דו זעסט, טאַנטע מערי? אָט אזוי וועל איכ גײנ. (ער גײט איבער מיט א טופּעריַ דאָס גאַנצע צימער, ביז ער קומט צו דער טיר. פונ טיר קערעוועט ער זיכ אוים אונ קומט מיטנ זעלבנ נוסעכ צוריק).

א נ א ־ מ ע ר י (איז אי צעקאָכט, אי גערירט פונ עפּעס. זי גײט אוועק פונ באַליע, צעווישט די הענט, גײט אוועק צומ שאַפקע, ווו זי שנײַדט אָפּ א גרויס קײַלעכיק ריפטל ברויט, נעמט אראָפּ פונ שאָל א פּאָר ריפטלעכ קעז, פאַרוויקלט עס אלצ אינ א פּאַפּיר, צו טיסינ): נא, טראָג אוועק צו דײַנ מאַמענ, זאָל זי צעטײלנ אײַכ פּאַר נעכטנ. (טיסי לאָזט זיכ לויפנ מיטנ ברויט אינ בײדע הענט. מערי גײט צוריק צו דער באַליע).

א נ א ־ מ ע ר י : ער שיט!.. ער שיט!.. קוילנ שיט ער! הײַנטיקע נעגעדזשס!.. ער שיט קוילנ, שיט ער!.. אונ שיקנ ברויט דעמ ווײַב מיט די קינדער??? אזעלכע צוויי קינדער!? (זי הײבט אָנ האַסטיק רײַבנ דאָס וועש, אז ס'נעמענ טרישטשענ דאָס ברעטל אונ דער טאַבורעט. ס'עפנט זיכ די טיר, טיסי פאַלט ארײַנ צוריק, ער קוקט אפנ ברויט שטאַרק־שטאַרק. דאָס פּאָנעמ איז־פאַרומערט. ער רעדט אונ שלינגט, מע ווײסט ניט צי די טרערנ, צי די סלינע).

ט י ס י : טאַנטע מערי!! די מאַמע איז א קלוגע!.. די מאַמע מײַנע אונ ליַעס. די מאַמע זאָגט, איכ זאָל שוינ די רעגע אָפּטראָגנ דאָס ברויט, ווײַל ס'ניט שײנ צו שנאָרענ. (מערי קרימט זיכ נאָכ מיט א שטיל גראָב קאָל: „ס'ניט שײנ צו שנאָרענ!" טיסי זעצט פּאָר ווי אינ אײנ אָטעמ): די מאַמע זאָגט, ווי זי ווערט נאָר געזונט, גײט זי גלײַכ אוועק אינ די רײַכע הײַזער קאָכנ אונ באַקנ, וועט זי פונדאָרטנ קאָנענ ברענגענ פּיסלעכ פונ הינער, קישקעלעכ אונ פּיפּקעס, וואָס דאָס וועט שוינ זײַנ אײַנגאַנצנ אונדזערס... אונ ביז דעמלט וועט שוינ דער טאַטע קומענ, וועט ער שוינ ברענגענ ברויט אויכ!.. אונ זעמל!.. ער וועט ברענגענ עפּשער צוואַנציק זעק מיט זעמל!!! אונ... שנאָרענ, זאָגט די מאַמע, איז ניט שײנ. („שנאָרענ איז ניט שײנ" — בורטשעט נאָכ די אַלטע מערי בייז). די מאַמע האָט געזאָגט, איכ זאָל זאָגנ דער טאַנטע מערי א דאַנק. (ער גײט צומ טיש אוועקלײגנ דאָס ברויט אונ קאָנ פונ דעמ די אויגנ ניט אראָפּרײַסנ).

אנא־מערי (בייז): א דאנק, א דאנק. דער טאנטע, דעם אָנקל, דעם זיידן, דער באבען... אלעמען א דאנק! ס'ניט שיין צו שנאָרען!.. צו שנאָרען איז ניט שיין... און הונגערן איז שיין??? אוך, היינ־טיקע נעגעדזשס. און הונגערן, פרעג איך דיך, איז שיי־יין???

טיסי שטייט אקעגן, רייבט זיך די הענט, פינטלט מיט די אויגן שטארק, שטארק. ער זופט מיט דער נאָז, קרימט די ליפּן און ווייסט ניט, וואָס צו ענטפערן.

אנא־מערי: דו הערסט ניט אוף צו זופן מיט דער נאָז, דו לאפּא־טוטל, דו אומגליקלעכער, ווארעם דאָס הארץ ווערט מיר אָטאָ באלד צעריסן אף שטיקער!!! זינט איך לעב, האָב איך נאָך ניט געזען אזעלכע מענטשן. ניט שיין! ס'ניט שיין!..——— און הונגערן איז שיין???

(טיסי פינטלט מיט די אויגן און קרימט פּיסקעס. וויינען איז שוין לאנג צייט, נאָר וויינען וואָלט ער ניט וועלן. ער פאלט אף אן אייַנפאל און רוקט זיך גאָר ארויס א פארקלעמטער פון שטוב. אנא־מערי ווארפט דאָס וואשן און שרייט זייער בייז, אזוויווי זי זעט עמעצן אזא, וואָס מיר זעען ניט, און זי קריגט זיך מיט אים). וואָס טוט זיך עס דאָ? וואָס איז עס געוואָרן פאר א וועלט, אז אנא־מערי זאָל וואשן פון פרי ביז נאכט זועש און ניט האָבן מיט וואָס צו באצאָלן פארן קעלער?! אז א שאָכן זאָל זיצן אָן ברויט, און אנא־מערי זאָל ניט קאָנען קריגן פונזייַנעט־וועגן קיין ארבעט? אזעלעכס איז נאָך ביז איצט ניט געהערט גע־וואָרן!!! ער שיט קוילן, שיט ער... אין אזא מין לאנד זאָלן ארומגיין טויזנטער מענטשן ליידיק, און מע מוז פירן ערגעץ אף יענער זייַט יאם די צוויי הענט צו פארקויפן?!! ער שיט קוילן. און וואָס קומט ארויס, אז דאַרטן שיט ער שוין קוילן? ער שיט, ער שיט!!! (זי ווארפט די ארבעט, כאפּט ארוף אף זיך א מאלבעש, טוט א צופּ דעם שליסל פון צוויאָך אף דער וואנט און לאָזט זיך ערגעץ לויפן).

צווייט בילד

אין שול אין דעם צווייטן קלאס. די לערערן פירט א לימעד פון געאָגראפיע. קינדער גייען ארויס איינציקווייז צו דער מאפּע און ווייַזן, ווו איז דער שטילער אָקעאן, ווו איז דער אטלאנטישער אָקעאן, ווו איז דער אינדישער אָקעאן, וועלכע נאָך אָקעאנען זייַנען דאָ.

לערערן: נו, און איצט וועט ליע האמילטאָן ארויסגיין צו דער מאפּע און וועט אונדז ווייַזן...

(ליִע האַמילטאָנ שטייט אופ פונ דער מיטלסטער פּאַרטע, לאָזט זיכ גייג צו דער מאַפּע, טוט זיכ א קרומ, דער קאָפּ פאַרדרייט זיכ איר, זי טוט זיכ א וואַקל, כאַפּט זיכ אָנ פאַר דער פּאַרטע, דערנאָכ גייט זי אָפּ א פּאָר טריט אונ פאַלט אומ אינמיטנ קלאַס. די לערערנ אונ א פּאָר פּאַרנטיקע קינדער כאַפּנ זי אופ. מע ברענגט וואַסער אונ מע מינטערט זי אָפּ. ליִע זיצט אַפ דער לערערנס שטול, פאַרוואָרפנ דעמ קאָפּ אינ א זײַט, מאַט אונ פאַרכאַלעשט).

לערערנ (בלייכ אונ דערשראָקנ): וואָס איז דיר, ליִע?

איינ שילער (ניט דר··סט): זי ווייסט ניט קיינ געאָגראַפיע!..

רופ דזשאָריי: זי ווייסט שוינ דאַפקע בעסער פונ דיר. אויכ מיר א קענער זיכ געפונענ!

כײַעמ ניי: נאָר וואָס?

בערטע פּאַניטש: איכ ווייס!

מיליע כייפּעצ: איכ ווייס אויכ!.. איר טאַטע איז אַרבעטלאָז!

פעני גאָלד: אַט האָסטו דיר א מאָשל, אונ אַז דער טאַטע איז שוינ אַפילע אַרבעטלאָז, מוז דאָס קינד פאַלנ אינ כאַלאַשעס?

רופ דזשאָריי: יאָ, נאָר דאָס קאָנענ ניט פילנ אינ פאַרשטיינ די, וואָס האָבנ קיינמאָל אַפ זייער לעבנ ניט געהונגערט.

פעני גאָלד: שוינ, זי איז שוינ גלײַכ דאָ מיט איר קאָמוניזמ.

לערערנ: רויִק! קינדער, ליִע וועט אונדז אַליינ דערציילנ, וואָס איר איז. ליִע, ליִע, וואָס איז מיט דיר אַזעלעכס, קינד?

ליִע (שטיל, פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּאָנעמ, א טיפער פאַרכאַלעשטער זיפצ דרײַסט זיכ בא איר אַרויס פונעמ האַרצנ): אוי, אוי, איכ האָב דעמ גאַנצנ מעס־לעס נאָכ גאָרנישט ניט געגעסנ.

לערערנ: וואָס הייסט, דו האָסט נאָכ גאָרנישט ניט געגעסנ?

ליִע: איכ האָב געגעסנ נעכטנ צוועלפ באַטאָג, הײַנט אומ צוועלפ איז מײַנ ברודערלס ריי, אונ מאָרגנ וועט ווידער שוינ קומענ מײַנע, דאַנ וועט שוינ דאָס ברודערל פאַסטנ. מײַנ ברודערל איז א לײַט, אימ קומט עס אָנ פיל גרינגער.

לערערנ (כאַפּט זיכ פאַרנ קאָפּ): טאַקע אַזוי שלעכט האַלט עס בא אײַכ, ליִע? דערצייל קלאָרער.

ליִע: דער טאַטע איז לאַנג אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט, איז שוין אַ האַלב יאָר, זינט ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אייראָפּע מיט נאָך אַסאַך אַרבעטלאָזע זוכן אַרבעט.

לערערין: נאָך דאַן מיט יענער פאַרטיי, דעם 17 יול?

ליִע: יאָ, פונוואַנעט ווייסט איר? טאַקע דעם 17 יול. און דאָ לײַט אונדז אויס דער קאָמיטעט יעדן כוידעש פינף דאָלער צום לעבן. ווי נאָר דער טאַטע וועט זיך שטעלן אַרבעטן, וועלן מיר אָנהייבן אויסצאָלן.

מיליע כייפעץ: פינף דאָלער אויף דרײַ מענטשן!

לערערין (פאַרמאַכט די אויגן, טוט זיך ווידער אַ כאַפּ מיט איין האַנט באַם קאָפּ): נו?

ליִע: דאַרפן מיר צאָלן פאַר דער דירע און מיר דאַרפן קויפן האָלץ, בלײַבט אונדז נאָר איין מאָל אין טאָג אָפּצועסן.

פעני גאָלד (בעהיימיש זאָגט): וועט זי עסן נאָך די לימודים.

לערערין: פעני, שטער ניט.

ליִע: דער מאַמעס פאַרדינסטן זײַנען געווען סײַווי קליינע, נאָר איצט איז די מאַמע געוואָרן אינגאַנצן שלאַף, האָב איך אָפּגערעדט מיט טיסין, אַז מירן רופן אַ דאָקטער און קויפן דער מאַמען רעפּועס.

מיליע כייפעץ: נו, און עסן?

ליִע: אַ טאָג איך, אַ טאָג ער. נאָר די מאַמע זאָל דערפון ניט וויסן.

רופּ דזשאָרי: אַ פאַרשאָלטן לאַנד, ווו הינט, בורזשויען און באַזיירים פרעסן, וויפל זיי ווילן, און נאָר אַרבעטער־קינדער עסן צו איינע מאָל, אי דאָס אַ טאָג איבער אַ טאָג.

לערערין (קלינגט אָן אין גלעקל): רויִק, קינדער, רויִק... איך בעט, ס'זאָל זײַן רויִק.

רופּ דזשאָרי: ניין, מיט רויִקײַט וועלן מיר דאָ גאָרנישט ניט אויפטון, שטיינער דאַרף מען זיי וואַרפן אין די קעפּ, שטיינער!

פעני גאָלד: און די פּאָליציי, מיינסטו, וועט דיר שווײַגן, אַז וועסט זיך אָנהייבן וואַרפן מיט שטיינער?

לערערין: רויִק, קינדער, איך בעט אײַך, איר זאָלט זיך די רעגע באַרויִקן! (דאָס קאָרידאָר־גלעקל: גלין, גלין, גלין, גלין).

ל ע ר ע ר נ (דערמונטערט): קינדער, דער לימעד איז געענדיקט! ליע האמילטאָנ און רופ דזשאָריי, איכ בעט אײַכ בלײַבנ אינ קלאַס.

קינדער: מיר וועלנ אלע בלײַבנ!

לערערנ: וויפל האָבנ מיר דאָ קינדער פונעמ פּיאָנערנ־רינג?

עטלעכע שטימען: אלע!!!

פעני גאָלד: ניין, דאפקע ניט אלע...

(די טיר טוט זיך אָן עפן אוף, און ס׳ווייַזט זיך אַריַין דער דירעקטאָר פון שול).

דירעקטאָר: איך האָב פיליַיכט באַ אייַך איבערגעשלאָגן א „וויכטיקע" פאַרזאמלונג?

א שטים: צי א וויכטיקע צי ניט, נאָר אייַער אַנוועזנהייַט איז דאָ סיַיוויסיַי איבעריק.

דירעקטאָר: ווער איז דאָ באַ אייַך אזוי קלוג? (אייניקע קינדער לאָזן זיך צו דער טיר, דער דירעקטאָר פאַרשטעלט זיי דעם וועג). אנטשולדיקט, די פאַרזאמלונג איז נאָך ניט פאַרענדיקט. איך הייס שוין פאַרנעמען די פלעצער! (די קינדער רוקן זיך אָפּ צו די פּאַרטעס, נאָר קיינער זעצט זיך ניט). ווער איז דאָ ערשט געווען אזוי דרייסט צו בעטן דעם דירעקטאָר, ער זאָל באַפריַיען דעם קלאַס (שטיל). וואָס איז געשען? ערשט האָט איך קלאַס געהודעט, ווי אין א בין־שטאָק, און פלוצעם... (צו דער לערערן). מיסיס, איר וועט זייַן אזויפיל גוט און אַריַינקומען באַלד צו מיַין געהילפּ אין קאַבינעט אַריַין.

לערערן: נאָך וואָס?

דירעקטאָר: איך דאַרף לערערס, דאַרף איך, ניט קיין קאָמוניסטן!

א פּאָר שטימען: אָהאָ, ווי ער האָט זיך עס דערשראָקן פאַר די קאָמוניסטן, דער דירעקטאָר אונדזערער?

א צווייטע שטים: אז ער האָט זיך שוין אזוי גיך דערשראָקן, טאָ וואָס וועט זיַין מיט אים שפּעטער?

דירעקטאָר: שטום! שטום! שטיל זאָל זייַן! וואָס טוט זיך עס דאָ באַ מיר אין שול? (א שטיינדל טרעפט דעם דירעקטאָר גליַיך אין שטערן, און די קינדער פליִען אַלע ארויס פון קלאַס).

דירעקטאָר (אין היסטעריקע): גוואַלד, מענטשן, ראַטעוועט! ניכער לויפט אהער. קאָמוניסטן!!! מיַין שול איז פול מיט קאָמוניסטן!

(ס׳לויפן אַריַין לערערס מיט לערערנס, דער דירעקטאָר ליגט און גלאָנצט מיט די אויגן, כאַפּט מיט די פינגער די לופט).

שטימען: וואָס איז מיט אײַך, מיסטער?

איינער (מיט שרעק): געקוילעט?

דער צווייטער: געשטאָרבן?

דער דריטער: ווו?

פערטער: ווער?

פינפטער: וועמען?

דירעקטאָר (כאַפּט זיך אויף, נעמט זיך אומקוקן מיט שרעק, פרעגט איבער מיט א שטילן שיפּעריי): ווו געקוילעט, וועמען געקוילעט, מיך? מיךךך???

(כאַפּט די פויסט צום מויל פול מיט שרעק. פּלוצעם טוט ער א ווילדן רעווע): אַרויסט פונדאַנען! מערדערס, שוין זאָלט איר פונדאַנען אַרויס! (אלע גייען אַרויס, ער הייבט אָן שמעקן די לופט). קאָמוניזם... קאָמוניזם! (קינדער שטעקן אַרײַן די קעפּ פון עטלעכע טירן. ער זעט קיינעם ניט, ער דעקלאַמירט): געקוילעט... געשטאָכן... מיך... די קאָמוניסטן! אָו־אָו־אָו! (ער פאַרשטעלט זיך ווי פון עמעצן און פאַלט אום אינמיטן קלאַס).



טרויער

1

צוויי קילאָמעטער הינטער דער ווינטער־סאַנאַטאָריע האָט זיך געפונען די בלומען־אָראַנזשערייע אונטער דער אופזיכט פון פעטער שטאָל מיט זײַן אייניקל — די קלייניקע ליזבען.

פונקט ווי בײַ די קראַנקע אין דער ווינטער־סאַנאַטאָריע גייט א ביסעלע לאַנגווײַליק דאָס לעבן: מע ליגט זיך פרי, מע שטייט אופ שפעט, מע עסט אָפ אַלע מאָלצײַטן צו דער צײַט. און אויב דער וועטער איז שיין, טוט מען זיך וואַרעם אָן און מע גייט כאַפּן א ביסעלע פרישע לופט, — אַזוי פלעגן אויך די בלומען אין דער שכיינישער אָראַנזשערייע דורכפירן אומעטיקלעך זייערע ווינטערס: זיי פלעגן פרי אײַנשלאָפן, שפעט — אופשטיין, פלעגן צו דער צײַט באַקומען זייער שפײַז; און אויב דער וועטער איז א שיינער, פלעג פעטער שטאָל אָדער די קלייניקע ליזבען אופעפענען א פּאָר קוואַרטירלעך פון דער גלעזערנער סטעליע זייערער: עטעמט אַרײַן, קינדערלעך, א ביסעלע פרישע לופט.

און אזוי ווי די קראנקע אין דער ווינטער־סאנאטאָריע פֿלעגן ליב האָבן באַטאָג נאָכן שלאָף אָפּוואַרטן די פּאַטשט, טאָמער ברענגט פֿון דערהיים, טאָמער א פֿרישע צייַטונג א לייענען טאָן, וואָס הערט זיך עפּעס אַף דער וועלט, אזוי פֿלעגן אויך די בלומען בײַ פֿענצטער שטאַלן אין דער אָראַנזשעריי וואַרטן אַפֿן ווינט, ווען ער פֿליט דורך די געגנט, ווײַל אַלעמאָל לאָזט ער זיי אומבאַדינגט הערן עפּעס נײַעס. קיין כילעק נישט, ווען ער פֿליט דורך: באַטאָג צי פֿאַרטאָג, און מעג זײַן אַפֿילע אָפּגערנאַכט. סײַ ווי וואַרטן זיי אַף אים, די בלומען, און באַקומען זיך זייערס.

— פֿאַרהאַלט מיך ניט, פֿאַרהאַלט מיך ניט! — שרײַט ער, דער ווינט. — איך האָב ניט קיין צײַט... דער ווינטער האַלט שוין בײַ דער סאַמע מיט, איך דאַרף אַרויסלאָזן די גרויסע פֿרעסט פֿון די שטאַלן, האַפּ־האָפּ! די גרויסע פֿרעסט. פֿאַרהאַלט מיך ניט, פֿאַרהאַלט מיך ניט! טיו־האַ! איך האָב ניט קיין צײַט!..

ווייסן שוין די בלומען, אַז סע גייט צו די גרויסע, צו די עמעסע פֿרעסט.

צו די שטאַרקע פֿרעסט זײַנען די בלומען קעסיידער אי נײַגעריק, אי זיי האָבן פֿאַר זיי מוירע. זיי האָבן געהערט, אַז די פֿרעסט קאָנען מאַכן פֿון אײַז בלומען און פֿון בלומען מאַכן זיי אײַז. האָבן זיי מוירע, סע זאָל פֿון זיי ניט ווערן קיין אײַז, ציטערן זיי... אָבער אין דער זעלבער צײַט באַוווּנדערן זיי די קווייטלעך, וואָס דער פֿראָסט מאָלט אָן אַף די שײַבעלעך פֿון זייער גלעזערנער סטעליע.

אַז דער ווינט פֿליט אַוועק, און די בלומען בלײַבן איבער, האָבן זיי דערנאָך ליב אין די גרויסע ווינטער־נעכט אַרומקלערן און אַרומריידן דאָס נײַעס ביזקעלע סאָף.

— סע ניט נאָר מיר ציטערן זאָר די גרויסע פֿרעסט! — מאַכט דער ווײַסער קילער בעזש. — די ג... בע ערד ציטערט פֿאַר זיי...

און די רויטע „מאַרטעלע" ענטפֿערט א ביסל אומעטיקלעך:

— אַז ניט קיין פֿיס האָבן מיר צום גיין און ניט קיין פֿליגל — צום פֿליִען... איך... מיר... וואָלט זיך וועלן אײַנשטעלן און אַרויסלויפֿן כאָפּן א קוק, וויאַזוי זעט זי אויס, די וועלט, אין די גרויסע, אין די סאַמע גרויסע פֿרעסט.

אַנומלטן פֿליט אײנמאָל דער ווינט מיט א בלאָזערײַ:

— טיו־הא־א־א!!! איך האָב ניט קיין צייַט!.. איך האָב ניט קיין צייַט! אין אמעריקע שלאָגט מען זיך אפ די גאסן. יאָ, יאָ! די ארבעטער שטרייַקן, די פּאָליציי יאָגט זיי נאָך! אוך, וואָס סע טוט זיך! אוך, וואָס סע טוט זיך! ניט פארהאלט מיך! ניט פארהאלט מיך! איך האָב ניט קיין צייַט! טיו־הא־הא! — — — — — — — — — — — — — —

— אויסגעקליבן א צייַט אפ זיך שלאָגן — אינמיטן באנאכט!! — ווּנדערן זיך די בלומען.

אָבער די קליינינקע ליזכען, זי לערנט און לייענט פיל ביכער, ווייסט זי א סאַך. זי ווייסט, אז איצט איז דאָרט גאָר ניט אזוי „באנאכט", ווי די בלומען מיינען עס. וואָרעם איב אפ אונדזער העלפט פון ערד־קייַלעך האָבן מיר נאכט, איז דאָרטן אפ דער צווייטער העלפט פונעם ערד־קייַלעך סאמע באטאָג.

טאָ פאַרוואָס־זשע שלאָגן זיך דאָרטן מענטשן אינמיטן די גאסן? און די ארבעטער שטרייַקן?.. און די פּאָליציי יאָגט זיי נאָך?

דאָס ווייסן זיי אויך ניט, די היגע בלומען, זיי זייַנען ווייַט פון דער וועלט.

— ווען מיר האָבן פיס צום גיין — אָדער פליגל צום פליִען!.. — מאכט די שיינע ווינטער־רויז... און זי האָט ניט פארענדיקט. זי האָט זיך פארשעמט, וואָס זי האָט איבערגעכאפּט א פרעמדן געדאנק, און ווייַטער איז זי, דעם עמעס געזאָגט, גאָר ניט אזוי נייַגעריק צו וויסן, וואָס סע טוט זיך אפ דער גרויסער וועלט. זי איז מערער פארנומען מיט אירע זיבן און זיבעציק ווייַסע קליידעלעך, וואָס זייַנען גאָר ניט אזוי רייַך מיט קיין רייכעס, נאָר זיי נעמען אָפּ אן אויג מיט זייער שיינקייַט.

פּעטער שטאָל און זייַן איינינקל זייַנען דאָ אָפטע געסט. זיי באגייען זיך מיט די בלומען ווי מיט נאָענטע פרייַנט. פון מאָל צו מאָל ווינקלט פּעטער שטאָל אייַן געווויסע טעפּ מיט בלומען, וועלכע ער קלייַבט אָפּ, ער הילט זיי אייַן אין הארעמס און פירט זיי אוועק אפ זייַן שליטעלע פאר צוועלף ווערסט אין שטאָט ארייַן, אָדער פאר צוויי ווערסט אין דער סאנאטאָריע, טאקע אין דער־אָ ווינטער־סאנאטאָריע, פון וועלכער מיר האָבן נאָרוואָס גערעדט. די קראנקע האָבן ליב, אז זייער בליק ווערט דערקוויקט פון די שיינע ווינטער־רויזן, פונעם פרישן,

ווײַסנ און ראָזנ בעזוש און פונ די רויטע, באשפּרענקלטע, האלב־שעמעוודיקע און זײער וויסנגירנדיקע „מארטעלעכ".

און אזוי לעבנ זיכ די בלומענ אינ פּעטערס און אינ ליזכענס שכײנע־שאפט א רויִק לעבנ. מע דערצײלט זיכ אמאָל מײַסעס גאנצע נעכט דורכאנאנד. אמאָל דיכטנ זײ איבער די נײַסנ, וואָס דער ווינט לאָזט זײ הערנ, און אמאָל האָבנ זײ זיכ אײגענע געשיכטעס, מײַסעס, לידע־לעכ און לעגענדעס פונ ווײַסינקע באבעלעכ, פונ א גאָלדנ בינעלע, וואָס האָט זיכ אײנמאָל אזוי אײַנגעליבט אינ א מײַ־גלעקעלע, אז פאר ליבע איז עס שיִר ניט אויסגעגאנגענ; פונ א פארבלאָנדזשעטנ זונענ־שטראל, וואָס האָט אײנמאָל ארומגעבלאָנקעט א גאנצע נאכט אינ א טיפנ וואלד און ניט געקאָנט טרעפנ צוריק דעמ וועג... פונ באַ־פליגלטע כריזאנטעמעס און פונ אזעלכע לענדער, ווו קײנ אײנ קינד האָט נאָכ קײנ אײנ שנײעלע קײנמאָל אינ די אויגנ ניט געזענ. אָט דאָס איז א לאנד! דאָרט זײַנענ אנדערע מינימ קינדער און אנדערע מינימ בלומענ.

2

אז די קראנקע אינ סאנאטאָריע האָבנ אויסגעלײענט אינ די צײַטונ־גענ וועגנ דער יאפּאָנישער ערד־ציטערניש, האָבנ זײ אלע זיכ שטארק אינטערעסירט אינ דרינענ. אָבער אז דער ווינט איז דורכגעפלויגנ מיט דעמ זעלבנ נײַס פארבײַ די בלומענ, האָט דאָס די בלומענ זײער ווינציק אָנגערירט. און דאָס איז גראדע א וווּנדער, ווארעמ ווענ זײ ווײסנ, וואָס פאר א מינימ וווּנדערלעכע בלומענ סע וואקסנ אינ די זוניקע לענדער, וויפל פארבנ און קאָלירנ סע גיסנ זיכ דאָרטנ אינ זײ איבער, וויפל דינגע רײכעס די דאָרטיקע בלומענ באהאלטנ אינ זיכ אויס, וואָלטנ אוודאי די היגע בלומענ ניט געפּוילט בא זיכ דורכצוגײנ גלײַכגילטיק פארבײַ אזא נײַס...

נאָר אָט־אָ איז געקומענ א פּראָסטיקער פארנאכט. דער רויכ פונ פּעטער שטאָלס קוימענ האָט געשפּרײט א גרינגנ, באוועגלעכנ שאָטנ איבערנ בלענדנדיקנ שנײ, וואָס איז מיט לעוואָנע־שײַנ פארגאָסנ. די בלומענ האָבנ זיכ שוינ אויסגעקליבנ גײנ שלאָפנ, די כריזאנטעמעס האָבנ שוינ אפילע געבראכט אינ אָרדענונג זײערע געדיכטע שווערע קרויזנ... נאָכ א פּיפּס, נאָכ א שאָרכ, און מע־ווערט אנדרעמלט. נאָר

פּלוצעם איז אָנגעלאָפֿן דער ווינט מיט אַ געהויל און מיט אַ געיאָמער, אַז אַלץ אַרום איז מיטאַמאָל פֿאַרציטערט געוואָרן און אָנגעווירן דעם געוויינלעכן געשטאַלט. די בלומען האָבן דערפֿילט, ווי סע איז זיי דורכגעגאַנגען אַ גרויל פֿונונטן ביז אַרויף, זיי האָבן אַפֿילו ניט באַוויזן רעכט דערהערן, וואָס דער ווינט האָט געבראַכט צו טראָגן. און געיאָמערט האָט דער ווינט אַנדערש ווי קעסיידער:

— אַ־הו — אַ־הו! — האָט ער געהוילט, — איך האָב ניט ווו צו לויפֿן, איך האָב ניט וואָס צו טון מער. אַ גרויסער אומגליק האָט געטראָפֿן!!! געשטאָרבן! געשטאָרבן! געשטאָרבן!.. ל־ע־נ־י־נ איז געשטאָרבן־נ־נ.

האָבן די בלומען אופֿגעשווידערט אַלע. זיי האָבן דערפֿילט, אַז די וועלט לעבט איבער אַ גרויסן בראָך. זיי האָבן אויך געוואָלט זיך אַ רירער טון, נעמען אַבי וועלכן אָנטייל, אָבער זיי האָבן ניט קיין פֿיס צום גיין און ניט קיין פֿליגל האָבן זיי ניט צום פֿליִען...

דער ווינט איז עפּשער אַלע פֿינף מינוט דורכגעפֿלויגן מיט נייַסן:

דעם 21 יאַנוואַר 1924 יאָר...

דער טעלעגראַף, דער טעלעפֿאָן און די ראַדיִאָ האָבן, ווי סאַם אין די גערערים, געטראָגן אָט די־אָ דערשיטערנדיקע ידיִעה.

דער טעלעגראַף, דער טעלעפֿאָן, די ראַדיִאָ האָבן קלאָנגדיק געגעבן צו וויסן אין שטעט, אין דערפֿער און אין העקן, אין די נעענטערע, אין די ווײַטע און אין די סאַמע ווײַטסטע ערטער פֿונעם ערדקײַלעך. די גאַסן האָבן זיך איבערגעטאָן אין טרויער. די צײַטונגען זײַנען באַקלעפּט געוואָרן מיט געדיכטע, שוואַרצע ראַמען און רעמלעך. די האָרעפּאַשניקעס פֿון דער גאַנצער וועלט האָבן געבויגן די פֿאָנען זייערע די רויטע צוזאַמען מיט זייערע שווערע קעפּ צו דער ערד, פֿאַרן גרויסן פֿירער זייערן, וואָס איז פֿון זיי אַוועק.

און דער ווינט שווײַגט אויך ניט. ער טראָגט אַרום די דערשיטערנדיקע ידיִעה אַף זײַן אויפֿן און פֿאַר די, וועלכע הערן אים.

— אַ־הו! — שרײַט ער, דער ווינט. — סע איז פֿינצטער! אַ־הו! דער פֿראָסט שטאַרקט זיך, די וועלט איז פֿאַרקלאָגט!

— א־הו! לענין איז געשטאָרבן.

אין סאַנאַטאָריע, פֿאַר צוויי ווערסט פֿון פּעטער שטאָלס שטיבל, האָט זיך באַקומען א קורצע ראַדיאָ־טעלעגראַם: „דעם 21 יאַנוואַר זעקס אַזייגער מיט פֿופֿציק מינוט אין אָוונט איז געשטאָרבן וולאַדימיר איליטש לענין"...

א כמאַרע האָט זיך אָנגערוקט אַפֿן גאַנצן הויז. די שלאָפֿע האָבן פֿאַרגעסן אָן זייער שלאָפֿקייט, זיי זײַנען געלאָפֿן אין וואַלד אַרײַן נאָך נאָדל־ביימער, מע האָט אוועקגעשיקט צו פּעטערן נאָך בלומען.

מע האָט אויסגעפּוצט דעם גרויסן שפּיל־צימער אין רויטן און אין שוואַרצן, מע האָט באַהאַנגען לענינס בילדער מיט בלומען, מע האָט צווישן זיך צעטיילט די אַרטיקלען אין דער עקסטרא־צײַטונג און מע האָט אין מאָרגן געגרייט א טרויער־מיטינג פֿאַרן גאַנצן דאָרף.

און דער ווינט יאָגט פֿאַרבײַ דעם אַרום און רופֿט:

— א־הו!.. טויזנטער!.. צענדליקער טויזנטער!.. הונדערטער טויזנ־טער... מיליאָנען מענטשן אַרבעטער און פּויערים גייען דורך מיט גע־בויגענע קעפּ פֿאַרן אָרן פֿון זייער גרויסן פֿירער. טרערן פֿאַלן פֿון זייערע אויגן און זיי ווישן זיי אַפֿילע ניט אָפּ. דער אָרן איז באַשלאָגן מיט רויטן און מיט שוואַרצן סאַמעט. בלומען פֿון דער וועלט באַקרוי־נען זײַן גוף.

ל ע נ י ן
ל ע נ י ן
ל ע נ י ן
איז געשטאָרבן
א־הו־ו־ו!!!

די בלומען הערן זיך צו. זיי זעען, ווי פּעטער שטאָל זיצט אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ. די ליולקע, צווישן די ציין אײַנגעקלאַמערט, איז שוין באַ אים לאַנג אויסגעלאָשן. פֿון די אויגן פֿאַלט באַ אים א טרער נאָך א טרער. די קליינע ליזכען זיצט אײַנגעניורעט לעם זײַנע קני. איר פּאָנעם זעט מען ניט, נאָר די אַקסלען צוקן פֿון כליפּענדיקן געוויין.

א סימען, אַז זיי ווייסן שוין פֿון אַלץ. זיי זײַנען שוין געוווירע גע־וואָרן.

— מיר האָבן ניט קיין פּיס צו גיין! — האָט די רויטע מאַרטעלע פֿאַרשטיקט א שעפּטשע געטאָן. — און קיין פֿליגל האָבן מיר ניט צום פֿליען...

די כריזאנטעמעס האָבנ אראָפּגעלאָזט זייערע ברייטע, געדיכטע קעפּ, אונ דער טרויער האָט זיכ געשפּרייט פונ איינ ווינקל ביזנ צווייטנ אונ איז אריַינגעדרונגענ אומעטום וואָס טיפער אונ טיפער.

אונ דער פראָסט האָט זיכ געשטארקט. דער פראָסט וויל אָנטריַיבנ אפ דער וועלט זיַינ שרעק מיט זיַינ געוועלטיקייַט. בא די ארבעטער אונ פויערימ אונ בא זייערע פריַינט זיַינענ געבויגנ די קעפּ.

די בלומענ האָבנ אויכ דערפילט דעמ פראָסט אונ זיי האָבנ אימ פארעכנט פאר א סוינע.

נאָר ווער געדענקט אימ איצט?

אונ אָט איז דער ווינט וויַיטער דורכגעפלויגנ אונ רופט:

— אָ־הא־א־א! אפ פינפ מינוט האָבנ די ארבעטער פונ דער גאנ־צער וועלט אָפּגעשטעלט די ארבעט...

— די רעדער אפ די זאוואָדנ האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט אינמיטנ טריַיב.

— דער גערודער אינ די שאכטעס איז געוואָרנ מיטאמאָל אָפּ־געהאקט...

— די באנענ זיַינענ געבליבנ שטיינ אינמיטנ פעלד!

— די שיפנ — אינמיטנ יאמ!

— די טראמוויַיענ אינ אלע שטעט אונ הויפּטשטעט שטייענ אפ די גאסנ!

— די אוטאָמאָבילנ זיַינענ שטומ צוגעזאָטנ געוואָרנ צו דער ערד.

— אָ־האָ־האָ! מיליאָנענ מאסנ בייגנ זייערע פאָנענ בא לענינס קייווער...

— אונ איצט הערט דעמ רופ, וואָס טראָגט זיכ פונ איינ עק וועלט ביזנ צווייטנ:

> „לענינ איז געשטאָרבנ, נאָר זיַינ לערע לעבט!"
> „לענינ איז געשטאָרבנ, נאָר ס'לעבנ די, וואָס זעצנ
> פאָר זיַינ גרויסע ארבעט!"

באמ וואָרט „לעבט" האָבנ די בלומענ אופגעהויבנ זייערע קעפּ. אונ באמ וואָרט „סע לעבנ" האָבנ זיי דערמונטערט אָנגעקוקט איינס דאָס צווייטע.

אין דער צײַט האָט ליזכען אקוראט אריײַנגעטראָגן לענינס א גרויס בילד, ארומגעפּוצט אין רויט און אין שווארץ. דאָס בילד האָט זי אופ־געהאנגען אין דער סאמע מיט פון דער פּאָרנטריקער וואנט און האָט גענומען אויסקלײַבן די שענסטע טעפּ מיט בלומען און זיי אויסגע־שטעלט אין טרעפּעלעך ארום דעם בילד.

— אוי, איך זע די קנייטשן ארום זײַנע אויגן, — האָט די ווײַסע רויז זיך אָנגערופן מיט נײַגיר.

— און מיר וועלן באקרוינען זײַן שטערן! — האָבן די כריזאנטע־מעס געענטפערט.

— איך פיל, ווי סע שטראַלן אפ מיר זײַנע בליקן, — האָט די רויטע מארטעלע זיך אונטערגעהויבן.

און דער בעזש, דער קאלטער בעזש האָט געזאָגט:

— איך בין דערוואָרעמט פון זײַן שמייכל.

די קליינע ליזכען האָט געטאָן פלינק און געשיקט איר ארבעט.

און דעם אלטן פעטערן האָט זי בייסמײַסע געטרייסט מיט די ווערטער, וואָס זי האָט נאָרוואָס געהערט אין סאָנאטאָריע. זי האָט געהערט, ווי די קראנקע האָבן גערעדט אפן מיטינג:

— לענין איז געשטאָרבן, — האָט איינער אויסגערופן, — נאָר זײַן לערע לעבט.

דער זיידע האָט מילד אופגעהויבן זײַנע מידע אויגן אפ זײַן אייניקל:

— לענין איז געשטאָרבן, — האָט ליזכען פאָרגעזעצט, — נאָר ס'לעבן, ס'זײַנען געזונט און שטארק די, וואָס זעצן פאָר זײַן גרויסע ארבעט.

דער זיידע האָט ארויסגענומען די אויסגעלאָשענע ליולקע פון צווישן די ציין, ער איז צוגעגאנגען, האָט ארומגענומען די קליינע ליז־כען און זי געקושט אין שטערן.

די בלומען האָבן פון אלע זײַטן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, האָבן געוווּנקען און געשמייכלט מיט טרייסט, ווי איינער זאָגט:

יאָ, יאָ, אזוי איז עס טאקע!
און אזוי וועט עס טאקע זײַן!..

„או=א"

דער פרישטיק איז שוינ געענדיקט. נאָר צוקלײַבנ פונ טיש די גלע־זער — אונ יעדערער קאָנ זיכ גיינ צו זײַנ טאָגטעגלעכער ארבעט.

— טאטע, — האָט זיכ פראָימ אביעזעראָוויטש (וואָס איז שוינ אליינ א טאטע) אָנגערופנ צו זײַנ פאָטער אביעזער פריינק (וועלכער איז שוינ א היפשע צײַט א זיידע), — דו וועסט מיר הײַנט דארפנ אָפּ־טונ אנ ארבעט איינע, אונ זייער א נייטיקע...

— נאָכ א נייטיקע אפילע, — האָט איינ העלפט פאָנעמ באמ אלטנ פריינק מיט די בלויע ברילנ אונ מיטנ גרויִ געשווירנ בערדל א שמייכל געטאָנ, — אדעראבע... לאָמיכ הערנ וואָס?

— די מײַסע דערפונ איז אזוי: איכ וויל דיכ בעטנ, זאָלסט מיר הײַנט אָפּפירנ אונ באשטעלנ פרומעלענ אינ שול... הײַנט איז דער לעצטער טערמינ, אונ די קליינע לאָזט מיכ ניט לעבנ: „קום אונ קום!"

— א שיינע מײַסע! — האָט באַם אַלטן פֿריינקן זיך פֿון עלטער עטוואָס אונטערגעשאָקלט דער קאָפּ, נאָר די בלויע ברילן מיטן גרוי אונטערגעשווירן בערדעלע האָבן נאָך געהאַלטן פֿאַסאָן. — פֿאַרוואָס טאַקע ניט? זי איז כ.זקע זייער גערעכט אויך... א פּאָרעץ ביסטו א גרויסער? „קום אונ קומ״. וואָס איז? דײַן טאַטע איז עפּשער ניט בעגאַנגען מיט דיר, ווען מע האָט דיך געדאַרפֿט באַשטעלן? נאָך א מינ גיינ! א שיינע מײַסע! כע־כע...

— יאָ, טאַטע, איך זאָג זיך דען אָפּ? ס'איז דאָך מײַנ פֿאַרגעניגן! נאָר פּונקט אינ אָט די שאָען בינ איך אזוי אַפּצולאָכעס פֿאַרנומען.

— רעכט, רעכט... אָט די־אָ אַרבעט וועל איך שוינ דיר פֿאַרשפּאָרן, — האָט אַכיעזער פֿריינק א פּאַטש געטאָן די זונ איבער דער פּלייצע, אונ די אויגן האָבן באַ אים געגלאַנצט מיט א פֿײַכטן גלאַנצ. — אָפּגערעדט! — האָט ער איבערגעכאַזערט אונ זיך פֿאַרטראַכט, ווײַל אָט דער־אָ אומגעריכטער שמועס האָט אים דערמאַנט אינ דער פֿאַרגאַנגענהײַט. ווי לאַנג איז ער אַליינ געווען א יונגערמאַן? מיט וויפֿל פֿרייד האָט ער זיך געגרייט אונ מיט וויפֿל פּײַנ האָט ער זיך אָנגענומען, ווען ער האָט דערלעבט פֿירן אָט דעם פֿראָימקען זײַנעם אינ „שקאָלע״. אָ, שווערע צײַטן געווען. שווערע, שווערע ביז גאָר.

אינ צימער איז אַרײַנגעשפּרונגען פֿרומעלע מיט אירע שטײַף אײַנגעפֿלאָכטענע בלאָנדע צוויי צעפּעלעך. אַפּ איר שטערן פֿונויבן, לעם די סאַמע האָר, איז נאָך געווען א נאַס פּאַסיקל וואַסער — קענטיק, אַז זי האָט זיך נאָרוואָס געוואַשן. זי האָט געזשמורעט די אייגלעך אונ עפּעס געזוכט איבערן צימער.

— אַ, — האָט פֿרימעלע מיט פֿאַרדראָס אויסגעשריגן, ווען זי האָט דערזען, אַז דער טאַטע שטייט שוינ גרייט אוועקצוגיינ צו דער אַרבעט, — שוינ, ער גייט שוינ ווײַטער אוועק?!

— נײַנ, נײַנ, מײַנ קליינינקע, — איז פֿראָימ אַכיעזעראָוויטש צוגעגאַנגען אונ א קוש געטאָן זי אינ שטערן לעם די עטלעכע נאַסע, ניט אויסגעווישטע, הערעלעך, — הײַנט שוינ אָפּגעוויס! הײַנט גייט מיט דיר דער דעדושקע אַליינ... א גוטן טאָג...

פֿרומעלע האָט א קוק געטאָן אַפּן זיידן... דורך די בלויע ברילן דורך זײַנע איז איר אַלעמאָל שווער געווען אָפּצוזוכן דעם זיידנס אויגן, אָבער איצט האָט זי דערזען אינ זיי א פֿײַכטן גלאַנצ, אונ עפּעס

א מאָרנע ערעוו־יאָנטעוודיקײַט איז געלעגנ אויסגעגאָסנ אפ זײַנ גאנצנ געזיכט.

— קומ אהער, פרומעלע, — האָט דער זיידע אויסגעשטרעקט צו איר א האנט, — הײַנט עלפ אזייגער גייט מיט דיר דער רעדושקע דיך באשטעלנ אינ שול.

— או... א...

א... או!...

האָט ער עפּעס אומפארשטענדלעכ געכאזוערט צו זיכ אליינ.

— ווײַז נאָר אהער א ביכל, פרומעלע, לאָמיכ אָקאָרשט הערנ, וו:אזוי דו לייענסט.

א־או.

— באלד ברענג אי, — האָט פרומעלע געענטפערט אונ איז אוועקגעלאָפּנ.

— דו געדענקסט, אָקאָרשט, פראָ:מ אכ:יעזעראָוויטש, דײַנ ערשטנ „אקזאמענט"? — אָט די־אָ ווערטער האָט דער זיידע אויסגערעדט צומ הוילנ ג:ימער. ער האָט זיכ עס טייקעפ אליינ אָנגעשטויסנ, ווײַל דער זונ איז דאָכ שוינ אוועק אפ דער שטעלע, אונ פרומעלענ האָט ער דאָכ אליינ אוועקגעשיקט ברענגענ א ביכל.

פארטראכט איז ער געווענ, ווײַל ס'איז פאר אימ געשטאנענ ווי לעבעדיק יענער הארבסטיקער טאָג אינ מאָהילעוו, ווענ ער האָט געפירט זײַנ פרויקענ א „פריגאָטאָוועטנ" אינעמ ערשטנ קלאס... אינ דער רעכטער האנט האָט ער געהאלטנ גרייט די פראָשעניע, אינ דער לינקער האָט ער מיט גרויס דערעכערעצ געהאלטנ פארנ הארטנ דאשעק די היטל, אונ אפ דער צונג האָט ער געהאט גרייט אלע ווערטער, וואָס ער וועט ריידנ אפ רוסיש מיט די „וויסאָקאָראָדיעס" פונ דער שקאָלע.

ער געדענקט נאָכ, אזוי ווי הײַנט, דעמ ציטער, וואָס ער האָט געטאָנ, בעשאס מע האָט אויסגערופנ דעמ יינגלס נאָמענ:

— פריינק פרויקאָ אכ:יעזעראָוויטש.

איז ער דאָג ארײַנ מיטנ קינד אינ קאבינעט ארײַנ. די „בלאגאָראָדיעס" מיט די קנעפּ זײַנענ געזעסנ באמ טיש, ווי פארפאנצערטע.

— יעוורײ? — האָט איינער א פרעג געטאָנ.

— טאָק טאָטשנאָ, וואשא בלאגאָראָדיע! יאווריי! — האָט פריינק

געענטפערט אפ זײַנ רוסיש־ייִדישער אויסשפּראַכ. פּלוצעמ האָט ער דערזעג, ווי דעמ פּאַרזיצערס פּאָנעמ איז געוואָרנ רויט ווי א בורעק, די אויגנ האָבנ זיכ אָנגעגאָסנ מיט טעמפּער רעציכע:

— Снять Фуражку!

פרײנק האָט א קוק געטאָנ אראָפּ צומ יאטל, אונ צו זײַנ גרויס פאר־וווּנדערונג דערזעג, אז פאר צעני גגקײַט האָבנ זיי בײדע פארגעסנ, אז

דאָס יאטל גייט נאָכ אינעמ היטל. פריינק האָט מיט אימפּעט א ריס געטאָנ בּא פרויקענ דאָס היטל פונ קאָפּ, אונ בּיידע זײַנענ זיי געוואָרנ בּלייכ, אונ א שוויים האָמ זיי בּאשלאָגנ.

— Читать! — האָט דער זעלבּער עלטסטער א שטעק געטאָנ צומ יאטל א צעעפנט בּיכל.

דאָס קינד האָט גענומענ אינ די ציטעריקע הענט דאָס בּיכל. בּוכשטאבּנ זײַנענ דאָרטנ געווענ גרויסע אונ פארשטאנדיקע — פרויקע האָט שוינ געלייענט בּיכלעכ אסאכ שווערערע, אָבּער פאר שרעק האָט זיכ בּא אימ איבּערגעמישט אלצ אינ קאָפּ, אונ די צוויי בּוכשטאבּנ:

а-У

האָט ער איבּערגעלייענט פארקערט:

У-а

— Как?! — האָט דער עלטסטער א דונער געטאָנ איבּערנ גאנצנ צימער.

— אָ־א! — האָט דער פאָטער פאריכט דעמ „דאָבּרימאזל".

— Вас не спрашивают! — האָט זיכ דער עלטסטער א וואָרפּ געטאָנ.

אונ מע האָט אזוי אָפּגעמוטשעט דעמ טאטנ מיטנ זונ עפּשער א האלבּע שאָ דורכאנאנד, אונ ערשט דאנ האָט מענ געמוזט גיינ מיט אנדערע פראָשעניעס זוכנ אנדערע שולנ מיט אנדערע „בּלאגאָראָדיעס". וויי־וויי, וויפל דאָס יאטל האָט זיכ, נעבּעכ, יענעמ טאָג אָנגעווײנט!

פרומעלע איז שוינ היפּשלעכ געשטאנענ לעמ זיידנ אונ געווארט מיטנ געבּראכטנ בּיכל אינ דער האנט. דער זיידע האָט זיכ אופגעכאפּט ווי פונ שלאָפּ. ער האָט צוגענומענ בּא איר דעמ בּוכ, האָט לאנג־לאנג עפּעס געזוכט אונ קוימ געפונענ, וואָס אימ האָט זיכ געוואָלט:

— נא, לייענ.

בּא־בּע	א־בּו
א־ע	א־או

— אוי, סע דאַכ זייער גרינג, — האָט זיך פרומעלע פאַרווונדערט.
— ניין, ניין, ס'מאַכט ניט אויס! לייענ קעסיידער, ווי סע גייט!..

פרומעלע האָט איבערגעלייענט און צעשטעלט די זילבן:

בא... בע...

א... בו...

א... ע...

א... או...

— וואַרט, וואַרט! ווי־אַזוי האָסטו געזאָגט דאָ לעצטע וואָרט?
— א... או.
— א... או?
— יאָ...
— א... או... — האָט דער יידע עם רעכט צעקייַט. — ריכטיק. גע־דענק־זשע, זאָלסט אין שול באַם „אקזאַמענט" ניט איבערפּלאָנטערן, אז מע וועט דיך פרעגן, און זאָלסט זיך ניט דערשרעקן.

דער יידע האָט זאָרגזאַם אויסגעבערשטלט זייַן אייבערשט, האָט אָפּגעפּוצט די שיך, פאַריכט די ברילן, צוגעגלעט דאָס אונטערגע־שוירנ בערדל און גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט.

פאַר דער צייַט האָט פרומעלע אַרייַנגעלייגט אין קייַלעכדיקן פאַ־לירטן פענאַל אַלע דרייַ העפטלעך מיט די פּענעס און די פיר בלייַערס, וואָס זייַנען געלעגן באַם טאַטן אויפן שרייַב־טיש. אינעם רענצעלע האָט זי אַרייַנגעלייגט די העפטן, וואָס צום שרייַבן, און די, וואָס צום מאָלן. און מ'איז אוועק.

זיי זייַנען געקומען אין דער דרייַסיקסטער שול, וווּ ס'האָט געאַר־בעט די אויפנעם־קאָמיסיע פונעם פּראָלעטאַרישן ראַיאָן.

אַסאַך קינדער האָבן געראַשט און זיך געשפּילט אין הויף און אין די קאָרידאָרן.

דער יידע האָט כשיוועסדיק אַראָפּגענומען דאָס היטל נאָך אין פאָרצימער.

— וווּ איז דאָ דער זאַוועדויעשטשע? — האָט ער א פרעג געטאָן באַ א קינד.

— דאָס ווילט איר זי באַשטעלן צו אונדז אין שול? — האָבן עטלעכע קליינע בעזורע זיי פרייִלעך אַרומגערינגלט.

— אין אוועלכן? אין אוועלכן?.. אין דעם נול, צי אין דעם ערשטן?! — האָבן די כעוורע געטומלט מיט זייערע הילכיקע קעלעכלעך.

פרומעלע האָט זיך שטארקער אָנגעהאלטן פארן זיידנס קאלטער, געווינטער האנט.

— אין דעם נול־קלאס, — האָט זי געענטפערט און מיטאמאָל אראָפגעלאָזט פארשעמט אירע בלויע אויגן צום זיידנס שיך מיט די גראָבע גלאנציקע נעז.

— אָנאָ איז דער פארוואלטער! — האָט א יינגלש הייזעריק קעלעכל אויסגעשריגן, און אסאך כעוורע האָבן אים אונטערגעהאָלפן: — אין לערער־צימער גייט!

— קומט, וועלן מיר איַיך וויַיזן! — האָבן זיך כעוורע א גליטש געטאָן איבערן גלאטן, גלאנציקן דיל.

דער אלטער איז אריַין מיטן אייניקל אין לערער־צימער. בא א לאנגן טיש, איבערגעשפרייט מיט א רויטן שטיק ציַיג פאר א טישטעך, זיַינען געזעסן עטלעכע יונגעליַיט און האָבן זיך עפעס בעראטן. דאָס בלאָנדע מיידל, וואָס צווישן זיי, האָט די ערשטע באמערקט די אריַינגייענדיקע.

— אָ! — האָט זי אויסגערופן א צעשמייכלטע. — אָט פירט מען אונדז נאָך א שילערן.

— זיצט, — האָט דער פארוואלטער אָנגעוויזן אף די שטולן, וואָס זיַינען געשטאנען פארן טיש. — וויאזוי איז איַיער פאמיליע?

— פריינק...

— וויאזוי רופט מען דיך? — האָט די בלאָנדע לערערקע זיך פרייליך געווענדעט צו דער קליינינקער.

— פרומעלע.

— פרו־מעלע? נו, ביסטו דאָך זייער א טיַיער מיידל, פרומעלע. טאָ פארוואָס־זשע ווילסטו ניט זיצן? זיץ. און וויאזוי הייסט דיַין טאטע?

— פרומע אכיעזעראָוויטש!

— וויאזוי? וויאזוי?

— פראָים אכיעזעראָוויטש, — האָט זיך די קליינע פארכאפט און איז געוואָרן רויט ווי א פיַיער.

— א־הא ?! און וואָס איז זײַן אַרבעט ?
— אַן אינספּעקטאָר אױף דער קאָנדיטער־פֿאַבריק.
— זייער שיין... אױף װעלכער שפּראַך רעדסטו ?
— אױף דער־אָ...
— גו־וט... — די סעקרעטאַרשע אין די ברילן, וואָס איז געזעסן בײַ דער זײַט, האָט, ווײַזט אויס, אַלץ פֿאַרשריבן.
— דעם ערשטן סענטיאַבער, — האָט דער פֿאַרוואַלטער געזאָגט, — זאָלסטו קומען, פֿרומעלע, אַליין אָדער מיטן זיידן אין שול אַרײַן. כאָטש װערטע עטיע װעט זײַן דײַן לערערן.
בײַ די־אָ רייד האָט די סעקרעטאַרשע אין די ברילן דערלאַנגט דעם זיידן פֿאַרפּולטע קאַרטלעך. דער זיידע האָט זיך געכאַסמעט, און די סעקרעטאַרשע האָט איין קאַרטעלע, א קליינס, אָפּגעגעבן דעם זיידן צו דער האַנט.

פֿאַר דער שילערן פֿון דער פֿיר־און־דרײַסיקסטער שול נול־קלאַס פֿרומע פּראָיִמס פֿריינק.

— אַלץ ? — האָט דער זיידע אַ פֿרעג געטאָן.
דער פֿאַרוואַלטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אױף יאָ.
בײַם זיידן אונטער די בלויע ברילן האָבן אַ פֿינקל געטאָן טרערן, עפּעס טרערן פֿון פֿרייד.
ער האָט זיך געזעגנט מיט די לערער און זיי געדאַנקט. זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס ער דאַנקט זיי, וואָרעם זיי האָבן ניט געוווּסט, מיט וואָס זײַן האַרץ איז געווען פֿול דעם גאַנצן פֿרימאָרגן...
— איר זײַנט יונגע אַלע, — האָט זיך פּלוצעם דער זיידע אומגעקערט פֿון אינמיטן צימער און זיך אָנגערופֿן צו די לערער, — ווייסט איר עפּשער גיט, וויִאַזוי ס׳האָט זיך אַמאָל געטאָן. איך וועל אײַך נאָך ווען עס איז דערציילן אַ מײַסע מיט „יאַווריי“ און מיט אַן „אַקזאַמענט“, וועט איר שוין דאַפּקע האָבן וואָס צו הערן... אַ גוטן טאָג !..
פֿרומעלע האָט אויך געזאָגט „אַ גוטן טאָג“. זי האָט זיך שוין ניט געשעמט און געקוקט אַ צופֿרידענע די לערער אין די פֿענצטער אַרײַן.

אינדערהיים האָט פרומעלע געשטיפט און געטאנצט. זי האָט מאַמעש איבערגעקערט די שטוב. די שטוב־לײַט זײַנען אויך געווען צופרידן, דעריקערשט דער זיידע. ער איז געווען שטארק אופגעלייגט.

— טאק, טאק, — האָט ער אלע מאָל געכאזוערט צו זיך אליין.

און ערשט פארנאכט, אז דער טאטע האָט געזוכט א פען און ניט געוווּסט, ווּ אלע פענעס זײַנען אהינגעקומען, האָט זיך פרומעלע דערמאנט, אז זיי ליגן דאָך בא איר אין פענאל... מע האָט זיי גאָר ניט נעדאַרפט דאָרטן, אירע פענעס... אבי זי האָט זיי אומזיסט געטראָגן אין שול ארײַן.



דער זיידע פעטראָ און זײַנע אייניקלעך

אין אַ דאָרף אין אַ גרויסן, אָט דאָ ניט ווײַט פון שטאָט, וווינט דער אַלטער זיידע פעטראָ, לויטן טאַטנס נאָמען — פעטראָוויטש.

פעטראָ פעטראָוויטש קוקט נאָך אָן ברילן, ער הערט אויף ביידע אויערן, ער האָט נאָך אַלע ציין אין מויל, נאָר דער קאָפּ איז אים שוין גרוי, און אַז ער גייט ערגעץ, שפּאַרט ער זיך אָן אויף זײַן גלאַטן אויסגעבויגענעם שטעקן. פאַר אַן אַלטן מענטשן פּאַסט אַזוי.

אויף די עלטערע יאָרן האָט דער זיידע דערלעבט זען אַסאַך גוטס מיט זײַנע אייגענע אויגן.

דעם קייסער אַראָפּגעוואָרפן, די פּריצים פאַרטריבן. וואָס קאָן נאָך בעסער זײַן?

די ערד איז אונדזערע, דאָס פאָלק איז פרײַ, די מאַכט איז אין אייגענע — לעב און פריי זיך מיטן לעבן!

אַמאָל, געדענקט דער אַלטער פעטראָ, איז אינעם גאַנצן דאָרף געווען איין מענטש, וואָס האָט זיך קוים געקאָנט כאַסמענען. איצט

איז ניטאָ קיין איינער, סײַ צווישן די עלטערע, סײַ צווישן די יונגע, וואָס זאָלן ניט קאָנען לייענען און שרײַבן.

דעם אַלטנס אייניקלעך — ער האָט זיי מער פון פערציק, — וואָס קאָנען זיי ניט? ווי אַ פיש אין וואַסער פילט זיך יעדערער פון זיי אינעם נײַעם פרײַען לעבן.

ער האָט אייניקלעך קאָלווירטלער און אייניקלעך אין די שאַכטעס, ער האָט אייניקלעך אַגראָנאָמען, אייניקלעך שאָפערן. פאַראַן צווישן זיי אויך שפּילערס און טענצערס, און דרײַ שרײַבן אַליין אין די גאַזעטן.

זײַן טעקליעס טאָכטער מאַרישע איז געוואָרן אַ דאָקטערשע. אַז זי איז געקומען אַהיים צוגאַסט, זאָגט זי:

— גיב, זיידענקע, וועל איך דיך באַטראַכטן.

דער זיידע פּעטראָ האָט אָבער ליב אַ ווערטל. זאָגט ער:

— טראַכטן, מײַן קינד, קאָנסטו, וויפל דו ווילסט, אָבער פון שלאָפע — ניט פון קיין געזונטע. ווי דו זעסט, בין איך נאָך דערווײַל באַם בעסטן געזונט.

און דער זיידע פּעטראָ איז טאַקע אַ געזונטער. ער האָט נאָך ביז פאַראַיאָרן געפּאַשעט די קאָלווירטישע טשערעדע, און איצט היט ער די קאָאָפּעראַציע אין דאָרף.

איינמאָל גייט דער זיידע פּעטראָ. ער שטעלט פיס איבערן ברייטן טראַקט און קוקט צו די פעלדער, וואָס האָבן הײַנטיקס יאָר געראָטן. ער קוקט צו דער הוטע, וואָס לאָזט אַ רויך פון די קוימענס און אַרבעט געשמאַק. אָט איז דער שליאַך, אָט גייען די נײַנקע רעלסן, וואָס פירן פון הוטע אין שטאָט אַרײַן. פון איין זײַט — די פעלדער, פון דער צווייטער — דער טײַך. פון יענער זײַט טײַך זעט ער דעם גרויסן ציגל־זאַוואָד, וואָס האָט אַמאָל געהערט צום בלוטזויגער דעם פּאָרעצ. פון יענער זײַט ציגל־זאַוואָד געפינט זיך דער אַעראָדראָם. דאָרטן פליען אַרומעט אַעראָפּלאַנען, ווי די פייגל, און כעוורע לערנען זיך.

מע דאַרף, מע דאַרף קאָנען. מע דאַרף קאָנען פליען, מע דאַרף קאָנען שיסן. אַזאַ לאַנד דאַרף מען קאָנען באַשיצן.

דער זיידע קוקט און קאָן זיך זאַט ניט אָנקוקן. אַז אַלץ איז דאָך אונדזערס! דערווײַל פאָרט אָן אַ פור מיט אַ פײַנער פּאָר אָקסן.

— זיידענקע, וואָס דארפסטו גיין צופוס? קריך אפן וואָגן, וועל איך דיך צופירן.

דער זיידע טוט א קוק... יאָ, דאָס איז זיין אייניקל ניקיפאָר, וואָס וווינט מיט זיינע עלטערן בא די דרייצן קילאָמעטער פונדאנען. ער האָט, קענטיק, געפירט היי צום פונקט, און איצט פאָרט ער צוריק אהיים. ניקיפאָר זיצט אפן וואָגן אין אן אויסגענייטער העמד און קוועלט.

— קריך, זאָגסטו, אפן וואָגן? — פרעגט אים דער זיידע איבער. — כע־כע...

אָבער אף די רייד איז אָנגעפאָרן דאָס צווייטע אייניקל מעפאָדי אף א פאָר ברענענדיקע קאָלווירטישע פערד.

טטפר־רר־רו־או־או! — האָט ער א געשריי געטאָן צו זיינע אָדלערס און שטייף אָנגעצויגן די לייצעס.

— אָטאָ באלד וועט דער זיידע זיך שלעפן אף א פור מיט אָקסן! — מאכט מעפאָדי א פריילעכער. — קריך, זיידענקע, צו מיר אפן וואָגן — וועסט זיך ניט באווייזן ארומקוקן, ווי דו ביסט שוין אינדערהיים.

דער זיידע זעט, ווי די פערדלעך רייסן זיך צום לויפן! מיט אזעלכע פערד פלעג אמאָל דער פאָרעץ זעלענסקי זיך יאָגן א שיקערער פון איין שענק צום צווייטן, און איצט איז דאָס אלץ אונדזערס.

— צו דיר, זאָגסטו, קריכן אפן וואָגן...

— גלינג־גלינג־גלינג, — האָט זיך צעקלונגען דער טראמוויי אף די רעלסן, וואָס לויפן דאָ פארביי דעם שליאך.

קאטיע, זיין כריסטיעס שטאָטישע שנור, זיצט לעבן דעם מאָטאָר און קוועלט.

— אָטאָ באלד, — האָט זיך קאטיע א פריילעכע אָנגערופן, — וועט דער זיידע נעמען קלעטערן צו דיר אפן וואָגן, בא מיר אין טראמוויי וועט ער זיך זעצן אף א פאָליטורטן בענקעלע און קוקן אין די פענצטער אין ביידע זייטן. דאָ איז שיין, ליכטיק, ציכטיק און גערוים, א מעכייע!..

— זיידענקע, שטעל זיך אפן טרעפל, די צייט שטייט ניט.

דער זיידע האָט א קוק געטאָן אפן שיינעם שטיבעלע מיט די פריילעכע פאסאזשירן, וואָס קוקן אהער פון אלע פענצטער.

— כע־כע, טו נאָר א קוק! טו נאָר א קוק, — מאכט דער זיידע צו די איבעריקע אייניקלעך.

ער באַווײַזט אָבער ניט אויסריידן די לעצטע ווערטער, ווי עס יאָגט אָן אַן אווטאָמאשין און שטעלט זיך אָפּ אַקוראַט לעבן דעם זיידן.

— טו־טו! — האָט די מאשין א פּײַפּ געטאָן צו די איבעריקע פאָרערס.

אין קאבינע האָט זיך אראָפּגערוקט די טאפליע, און פעטריק, טעק־ליעס קלענער יינגל, האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ.

— אָ, אָ, זיידע! איך פאָר פון מ.ט.ס. גלײַך צו אונדז אין דאָרף ארײַן. קום צו מיר. וועסט זיצן אָפּ ווייכן, און אָפּ ווייכן וועסטו זיך אָנשפּארן. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, איז מײַן אווטאָ ניט קיין טראַמוויי. יענער, אז ס'איז דאָ רעלסן, פאָרט ער, און אז ניט — פאָרט ער ניט. אָבער איך פאָר אומעטום און פאַרקערעווע וווּהין איך וויל!.. אין וועלכן טירל ווילסטו ארײַנגיין, אהער צי אהער?

אין די רייד איז אָפּן דניעפּער דורכגעפאָרן דער דאמפּער „הײמ־לאנד".

— א־או, זיידענקע, אהער!

דער זיידע האָט א קוק געטאָן אָפּן דאמפּער. פון אויבן, אָפּן קאפּיטאַן־בריקל איז געשטאַנען זײַן אייניקל סימפּלעטאָ מיט די בלאָנדע ראַסנע האָר. דאָס איז דאָך זי, סימפּלעטאָ, מארטינס טאָכטער! אך, ס'ארא שיינע שיף זי פירט עס איבערן וואסער!.. זי גייט און גייט. מיט איר איז נאָך בעסער צו פאָרן, ווי מיטן אווטאָמאָביל. זי גייט איבער דער גלאטער אויבערפלאך פון דער וואסער, סע טרייסלט ניט, עס העצקעט ניט, ניטאָ בא דער זײַט קיין כוואַסעס.

— כע־כע, זע נאָר, זע, טו א קוק אָפּ סימפּלעטען, — ווײַזט דער זיידע מיטן שטעקן.

ער האָט אָבער ניט באַוויזן אויסריידן, ווי ס'איז איבערן קאָפּ דורכ־געפלויגן א שטאָלענער פויגל. א ציכטיקער אעראָפּלאַן מיט רויטע שטערנדלעך אָפּ דער אונטערשטער ווײַסקײַט פון די פליגלען.

— ס'איז דאָך לעקסיי, מײַן מארינקעס מיטלסטער איידעם. אָ, אָט דאָס איז שיין! ער פליט, און קיינער קאָן אים ניט פארהאלטן. ניט קיין בערג און ניט קיין וועלדער, ניט קיין זומפּן און נישט קיין פעלדזן.

— מיט וועמען־זשע ווילסטו פאָרנ ? — האָט אָנגענומענ דעמ זיידנ בא דער האנט איינער פונ זײַנע קלענסטע אייניקלעכ, קאָסטיק, דער שילער, וואָס איז געגאנגענ אקוראט פונ שול אהיימ.

אָבער דער זיידע האָט דאָכ ליב א ווערטל, זאָגט ער:

— ע, מײַנע קינדער, איר קענט נאָכ ניט דעמ אלטנ הירט *, זײַנע אייגענע פיס האָבנ אימ אליינ פארפירט!.. אָנ איז דאָכ שוינ אונדזער שטוב! — אונ ער האָט גענומענ פאָכענ מיט דער לינקער האנט צו זײַנע באליבטע אייניקלעכ.

די אייניקלעכ זײַנענ זיכ צעפאָרנ יעדערער אינ זײַנ זײַט, אונ דער זיידע איז א פריילעכער אוועק אהיימ.

געקומענ אינ שטוב, זאָגט דער זיידע צו פאשענ, צו קאָסטיעס שוועסטערל:

— דריי נאָר אָנ, מײַנ טאָכטער, די ראַדיאָ. איכ וואָלט עפּעס וועלנ אהינצו ארײַנריידנ. ווי קלערסטו, טאָכטער ? איכ מיינ, זאָל די גאנצע וועלט וויסנ, וואָס דער אלטער פעטראָ האָט דערלעבט!

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

---

* הירט — פאסטעכ.

אינהאלט

זײַט

צי ס׳קעדײַ זיך הענגען אפ טראַמווײַען . . . 3
אמאָל איז געווען, אָדער די וועלט איז קײַלעכדיק . . . 8
די נאשערן . . . 14
שטעלמאהאָ . . . 21
אזא גאסט (סקיצע) . . . 26
דער ערשטער טראָט . . . 31
„דוואָסקע" . . . 37
אין זאָאָלאָגישן גאָרטן . . . 43
א מײַסעלע . . . 54
טאטעשי, טאטעשי, זיץ ניט אזוי... . . . 59
האָן געלמײַטקע און הון קרוינדל-קעפּל . . . 64
א גאָרטן בעשוטפעס . . . 71
א שיינער ווינטער . . . 79
א קלייניק מייסעלע . . . 85
וואָס גערעדט און וואָס געמיינט . . . 88
מייער פּאָלגט א גאנג . . . 93
ארומ שול . . . 97
דעמ זייפערס אייניקל . . . 104
הינדעלעך און קאטשקעלעך . . . 107
די באר און די לימענע . . . 113
א מין גוטע, א מין פריילעכע וועלט ס׳איז . . . 118
וועדליק און פּאָדליק . . . 125
בוימל קויפט מען? — בוימל מאכט מען! . . . 130
דאָס עלעקטרישע גלעקל . . . 136
רויטער האָן . . . 141
איך האָב געוואָלט, ליע זאָל עסן . . . 144
טרויער . . . 154
„או — א" . . . 162
דער זיידע פּעטראָ און זײַנע אייניקלעך . . . 171